## סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חֵלֶק א'

### אִידִישׁ

שַׁיינֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּל מִיט הִתְחַזְקוּת וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוּן זִיךְּ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָב עֶר גֶעפוּנְט זִיךְּ, מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אוֹיפְ'ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ'ן,

אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים,

אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא

אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן שְׁנַת תשע"ח לפ"ק

דוּרְךְּ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

קרן הדפסה היכל הקודש

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
845-243-0563

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Blominggrove
24 Merriewold Ln S
845-379-1161

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**Visit Our Web Site:**
**www.BreslevCenter.com**

**צו הערן די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט**

**קול ברסלב**
212-444-9191

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
212-444-9169

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

## חיזוק צום טיר!

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות,
ניגונים סידי'ס, USB'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר! רופט אריין: 347-509-4908

# לזכר עולם יהיה צדיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קִטְרָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

## דולה ומשקה מתורת רבנו

הספר הקדוש הזה נדפס

לזכות הרה"ג

מוה"ר **יואל ראטה** שליט"א

ראש ישיבת תפארת התורה

ברסלב

יהי רצון שיזכה

לכל הברכות הכתובות בתורה,

מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

שפע קודש בבני חיי ומזוני,

אריכות ימים ושנים

ונחת דקדושה מכל יוצאי חלציו

אמן כן יהי רצון

# אַ וָוארְט פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן עֵצוֹת. וָואס מִיט זֵיי קֶען יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיז'ן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח): "מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֶמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי אִיךְ ווייס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", ווייל יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִיץ קוּמֶען סֵיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה; אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִיץ קוּמֶען פַארְ'ן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ וַוייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֶמֶת'ער עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ט) אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת. אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זַייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים ד, ט) "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" - "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!"

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָּארְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עִיקָר צִיל אִין לֶעבְּן. זַיין מִיה אוּן פְּלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, בָּרוּךְ ה', נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט. דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק זַיין, אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ שִׂמְחַת הַחַיִּים, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקַיֵּים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

אִין דֶעם בִּיטֶערְן טָאג י"ז שְׁבָט תשע"ה לפ"ק, הָאבְּן מִיר פַארְלוֹירְן דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵידָה שֶׁאֵין לָהּ תְּמוּרָה, וֶוען כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵידָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁעוּר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע

לְמוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן און אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי וֶועגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, און דַאן וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל און דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים און מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז נָאךְ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה', אוֹת י"א-י"ב) אוֹיף דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (דְבָרִים ל"א, כ"ט) "כִּי יָדַעְתִּי אַחֲרֵי מוֹתִי כִּי הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אָפְּקֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י אַז מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז דִי אִידְן זֶענֶען יָא גֶעוֶוען וואוֹיל און עֶרְלִיךְ אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר פוּן דֶעם לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד לֶעבְּט, אִיז דָאס נָאךְ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶעבְּט. וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט. פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל זָאגְן אַז אַ צַדִיק אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת י"ח.) "צַדִיקִים בְּמִיתָתָן נִקְרְאוּ חַיִים", אֲפִילוּ וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס נָאךְ אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט.

נָאר דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, קע"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ל"ד, ה') "וַיָמָת שָׁם מֹשֶׁה עֶבֶד ה'", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? נָאר בֶּאֱמֶת אִיז עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר בַּיי אוּנְז אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז בֶּאֱמֶת שְׁטַארְבְּט אַ צַדִיק קֵיינְמָאל נִישְׁט, זַיינֶע תּוֹרוֹת און לִמוּדִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; נָאר אוֹיבּ מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט זַיין תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אִין זַיינֶע וֶועגְן, דַאן אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי אוּנְז. וִוי לַאנְג עֶס

לֶעבְּט אָבֶער אַ תַּלְמִיד וָואס עֶר גֶעבְּט וַוייטֶער אִיבֶּער דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִיק, דַאן לֶעבְּט דֶער צַדִיק וַוייטֶער בַּיי אוּנְז. אוּן דֶערִיבֶּער, וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאכְאַלְץ גֶעלֶעבְּט.

זָאגְט דָארְט וַוייטֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם דוֹר, נָאר דָאס גֵייט וַוייטֶער אָן בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִיק אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז סְ'אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אֵיינְס אָדֶער מֶערֶערֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, וָואס זֵיי הָאבְּן דֶעם כֹּחַ וַוייטֶער אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִיק. דִי אֱמֶת'ע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִיק, זֶענֶען אַזוֹי וִוי עֶר אַלֵיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז'), אוּן וֶוען זֵיי גֶעבְּן וַוייטֶער אִיבֶּער דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִיק, אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז דָא מִיט אוּנְז, עֶר וֶועט נִתְלַבֵּשׁ אִין דֶעם תַּלְמִיד'ס דִיבּוּרִים, אוּן עֶס אִיז מַמָשׁ וִוי דֶער צַדִיק לֶעבְּט מִיט אוּנְז אוּן רֶעדְט צוּ אוּנְז, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת צ"ז:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"א, ה') "אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים", אַז וֶוען מְ'זָאגְט נָאךְ אַ דְבַר הֲלָכָה פוּן אַ תַּלְמוּד חָכָם, רֶעדְן מִיט זַיינֶע לִיפְּן אִין קֶבֶר.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּזוּכְן דֶעם תַּלְמִיד וָואס קֶען אוּנְז אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס קֶען אוּנְז וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, מִיט דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוּן הֵיילִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִין יָאר תשס"ט לפ"ק אִיז גֶעעֶפְנְט גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה "יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה הרה"ג מוה"ר יוֹאֵל רָאטְה שְׁלִיטָ"א,

דֶער תַּלְמִיד חָבִיב פוּן כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיטְ'ן צִיל אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי לִמוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

כָאטְשׁ וָואס אִין אָנְהוֹיב אִיז דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע שְׁוֶועריִקַייטְן, הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער צֶעוָואקְסְן אוֹיף גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, נִישְׁט נָאר אִין דִי רַאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה לֶעבְּן דִי בָּחוּרִים מִיט דִי לִמוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר עֶס הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן אִיבֶּעְרָאל הֶערְט מֶען דִי דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה, טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גָארֶער וֶועלְט שֶׁעפְּן הִתְחַזְקוּת פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת. בַּיי דִי דְרָשׁוֹת זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלוֹיז אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נָאר עֶר בְּרֶענְגְט עֶס מֶער אַרָאפּ אַז סְ'זָאל זַיין פַּאסִיג פַארְ'ן הַיינְטִיגְן דוֹר, מִיט דִי הַיינְטִיגֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָב, וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאנוּצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אוּנְזֶער הַיינְטִיגְן לֶעבְּן.

אַזוֹי וִוי דֶער נָאמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען בְּרִיוו פוּן אִיבֶּעְרָאל אָנְצוּפְרֶעגְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט מַצָבִים, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט הָאט זִיךְ אוֹיךְ גָאר שְׁטַארְק צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן וֶוערְן גֶעלֵיינְט דוּרְךְ טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וֶועלְכֶע גֶענִיסְן דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת אוּן הַדְרָכוֹת.

עֶס אִיז גְרוֹיס אוּנְזֶער פְרֵייד אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן מִיר צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַלֶע בְּרִיוו, אוּן עֶס אָפְּגֶעדְרוּקְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם

פָּארְמַאט, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֵ' זַיין דֶערְמִיט. דֶער סֵפֶר וֶועט זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין פִילֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַרַייְנְגֶעלֵייגְט דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף יֶעדְן בְּרִיוו, כְּדֵי מֶען זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין אוֹיף וָואס דִי תְּשׁוּבוֹת בַּאצִיעֶן זִיךְ. כָאטְשׁ וָואס דִי בְּרִיוְו זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע בְּרִיוְו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן לוֹיט דִי פְּרַאגֶע וָואס יֶענֶער הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט, אִיז עֶס אָבֶּער גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא וֶועג אַז יֶעדֶער אִיד וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַן עֶנְלִיכְן מַצָב זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זַיין עֵצָה אוּן הִילְף וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגְן אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

**הַמוֹצִיאִים לָאוֹר**

## תּוֹכֶן הָעִנְיָנִים


א חִזּוּק אוֹיף לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת און גְּמָרָא.........................טו

ב עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ פָארְן קֵיין אוּמַאן...............................יז

ג אִיךְ קֶען נִישְׁט הִיטְן מַיְינֶע אוֹיגְן................................ כב

ד פְּרֶעמְדֶע מַחְשָׁבוֹת אִינְמִיטְן זָאגְן תְּהִלִּים............................ כה

ה הִילְף מִיט אַ מַאן וָואס פַאלְט אִין אִידִישְׁקֵייט.......................... כו

ו וַויְיזְן קְלִיפְּס פַאר קִינְדֶער..................................................ל

ז מַיין וַוייבּ וִויל גֵיין צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט............................... לב

ח קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.................................................לו

ט עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן............................. לט

י טְרִינְקֶען בְּרוּנְפְן אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שׁוּל.................................מא

יא וָואס זֶענֶען דִי תַּקָּנוֹת הַיְשִׁיבָה?............................................מג

יב אוֹיבּ וֶוער אִיךְ אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, וֶועל אִיךְ הָאבְּן מַחְלוֹקֶת...............מו

יג מַסֶּכֶת תַּעֲנִית פַאר אַ שִׁידּוּךְ, פַאר בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה. מט

יד אִיךְ וִויל וֶוערְן אַ נַייעֶ מֶענְטְשׁ, אִיךְ וִויל אַז מַיין וַוייבּ זָאל דָאס אָנְנֶעמֶען. . נג

טו וָואס אִיז דִי אֱמֶת'דִיגֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידוּת?.............................נט

טז ווִי אַזוֹי וֶוער אִיךְ פָּטוּר פוּן מַיין נִסָּיוֹן צוּ אַ סְמַארְטְפָאוּן?...................סג

יז מַסְכִּים זַיין אַז עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֵיין דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה?סז

יח מַיין בַּאלֶעבָּאס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם גֶעפִיל צוּ מַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.........ע

יט אִיךְ וִויל אוֹיסְדְרוּקְן מַיין הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.................. עה

כ אִיךְ שְׁפִּיר מֶער אַ גֶעשְׁמַאק אִין עִיּוּן; מַיין וַוייבּ לָאזְט מִיר נִישְׁט פָארְן קֵיין אוּמַאן.......................................................................... עח

כא אִיךְ לַייד גֶעפֶערְלִיךְ פוּן מַיין מַאן...................................פא

כב בַּיי אַ צִיּוּן בֶּעט מֶען פוּנֶעם צַדִּיק אָדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?..............פו

כג מַיין אֵיינְצִיג קִינְד ווִיל נִישְׁט רֶעדְן צוּ מִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט זֶען מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ.. פח

כד אִין מַיין מַצָּב ווִיל אִיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן דָא אַלֵיינְס דוּרְכְאוֹיס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.....צג

כה פַארְוָואס רֶעדְט אִיר קֶעגְן אַנְדֶערֶע בְּרֶסְלֶבּ'עֶ חֲסִידִים?..............צו

כו אִיז גֶענוּג צוּ גִיסְן תִּשְׁעָה קַבִּין אַנְשְׁטָאט מִקְוֶה?......................קו

כז מַיין מַאן פָארְט אוֹיף אוּמַאן, עֶס פֶעלְט דִי עֶרְנְסְטְקַייט פוּן יוֹם טוֹב אִינְדֶערְהֵיים.. קח

כח פַארְוָואס מַאכְט מֶען אַזַא טְרַאסְק פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן?...........קי

כט קֶען אִיךְ זַיין אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר, אוּן בְּלַייבְּן אַ חָסִיד פוּן מַיין רֶבִּי?............ קטז

ל יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער, אִיךְ לַייד אָבֶער נָאכְאַלְץ פוּן מַיין מַאן..... קיח

לא מֶעג מֶען זָאגְן לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוּם שַׁבָּת? אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז מִשְׁנָיוֹת זָאל מִיר הֶעלְפְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת..............................קכד

לב גֵיין צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט; אַ קִינְד וָואס מַאכְט מַחְלוֹקֶת. ..................קכח

לג מִיטְנֶעמֶען אַ קְלֵיין קִינְד אִין בֵּית הַכִּסֵּא..............................קלה

לד פַארְוָואס רֶעדְט אִיר נִישְׁט אוֹיךְ פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן?.......קלח

לה וֶוען אוּן וואוּ קֶען מֶען עֶסְן פְלֵייש? .....................................קמו

לו ווִי אַזוֹי דַארְף מֶען מִתְפַּלֵּל זַיין אִין אוּמַאן?..........................קנ

לז זָאל אִיךְ פָארְן אוֹיף אוּמַאן, אוֹיבּ מַיין טַאטֶע וֶועט הָאבְּן צַעַר פוּן דֶעם?..קנד

לח פַארְוָואס הָאט אִיר מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם? ........................ קנח

לט לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּטְס.................................קסב

מ אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען בְּרֶסְלֶבּ'עֶ סְפָרִים, וואוּ הֵייבּ אִיךְ אָן? ................. קסז

מא וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?............ קעג

מב אִין וֶועלְכֶע סְקוּל זָאל אִיךְ שִׁיקְן מַיין טָאכְטֶער?..........................קעח

מג טָאר מֶען טַאקֶע נִישְׁט טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְן? ..............................קפד

מד אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, אוּן עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן...... קצ

מה זָאל אִיךְ וַוייטֶער זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען גְּמָרָא? ..........קצה

מו איך ווייל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, זָאל אִיךְ נָאכְאַמָאל פָּארְן קַיין אוּמַאן?........ר
מז מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר נֶעגֶעטִיוו............................................רח
מח ווי אַזוֹי אִיז דִי תְּפִלִּין מְשַׁעְבֵּד דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ............ ריג
מט זָאל אִיךְ טוּן דֶעם שִׁידוּךְ?...................................................ריח
נ אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט מַסֶכֶת קִידוּשִׁין, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק!............. רכב
נא אִיז דֶער בָּחוּר מַיין שִׁידוּךְ? ..................................................רכו
נב ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָׁה?.........רכט
נג אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ חוֹבוֹת, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן?...............רלה
נד זָאל אִיךְ מַאכְן אַ סְלִיוו (sleeve) אָפְּצוּפָאלְן וָואג? ...........................רמא
נה בְּרֶעסְלֶב אִיז נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט אִין מַיין חֲסִידוּת. ..........................רמו
נו פַארְוָואס דֶערְמַאנְט מֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיט זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען?.............רנא
נז וֶוען אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה דִי פַּרְשִׁיּוֹת וְזֹאת הַבְּרָכָה אוּן בְּרֵאשִׁית?........רנח
נח אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט 40 מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית, ווי לַאנְג דַארְף אִיךְ יֶעצְט וַוארְטְן אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ? ...........................................................רסד
נט וואוּ רֶעדְט דֶער רֶבִּי פוּן גֵיין פְּרִי אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת? ...................רסח
ס קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ וֶוען מֶען ווִיל הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט?............................................................ ערב
סא מַיין טַאטֶע טְשֶׁעפֶּעט מִיר, וָואס קֶען אִיךְ טוּן? ............................ רפ
סב אִיךְ פַּאל אַסַאךְ דוּרְךְ, גֶעבְּט מִיר בִּיטֶע אַן עֵצָה.......................... רפד
סג מֶעג מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְווִישְׁן דִי תְּקִיעוֹת אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה?......רצ
סד קֶען מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית נָאךְ פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה?.....רצד
סה גֵיין מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּם הֵיילִיגְן צִיּוּן .......................................רחצ
סו פַארְלוֹירְן מַיין פַּרְנָסָה, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן. ..................שה
סז אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער יוּנְג, אוּן מַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט......... שיב
סח אִיךְ וֶוער אָנְגֶעצוֹיגְן וֶוען עֶס קוּמְט דִי יָמִים טוֹבִים..........................שטז
סט זָאל אִיךְ זִיךְ לֶערְנֶען EMT?.................................................שכ
ע אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צֵייטְלִיךְ אִינְדֶערְפְרִי ..........................שכג

עא אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין פַּרְנָסָה, וָואס טוּ אִיךְ?............................ שכח
עב וָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען אִין בְּרֶסְלֶב?..........................שלב
עג אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ פַאל, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?................ שמא
עד וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה?........................... שנ
עה מַיין זוּן פַאלְט פוּן אִידִישְׁקֵייט, ווי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ בַּאגֵיין מִיט אִים?....שנה
עו ווי אַזוֹי קֶען מֶען אָפְּהִיטְן דִי קִינְדֶער אִין אוּמַאן?......................... שסב
עז ווי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַריין אִין קִינְדֶער אַ גֶעשְׁמַאק אִין אִידִישְׁקֵייט?.....שסז
עח אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער שְׁטֶערְט זֵייעֶר דֶעם שַׁבָּת טִישׁ................. שעז
עט מַיין וַוייבּ טְשֶׁעפֶּעט מִיר אוּן קוּקְט מִיר אַרָאפּ..............................שפג
פ זָאל אִיךְ לֵיינֶען גוֹי'אִישֶׁע בִּיכֶער אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת?......................... שפט
פא מֶעג מֶען קוּשְׁן אַ קִינְד? פַארְוָואס רוּפְט מֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיפְ'ן מַאמֶע'ס נָאמֶען?.שצב
פב דָאס מְיַיחֵד זַיין יִחוּדִים, אִיז דָאס שַׁיָיךְ אוֹיךְ פַאר פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן?..... שצז

# א

## חִזּוּק אוֹיף לֶערְנֶען מִשְׁנַיּוֹת אוּן גְּמָרָא.

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, 33 יָאר אַלְט, אוּן אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין מַיין לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט גַאנְץ מִשְׁנָיוֹת, עֶס הָאט מִיר גֶענוּמֶען אַעל גַאנְץ יָאר עֶס צוּ עֶנְדִיגְן, אוּן אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ נָאכְדֶעם אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנָיוֹת. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ"ס אוּן אִיךְ הַאלְט שׁוֹין אִינְמִיטְן מַסֶּכֶת עֵירוּבִין.

אִיךְ הֶער אוֹיס אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ דַאנְקֶען פַאר אַלֶע גוּטֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים. אִיךְ וִויל בֶּעטְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר שְׁרַייבְּן חִיזּוּק אַז אִיךְ זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ'ן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ, י"ד סִיוָן, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט מְסַיֵּים גֶעוֶוען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין דַיין לֶעבְּן 'שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה'.**

דֶער חִידָ"א זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּרֶענְגְט (מִדְבָּר קְדֵמוֹת, מַעֲרֶכֶת א, סְעִיף נא, בְּשֵׁם סֵפֶר מִדְרַשׁ תַּלְפִּיּוֹת): "אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵּיהִנּוֹם, וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת אֵינוֹ מֵנִיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל, קוּמֶען דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה אוּן ווילְן אִים אַרַיין שְׁלֶעפְּן אִין גֵיהִנּוֹם, הֵייבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן צוּ שְׁרַייעֶן צוּ אַלֶע צַדִיקִים, עֶר שְׁרֵייט: "אַבְרָהָם אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר, יִצְחָק אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר, יַעֲקֹב אָבִינוּ רַאטֶעוֶוע מִיר", אָבֶּער קֵיינֶער עֶנְטְפֶערְט אִים נִישְׁט; נָאכְדֶעם שְׁרֵייט עֶר: "רְאוּבֵן, שִׁמְעוֹן, לֵוִי", בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּ אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב. אָשֵׁר פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, אוֹיב עֶנְטְפֶערְט עֶר 'יָא', נֶעמְט עֶר אִים אַרַיין אִין גַּן עֵדֶן; דֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'מִשְׁנָה', וֶוען אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת, "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", בְּרֶענְגְט עֶר אִים אַרַיין אִין גַּן עֵדֶן; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת.

אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ, אַז עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַתָּה עֲשֵׂה טוֹב, וַעֲסֹק בַּעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת, וּכְשֶׁתַּעֲסֹק וְתַתְמִיד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ אֲזַי הַטּוֹב יִשָּׁאֵר, וְהָרַע מִמֵּילָא יִתְבַּטֵּל" - דוּ טוּ גוּטְס, אוּן דָאס שְׁלֶעכְטְס וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק גֵיין (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמז).

זְוַי זִיס אוּן וִוי גֶעשְׁמַאק אִיז, וֶוען מֶען זִיצְט מִיט אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְּמָרָא, אוּן מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן 'סֵדֶר דֶּרֶךְ

הַלִּימוּד' וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אוּן מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן הָאט עֶר זֵייעֶר אַ זִיס לֶעבְּן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כג): "ווייל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, טְרִינְקְט קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים".

אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי שִׁיעוּרִים, אוּן דוּ לֶעבְּסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיט דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

# ב

**עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ פָאְרן קֵיין אוּמַאן.**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ. אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר, אוּן דָאס אִיז אוֹיבּ אִיךְ זָאל פָאְרן דָאס יָאר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ וָואלְט

גֶעקֶענְט פָּארְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ צְוֵויי זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן מִיר, אֵיינְס אַז עֶס קָאסְט מִיר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן צְוֵויטְנְס אַז מַיין וַוייבּ דַארְף הָאבְּן וְכוּ' אִין דִי טֶעג אַרוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן זִי וֶועט דַארְפְן מַיין הִילְף אִין יֶענֶע טֶעג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁלַח, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר; שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר צִי דוּ זָאלְסְט פָּארְן אוֹיף אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל דָאס יָאר אִיז עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִיר; קוֹדֶם וַוייל עֶס קָאסְט זֵייעֶר פִיל גֶעלְט, אוּן צְוֵוייטֶעְנְס וַוייל דַיין וַוייבּ דַארְף הָאבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ'.

**דָאס** וָואס דוּ זָאגְסְט אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער וֶועגְן גֶעלְט, מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר בִּכְלַל נִישְׁט; לָאמִיר דִיר פְרֶעגְן, אוֹיבּ עֶס וַואלְט דִיר חַס וְשָׁלוֹם אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, אוּן דוּ דַארְפְסְט זוּכְן אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר (עוֹרֵךְ דִין) וָואס זָאל דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן דֶעם גְרוֹיסְן מִשְׁפָּט, וָואלְסְטוּ גֶעקוּקְט אוֹיף גֶעלְט?! אַוַדאי נִישְׁט! אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַבִּי עֶר זָאל לֶעבְּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (אִיּוֹב

ב, ד): "עוֹר בְּעַד עוֹר, וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ, יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ", זָאגְט רַשִׁ"י: "כֵּן דֶּרֶךְ בְּנֵי אָדָם; כְּשֶׁרוֹאֶה הַחֶרֶב בָּאָה עַל רֹאשׁוֹ, מֵגִין בִּזְרוֹעוֹ לְפָנָיו, וְכָל שֶׁכֵּן כָּל אֲשֶׁר לְאִישׁ בְּמָמוֹן - יִתֵּן", וָוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז מֶען וויל אִים חַס וְשָׁלוֹם שְׁטֶעכְן אִין קָאפּ, לֵייגְט מֶען דִי הַאנְט - מֶען זָאל עֶנְדֶערְשׁ צֶעשְׁטֶעכְן דִי הַאנְט ווִי דֶער קָאפּ וְכוּ', אוּן זִיכֶער אַז מֶען וֶועט זִיךְ רַאטֶעוֶוען מִיט גֶעלְט ווִי אֵיידֶער מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים - זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֶעְדַּר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער, מַיינֶע מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן דָאךְ אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל

קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ - לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

**דֶערְפַאר** פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וָואס דוּ שְׁרֵייבְּסְט מִיר, אַז דָאס יָאר קֶענְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען וַוייל עֶס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה טז.): "כָּל מְזוֹנוֹתָיו שֶׁל אָדָם קְצוּבִים לוֹ מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וְעַד יוֹם הַכִּפּוּרִים, חוּץ מֵהוֹצָאַת שַׁבָּתוֹת וְהוֹצָאַת יוֹם טוֹב וְהוֹצָאַת בָּנָיו לְתַלְמוּד תּוֹרָה, שֶׁאִם פָּחַת פּוֹחֲתִין לוֹ, וְאִם הוֹסִיף מוֹסִיפִין לוֹ", רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט פוּנֶעם יָאר, אַזוֹי אוֹיךְ אַלֶעס וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיטְן מֶענְטְשׁ אוּן מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען: "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן - כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב, וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ, וּמִי בַמַּגֵּפָה"; נָאכְמֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהַרַ"ן, סִימָן תסו), אַז וֶוען דֶער חַזָּן זָאגְט: "מִי, וּמִי, וּמִי" דָארְט אִיז מְרוּמָז אַלֶעס וָואס שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם פִּיוּט פוּן וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף; פְרֶעג אִיךְ דִיר, אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִּיק פוּן צְווֵיי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים, דַארְף מֶען מֶער פוּן דֶעם?

**אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר עֶר פָּארְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

**זִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז דִי אַלֶע טוֹיזֶנְטֶער אִידְן וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן - קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט גְרִינְגֶערְהֵייט, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ; נָאר וָואס דֶען? אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען, קוּמְט מֶען אָן קַיין קַשְׁיוֹת. אוּן וֶועגְן גֶעלְט דַארְפְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר צוּרִיק גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע קָאסְטְן פוּן דִי נְסִיעָה.

**דָאס** וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דַיין וַוייבּ דַארְף הָאבְּן פּוּנְקְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה; אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט אַז דָאס יָאר זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט אִיר, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַחֲלוֹקֶת אוּן דוּ וֶועסְט קֶענֶען פָּארְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע יָארְן; אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (יוֹמָא פה.): "חַלֵּל עָלָיו שַׁבָּת אַחַת כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמוֹר שַׁבָּתוֹת הַרְבֵּה"; וַוייל אַז דוּ וֶועסְט פָּארְן דָאס יָאר, וֶועט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף דִיר אוּן דוּ וֶועסְט עֶס נִישְׁט קֶענֶען אַרִיבֶּער טְרָאגְן; אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף דִיר דַיין וַוייבּ הָאבְּן אַז דוּ זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן וְכוּ'.

**בִּיז** רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נָאךְ דָא אַסַאךְ צַייט. זַיי מִתְפַּלֵּל אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; וַוייל תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס, מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים וְנִפְלָאוֹת.

## ג

### אִיךְ קֶען נִישְׁט הִיטְן מַיינֶע אויגְן.

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַ יָאר צוּרִיק. אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ דַאוֶוען אוּן אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג, אָבֶער אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הִיטְן דִי אוֹיגְן. אִיךְ זֶע אַז לֶעצְטְנְס אִיז מִיר נָאךְ פִיל שְׁוֶוערֶער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, מֶער פוּן אַמָאל.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אוּן גֶעבְּט מִיר חִיזּוּק אוֹיף דֶעם אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ג' תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פַּארְוָואס עֶס קוּמְט דִיר אָן הַיינְט אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער דַיין שְׁמִירַת עֵינַיִם, מֶער ווִי אַמָאל פַאר דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְכוּ', אוּן דוּ זָאגְסְט מִיר אַז דוּ הַאלְטְּסְט עֶס נִישְׁט אוֹיס וְכוּ'; אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט דִיר זַיין אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סוּכָּה נב.): אַבַּיֵי הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אָפּ מִיט אַ פְרֶעמְדֶע פְרוֹי צוּ גֵיין צוּזַאמֶען שְׁפַּאצִירְן צוּ אַ צְוֵוייטֶע שְׁטָאט, הָאט אַבַּיֵי גֶעזָאגְט 'אִיךְ וֶועל גֵיין אוּנְטֶער זֵיי אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירָה', עֶר אִיז זֵיי נָאכְגֶעגַאנְגֶען דְרֵיי פַּרְסָה, אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן: "אַ שָׁאד אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ שׁוֹין צֶעטֵיילְן נָאךְ אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע שְׁמוּעֶס", הָאט אַבַּיֵי גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין אַזַא נִסָיוֹן', אוּן אַבַּיֵי אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן. עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין בַּיים טִיר פוּן שְׁטָאט אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיין גֵיין פוּן גְרוֹיס צֶעבְּרָאכְנְקַייט, דָא זֶעט עֶר צְוֵויי פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן צוּזַאמֶען אַ לַאנְגֶע שְׁטִילֶע וֶועג אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ טוּן קַיין עֲבֵירָה, אוּן עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר וָואלְט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין וְכוּ'. אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "שְׁטַארְק דִיר אַבַּיֵי אוּן זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, וַוייל: 'כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָדוֹל הֵימֶנּוּ', ווִי גְרֶעסֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַלְץ אַ גְרֶעסֶערֶע יֵצֶר הָרָע הָאט עֶר".

**דָאס** זָאג אִיךְ דִיר אוֹיךְ טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר; שְׁטַארְק דִיר, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דוּ הָאסְט גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ'; דוּ טְרַאכְסְט 'אַמָאל הָאב אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט דִי סָארְט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת'. דָאס אִיז וַוייל אַמָאל בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין אוּן שְׁטַארְק מִיט דַיין אִידִישְׁקֵייט אַזוֹי ווִי דוּ בִּיסְט הַיינְט, דֶערְפַאר ווִיל דִיר דֶער יֵצֶר הָרָע

אָרָאפּ וַוארְפְן; דוּ בִּיסְט גְעוֶוען יָארְן בַּיים יֵצֶר הָרָע אִין טַאש, פְּלוּצְלִינְג הָאסְטוּ אוּיפְגֶעשְׁנִיטְן אַ לָאךְ אִין זִיךְ אַרוֹיס גֶעכַאפְּט פוּן דָארְט, וָואס טְרַאכְסְטוּ, אַז דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט דִיר אָפְּלָאזְן? וָואס מֵיינְסְטוּ, דֶער יֵצֶר הָרָע וֶועט דִיר נִישְׁט וֶועלְן צוּרִיק כַאפְּן צוּ זִיךְ אִין קֶעשֶׁענֶע?!

**אָבֶער** זָארְג נִישְׁט טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עח): "אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל", עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין יֵאוּשׁ; אוּן ר' יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: "אֵיינְמָאל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן 'קַיין יֵאוּשׁ אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען', קֶען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טַאנְצְן פוּן דֶער עֶרְד בִּיזְן הִימְל, עֶס וֶועט אִים גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן". שְׁטַארְק דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן אוּן דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

קוּק צוּרִיק וֶועסְטוּ זֶען, אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהָאלְפְן דִי יְשִׁיבָה הָאבְּן זֵייעֶר שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט; דֶער רֶבִּי בַּאצָאלְט סַיי אוֹיף דֶער וֶועלְט סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**אִיךְ** בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן טָאג; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט אִם יִרְצֶה ה' אוּיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב בְּקָרוֹב, אָמֵן.

זַיי גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

# ד

## פְרֶעמְדֶע מַחְשָׁבוֹת אִינְמִיטְן זָאגְן תְּהִלִּים.

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִין דִי לֶעצְטֶע פָּאר וָואכְן הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּזָאגְן יֶעדְן טָאג גַאנְץ תְּהִלִּים אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה אִין אַ גֶעוִויסֶע עִנְיָן. אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ זָאג תְּהִלִּים קוּמֶען מִיר אַרַיין אִין קָאפּ מַחְשָׁבוֹת, אַמָאל פוּן סְתַם נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אַמָאל פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן. אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ וֶוערְט דִי תְּהִלִּים נִתְקַבֵּל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט מִיר אַרַיין דִי מַחְשָׁבוֹת. אֶפְשָׁר דַארְף נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזַא סָארְט תְּהִלִּים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער.

### תְשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בָּלָק, י"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ זָאגְסְט יֶעדְן טָאג תְּהִילִים, אִין דֶעם זְכוּת וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח)**: וֶוער עֶס זָאגְט תְּהִלִּים וֶועט הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה.**

**אַפִילוּ** וֶוען בְּשַׁעַת דוּ זָאגְסְט תְּהִילִים קוּמְט דִיר אַרַיין מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, נָאר דוּ זָאג תְּהִילִים אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ אַז ער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְן אוֹיף דִיר אוּן דִיר גֶעבְן אַ יְשׁוּעָה.

## ה

### הִילְף מִיט אַ מַאן וָואס פַּאלְט אִין אִידִישְׁקֵייט.

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז דָא הַיינְט אִין אוּנְזֶער דוֹר אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען הֶערְן עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פַארְ׳ן לֶעבְן.

אִיךְ וִויל אַייךְ פְרֶעגְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן וֶועגְן מַיין מַאן. אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר אַפָּאר יָאר צוּרִיק מִיט מַיין טַייעֶרֶע מַאן נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶרְלִיךְ אוּן וואוּיל בִּיז יֶעצְט, אָבֶּער לֶעצְטְנְס גֵייט עֶפֶּעס פָאר מִיט אִים, עֶר גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ אַ גַאנְצְן צַייט מִיט זַיין טֶעלֶעפָאן. עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ זֶען ווִי מַיין שְׁטוּב צֶעפַאלְט. בִּיטֶע הֶעלְפְט מִיר מִיט אַן עֵצָה וָואס אִיךְ זָאל טוּן.

נָאכְאַמָאל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר חִיזוּק.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, ט״ו תַּמּוּז, שְׁנַת תשע״ז לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶה

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ הַנָאָה ווִי אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶה יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס אִיז דָא אַ שִׁיעוּר פַּאר דִי פְּרוֹיעֶן, אוּן אַז דָאס גֶעט אֵייךְ כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין; אִיךְ הָאבּ הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי שִׁיעוּרִים.

בְּנוֹגֵעַ אֵייעֶר מַאן וְכוּ׳; אִיךְ זָאג אַייךְ אַז אַלֶעס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אַייךְ אַלֵיין, אוֹיבּ אִיר וֶועט אִים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אִיר וֶועט אִים גֶעבְּן וַוארֶעמְקֵייט, וֶועט עֶר זִיךְ טוּישְׁן וְכוּ׳. ווִיסְן זָאלְט אִיר, אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֵייעֶן אִינְגֶעלַייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן, עֶס פַּאסִירְט בַּיי זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט, בִּפְרַט נָאךְ דִי חֲתוּנָה וְכוּ׳, אָבֶּער עֶס אִיז נָאר אַ דוּרְכְגַאנְג. אַז אִיר וֶועט הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן אִיר וֶועט קוּקְן אוֹיף אִים מִיט אַ גוּט אוֹיג, וֶועט עֶר אָפְּלָאזְן זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אַז אִיר זָאלְט וַוייטֶער רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, אִיר דַארְפְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פַּאזֶעטִיוו אוּן אִים גָארְנִישְׁט זָאגְן. הַאלְט אַייךְ אַיין מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, וֶועט אִיר זֶען ווִי עֶר וֶועט זִיךְ טוּישְׁן. אִיר דַארְפְט טוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט - גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויינְט אַייךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים עֶר

זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ, אוֹיף אֵייעֶר מַאן אוּן אוֹיף אֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶועט אִיר זֶען אַז מִיט דִי צַייט וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים אִיבֶּערְדְרֵייעֶן.

זֵיינְט אַייךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן נא): "תְּפִלָּה שֶׁהִיא בִּדְמָעוֹת הִיא מִתְקַבֶּלֶת", תְּפִילָה וָואס קוּמְט מִיט טְרֶערְן - וֶוערְט אָנְגֶענוּמֶען. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן כ): "מִי שֶׁמַּעֲבִיר עַל מִידוֹתָיו - תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת", וֶוער עֶס גֶעבְּט נָאךְ פַאר אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְן זַיינֶע תְּפִילוֹת אָנְגֶענוּמֶען.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כה.): עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶועןְ אַ טְרִיקֶענִישׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגֶנְט אַ גַאנְץ ווִינְטֶער, הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַ יוֹם תְּפִילָה. דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פִיר אוּן צְוָואנְצִיג תְּפִילוֹת אַז עֶס זָאל רֶעגְעֶנֶען אוּן עֶס הָאט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, אִיז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גֶעזָאגְט: "אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ, אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אָתָּה, אָבִינוּ מַלְכֵּינוּ רַחֵם עָלֵינוּ", אוּן עֶס הָאט גְלַייךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ גֵיין אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגְן, הָאט דֶער עוֹלָם אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁמוּעֶסְן אַז רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר, וַוייל זַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל אוּן גֶעזָאגְט: "נִישְׁט וַוייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גְרֶעסֶער פוּן רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר זֶענֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן, נָאר וַוייל רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז אַ וַתְּרָן - עֶר גֶעבְּט נָאךְ, אוּן וֶוער עֶס

גֶעבְּט נָאךְ פַּאר אַ צְוֵוייטְן, הֶערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס זַיינֶע תְּפִילוֹת". זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן נָאכְגֶעבְּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר וֶועט הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן אֵייעֶר שְׁטוּב, נָאר אִיר וֶועט אוֹיסְוַוארְטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְנֶעמֶען אֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת.

אִיךְ שְׁרֵייבּ אֵייךְ אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה, וָואס אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת; הֶעלְף מִיר, אִיךְ דַארְף אַ יְשׁוּעָה; אִיךְ ווִיל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין צַדִיקִים, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דִיר דִינֶען; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק בַּיי מִיר, אִיךְ זָאל ווִיסְן אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מַיין מַאן עֶר זָאל זַיין עֶרְלִיךְ, עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין אוּן הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע פַּרְנָסָה, הֶעלְף מַיין מַאן זָאל אַוֶועק וַוארְפְן זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ' וְכוּ'".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִיר זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אָנְנֶעמֶען אֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת.

אַ גֶעזוּנְטְן זוּמֶער.

## ו

### וַוייזְן קְלִיפְּס פַאר קִינְדֶער.

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַיךְ פַאר אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ, אִיךְ בַּאקוּם אַזוֹיפִיל חִיזּוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַ סִיפּוּק אִין מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל וַוייזְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער קְלִיפְּס ווִי דִי בָּחוּרִים זִינְגֶען אִין יְשִׁיבָה וְכַדוֹמֶה, אָדֶער אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ וַוייזְן ווִידִיאָוס פַאר קִינְדֶער?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ הֶערְסְט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה אוּן דוּ הָאסְט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן";

מֶען זֶעט דָאס בְּחוּש, וֶוען אַ מֶענְטְש אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט, ווייל וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט, נֶעמְט עֶר אַ מִשְׁנָיוֹת אָדֶער אַ גְמָרָא און עֶר אִיז גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי דוּ זָאלְסְט וַוייזְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער קְלִיפְּס ווִי דִי בָּחוּרִים זִינְגֶען; עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט כְּדַאי, ווייל קִינְדֶער הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן וֶוען זֵיי הֵייבְּן אָן קוּקְן קְלִיפְּס אוּן ווידִיאָס וְכוּ' וְכוּ' נֶעמְט עֶס אַוֶועק זֵייעֶר רֵיינְקֵייט וְכוּ'.

**אַמָאל** הָאט מֶען גֶעוויזְן בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ', אוּן מוֹהֲרָא"ש הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם. עֶר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז מֵהַיוֹם וְהָלְאָה זָאל אִיךְ מֶער נִישְׁט וַוייזְן פַאר קִינְדֶער קַיין שׁוּם ווידִיאָס און קְלִיפְּס וְכוּ' וְכוּ'.

**דָאס** וָואס מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דִי נִיגוּנִים אוּן דְרָשׁוֹת אוֹיף דִי כֵּלִים, דָאס אִיז אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ; הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער זִיצְן נֶעבֶּעךְ אוֹיף דִי אִינְטֶערְנֶעט טָאג אוּן נַאכְט, אוּן דָאס אִיז נָאךְ אַ וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער יוּנְגֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט כְּדַאי זֵיי צוּ וַוייזְן וְכוּ'.

**אַדְרַבָּה**, צִינְד זֵיי אָן דִי סִידִי'ס; זָאלְן זֵיי דָאס הֶערְן אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן דָאס וֶועט אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי

יִרְאַת שָׁמַיִם, וַוייל יֶעדֶע נִיגוּן אִיז נָאכְאַמָאל אֱמוּנָה אוּן נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה. מִיר הָאבְּן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן צֶענְדְלִיגֶער סִידִים פוּן תְּשׁוּבָה אוּן פוּן אֱמוּנָה וָואס דוּ קֶענְסְט זֵיי גֶעבְּן צוּ הֶערְן.

**אַ גוּטְן טָאג.**

## ז

**מֵיין וַוייבּ ווִיל גֵיין צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט.**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק מַיין טַייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן בִּיז יֶעצְט, אוּן אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר נִישְׁט לָאזְן פַאלְן אוּן מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן מִיט מַיין יֶעצְטִיגְן פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל אִיךְ קֶען נִישְׁט וַוייטֶער אָנְגֵיין.

מַיין וַוייבּ קוּמְט פוּן זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט אוּן ווִיפִיל אִיךְ ווִיל אִיר אוֹיסְרֶעדְן אוּן הֶעלְפְן לָאזְט זִי זִיךְ נִישְׁט, זִי אִיז פַארְעַקְשְׁנְ'ט אַז זִי ווִיל גֵיין דַוְקָא צוּ אַ טֶערָאפִּיסְט, זִי טַעְנֶה'ט אַז נָאר דָאס וֶועט אִיר הֶעלְפְן אוּן גָארְנִישְׁט אַנְדֶערְשׁ, וַוייל נָאר אַ טֶערָאפִּיסְט מִיט עֶקְסְפִּירְיֶענְס וֶועט אִיר פַארְשְׁטֵיין.

נָאךְ אַזוֹיפִיל מוּטְשֶׁען הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט זִי זָאל גֵיין, אָבֶער זִי טַעְנֶה'ט אַז עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט בֶּאֱמֶת, נָאר אִיךְ בִּין מַסְכִּים וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד, אָבֶער בֶּאֱמֶת ווִיל אִיךְ נִישְׁט, מִמֵּילָא

ווייל זי אִיז זָאל זִיךְ אַרײַנְלֵייגְן דֶערִין און אִיר טְרָאגְן כְּסֵדֶר צוּ דִי טֶערָאפִּיסְט.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז דָא אַן הַלָכָה אִין הִלְכוֹת יוֹם כִּפּוּרִים (יוֹמָא פג.; אוֹרַח חַיִּים סִימָן תרי"ח, סָעִיף א) אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַז עֶר דַארְף אוֹיסְפַאסְטְן יוֹם כִּיפּוּר, אַפִילוּ עֶס שְׁטֵייעֶן דָארְט דָאקְטוֹרִים וָואס זָאגְן אַז עֶר דַארְף נִישְׁט עֶסְן, דַארְף מֶען אוֹיסְהֶערְן דֶעם חוֹלֶה ווייל (מִשְׁלֵי יד, ד): "לֵב יוֹדֵעַ מָרַת נַפְשׁוֹ"; דֶערְפַאר אַז דַיין ווייבּ זָאגְט אַז זִי דַארְף הָאבְּן אֵיינֶעם מִיט וֶועם זִיךְ דוּרְךְ צוּ שְׁמוּעֶסְן, דַארְפְסְטוּ אִיר הֶעלְפְן און אִיר דָאס צוּשְׁטֶעלְן.

**עֶס** וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט (שׁוּלְחָן עָרוּךְ אֶבֶן הָעֶזֶר, הִלְכוֹת כְּתוּבּוֹת, סִימָן עט, סְעִיף א; רמ"א) אַז דֶער מַאן דַארְף צוּשְׁטֶעלְן פַאר זַיין ווייבּ אַלֶע אִירֶע צָרְכֵי רְפוּאָה; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט מִיט קַיין שְׁלֶעכְטֶע בַּאנֶעמוּנְג, נָאר מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ.

**דֶערְפַאר** טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעהָאלְפְן בִּיז אַהֶער אוּן דוּ וַויינְסְט צוּ מִיר אַז דוּ הַאלְסְט מֶער נִישְׁט אוֹיס פוּן דַיין וַוייבּ וְכוּ'; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַרַיין לֵייגְן מִיט דַיין גַאנְצֶע הַארְץ אִיר צוּ הֶעלְפְן, זוּךְ אוֹיף פַאר אִיר אַ גוּטֶע טֶערֶעפִּיסְט, גֵיי מִיט אִיר אוּן הֶעלְף אִיר, וַוייל אַז זִי שְׁרַייט אוּן וַויינְט אַז זִי דַארְף הִילְף, דַארְפְסְטוּ אִיר דָאס גֶעבְּן.

**מִי לָנוּ גָדוֹל** פוּן מוֹהֲרַ"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אַז אוֹיבּ זַיין וַוייבּ וֶועט נֶעמֶען טְרִיטְמֶענְטְס פַאר דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶועט מוֹהֲרַ"ש אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן נָאכְדֶעם וֶועט זִי אַוֶועק גֵיין; מוֹהֲרַ"ש הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער וֶוען זִי הָאט זִיךְ אֵיינְגֶע'עַקְשֶׁנְ'ט אוּן גֶע'טַעֲנֶה'ט אַז זִי ווִיל דַוְקָא יָא נֶעמֶען קִימָא טֶערֶעפִּי, הָאט מוֹהֲרַ"ש אִיר גֶעהָאלְפְן אַז זִי זָאל דָאס קֶענֶען טוּן. נִישְׁט סְתַם גֶעהָאלְפְן, נָאר מוֹהֲרַ"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר יֶעדְן טָאג גֶערוּפְן צִי אִיךְ קֶען צוּשְׁטֶעלְן אַ קַאר מִיט אַ דְרַייוֶוער, עֶס הָאט מַמָשׁ אוֹיסְגֶעזֶען ווִי אֵיינֶער וָואס שְׁלָאגְט זִיךְ פַאר זַיין אֵייגֶענֶע לֶעבְּן.

**דֶערְפַאר** מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, יֶעצְט עֶרֶב תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מִיר קְלָאגְן אוֹיפְן חוּרְבָּן בֵּית הַמִקְדָשׁ וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּלִיבּ שִׂנְאַת חִינָם (יוֹמָא ט:), אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא סט:): "וַעֲדַיִן מְרַקֵּד בֵּינָן", דַארְפְן מִיר זִיךְ אִיבֶּער בֶּעטְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף יֶענֶעמְס גֶעפִילְן וְכוּ'; זָאג פַאר דַיין וַוייבּ אַז דוּ וֶועסְט

איר הֶעלְפְן טְרֶעפְן אַ טֶערֶעפִּיסְט וואו זי קֶען גֵיין זיךְ אויסְרֶעדְן וָואס זי איז דוּרְךְ אִין איר יוּגֶנְט, דוּ דַארְפְסְט איר פַארְשְׁטֵיין אַז זי איז אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע יוּגֶנְט; אִירֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן איר גֶעפֵּיינִיגְט. עֶס איז אַ נֵס אַז זי איז נָאךְ נָארְמַאל און זי הָאט כֹּחַ צוּ דִי קִינְדֶער וְכוּ'.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר, עַקְשָׁן דִיךְ נִישְׁט; הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף איר וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם לֶעבְּן. דוּ קֶענְסְט נִישְׁט בַּאצְוואוּנְגֶען דַיין וַוייבּ זָאל טְרַאכְטְן אַזוֹי וִוי דִיר, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹסֶפְתָּא בְּרָכוֹת, פֶּרֶק ו): "כְּשֵׁם שֶׁאֵין פַּרְצוּפֵיהֶן שָׁוִין, כַּךְ אֵין דֵעוֹתֵיהֶן שָׁווֹת"; זַיי נִישְׁט פַּאר'עַקְשֶׁ'נְט, און בֵּייג אַיין דַיין קָאפּ. נָאר דוּ וֶועסְט הָאבְּן רֵיוַח פוּן דֶעם, וַוייל דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע און גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר, רֶעד צוּ איר שֵׁיין און זַיי וַוארֶעם צוּ אִיר; זָאג אִיר: "אִיךְ גֵיי טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ". און אַז דוּ וֶועסְט איר מְכַבֵּד זַיין וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

**בְּלַייבּ** מִיר גֶעזוּנְט; אִיךְ וַוארְט אַז דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אַפָּאר שׁוּרוֹת וָואס עֶס טוּט זיךְ, וַוייל אִיךְ וִויל אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן; זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַז דוּ זָאלְסְט איר אִיבֶּער בֶּעטְן, וַוייל אִיךְ וִויל נָאר דַיין גוּטְס.

**אַ** גוּטְן טָאג און אַ גְרִינְגֶע תַּעֲנִית.

# ח

## קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה.

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁטְ ווִיל אִיךְ אַייךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, אַזֶעלְכֶע גֶעשְׁמַאקֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס מֶען טוּט וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין אִין קָאפּ קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, מֶען טְרַאכְט וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר בְּרִיאַת הָעוֹלָם.

אִיךְ וַוארְט אוֹיף אַ תְּשׁוּבָה.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ גָּדוֹל

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ אַז עֶר הָאט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אִין אֱמוּנָה, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכב): "וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים, אוּן נָאר פַאר זֵיי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית", עַיֵין שָׁם; דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען דֶעם

איד, און יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הָאבְּן יִסוּרִים און בִּלְבּוּלִים אִין אֱמוּנָה הָאט עֶר זִיךְ מִיט דֶעם מְחַזֵק גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען אַז עֶס זֶענֶען דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן קַשְׁיוֹת און בִּלְבּוּלִים אִין אֱמוּנָה, אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לב): "דַע, כִּי יֵשׁ עֲבֵרוֹת שֶׁהֵם מַכְנִיסִים כְּפִירוֹת בְּאָדָם, וְיֵשׁ שֶׁבָּאִים עֲלֵיהֶם מַחֲשָׁבוֹת עַל הָאֱמוּנָה מֵחֲמַת שֶׁלֹּא נוֹלְדוּ בִּקְדֻשָּׁה כָּרָאוּי, וְיֵשׁ שֶׁהוֹסִיפוּ עַל זֶה מַעֲשֵׂיהֶם הָרָעִים שֶׁעָשׂוּ בְּעַצְמָם, כִּי יֵשׁ עֲבֵרוֹת שֶׁהֵם מַזִּיקִים וּפוֹגְמִים אֶת הָאֱמוּנָה הַקְדוֹשָׁה", עַיֵּין שָׁם, עֶס זֶענֶען דָא עֲבֵירוֹת וָואס מַאכְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן סְפֵיקוֹת און בִּלְבּוּלִים אִין אֱמוּנָה; אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶּה שֶׁל אָדָם", אֱמוּנָה בַּאקוּמְט מֶען דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען רֶעדְט דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי", וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים דֶערְצֵיילְן יֶעדֶע זַאךְ, אַלְץ מֶער אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה.

**נָאךְ** זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מו) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה אַז עֶר זָאל שְׁרַייעֶן און זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. און דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן קַשְׁיָא אִיז (תְּהִלִּים כז, ז): "שְׁ'מַע ה' קוֹ'לִי אֶ'קְרָא", אוֹיבּ מֶען הָאט קַשְׁיוֹת, זָאל מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין סְפֵיקוֹת און בִּלְבּוּלִים, נָאר לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה און עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז זַיין לֶעבְּן אַ זִיסֶע

אוּן גֶעשְׁמַאקְע לֶעבְּן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט, דַאנְקְט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערוֹיף; עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז קֵיינֶער קֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן - קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט גוּטְס טוּן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן אַפָּאר מָאל אַ טָאג דִי דְרַייצְן 'אֲנִי מַאֲמִין'ס' אַז עֶס זָאל זַיין אַיינְגֶעבַּאקְן אִין זַיין הַארְץ; הַלְוַאי וֶוען מִיר קֶענֶען דָאס נָאכְטוּן אוּן יֶעדְן טָאג חַזֶר'ן דִי אֱמוּנָה אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זִיךְ פִירְן יֶעדְן צוּפְרִי נָאךְ בִּרְכַּת הַתּוֹרָה צוּ זָאגְן דִי 'אֲנִי מַאֲמִין'ס' אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

**דָאס** הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶע'חַזֶר'ט מִיט אוּנְז אַ גַאנְץ לֶעבְּן - טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ; יֶעדֶע שִׁיעוּר, יֶעדֶע בְּרִיוו אוּן יֶעדֶע קוּנְטְרֶס דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם דִי אֱמוּנָה, אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוּן דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר - אַלֶעס אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱלֹקוּת, עֶס אִיז נָאר פַארְשְׁטֶעלְט פוּן אוּנְז.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# ט

**עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּט מֶען אוֹיבּ דִי הִתְבּוֹדְדוּת גֵייט נִישְׁט? עֶס קוּמְט מִיר אָן שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר אַז עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב) אַז עֶר אִיז אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אוּן וִוי מֶער עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט

גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה', הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה) אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז גֶעווֹאוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוּן אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "הִתְבּוֹדְדוּת הִיא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען נָאר טוּן, אוּן אַלֶע צַדִּיקִים פְלֶעגְן אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אִין** אָנְהֵייבּ אִיז עֶס טַאקֶע שְׁוֶוער, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט בַּיי אִים אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דִי אֱמוּנָה אוּן עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז עֶרְגֶעץ בַּאהַאלְטְן אוֹיבְן אִין אַ וַוייטֶע הִימְל וְכוּ', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן בְּרֶעכְט דוּרְךְ זַיינֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ דִיר, אִיךְ וִויל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ וִויל נָאר דִיר"; דֶעמָאלְט מִיט דִי צַייט וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶעֵריינִיגְט זַיין מֹחַ, אוּן עֶר שְׁפַּאצִירְט אַרִיבֶּער מִיט אֱמוּנָה זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## י

### טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְּן אִין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שׁוּל.

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶפְנְט בַּיי מִיר אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, אוּן סְ'אִיז דָא אַפָּאר נַייעֶ אִינְגֶעלַייט וָואס קוּמֶען דָא דַאוֶוענֶען, אוּן זֵיי ווִילְן זֵייעֶר שְׁטַארְק בְּרֶענְגֶען בְּרוֹינְפְּן פַאר דִי קִידוּשׁ שַׁבָּת צוּפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען; ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי אַבִּיסְל נָאכְצוּלָאזְן אוּן זֵיי לָאזְן בְּרֶענְגֶען, אָדֶער זָאל אִיךְ אַרָאפְּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטַארְקֶע תַּקָּנָה אַז מֶען קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין בְּרוֹינְפְּן אִין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שׁוּל?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, י"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבַּאי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּלוּמִינְגְרָאוו נ.י.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרַאנַ"שׂ הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען תשל"ו אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט אֵיינֶער גֶעבְּרֶענְגְט לֶעקִיךְ אוּן בְּרוֹינְפְּן צוּ גֶעבְּן תִּיקּוּן נָאכְן דַאוֶוענֶען, אוּן הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶעם אִיד אוּן

אִים פָארְגֶעהַאלְטְן דֶערוֹיף - פַאר צְוֵויי סִיבּוֹת; אֵיינְס אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן צְוֵוייטְנְס אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל פַאסְטְן עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז חֲצוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן תקפ"א, סָעִיף ב): "נוֹהֲגִין לְהִתְעַנּוֹת בְּעֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין בְּרוֹינְפְן; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ פְרֵישֶׁע מְקוֹרָבִים, מֶען דַארְף זֵיי דָאס גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין שֵׁיינֶערְהֵייט אוּן זֵיי וַוייזְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כו): "עַל־יְדֵי שִׁכְרוּת שׁוֹכְחִין כָּל הַמִּצְווֹת", אַז מֶען טְרִינְקְט אוּן מֶען שִׁיכּוֹר'ט זִיךְ אָן פַארְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי בִּיז זֵיי וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין.

**לֵיידֶער** זֶעט מֶען לֶעצְטְנְס זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט טְרִינְקֶען זִיךְ אָן שַׁבָּת; זֵיי גֵייעֶן פוּן אֵיין שׁוּל צוּם צְוֵוייטְן זוּכְן וואוּ עֶס אִיז דָא פוּנֶעם בִּיטֶערְן טְרָאפְּן, מֶען גֵייט צוּ חֲבֵרִים וואוּ מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ נִיבּוּל פֶּה אוּן צוּ בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן; אַנְשְׁטָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל אַהֵיים גֵיין צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי - דִי אֵיין מָאל אַ וָואךְ וָואס דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אַבִּיסְל צַייט צוּ זַיין אִין שְׁטוּב, אַנְשְׁטָאט דֶעם, גֵייט דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת אַוֶועק מִיט טְרִינְקֶען.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען אַז אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ זָאל זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען זָאל נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶוענֶען. זָאלְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם מְקַבֵּל זַיין בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## יא

### וָואס זֶענֶען דִי תַּקָנוֹת הַיְשִׁיבָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעהֶערִיג אִין אַ יְשִׁיבָה, אִיךְ הַאלְט זִיךְ פַאר אַ תַּלְמִיד פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ בִּין טַאקֶע אֶמֶת'דִיג פוּן דִי שְׁטַארְקֶע תַּלְמִידִים. אִיךְ הָאבּ אַ סְמַארְטְפָאוּן אִיךְ ווִיל וִויסְן דִי תַּקָנוֹת הַיְשִׁיבָה בְּנוֹגֵעַ אַ סְמַארְטְפָאוּן, וָואס מֶעג מֶען הָאבְּן אוּן וָואס טָאר מֶען נִישְׁט הָאבְּן; אִיךְ ווִיל זִיךְ פִירְן אִין לֶעבְּן לוֹיט דִי תַּקָנוֹת הַיְשִׁיבָה.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ מִיט לֶערְנֶען תּוֹרָה, וִויפִיל דַארְף אִיךְ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג?

אוּן דָאס מֶערְסְטֶע ווִיל אִיךְ וִויסְן ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, אִיךְ וַוארְט פַאר אַן עֶנְטְפֶער.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואס זֶענֶען דִי תַקָנוֹת הַיְשִׁיבָה; דִי תַקָנוֹת פוּן יְשִׁיבָה אִיז: צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן טוּן אַלֶע מִצְווֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה, וָואס נָאר עֶר הָאט עֵצוֹת פַאר אוּנְזֶער דוֹר, אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט) אַז אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה מַה שֶׁיִהְיֶה, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיין פְלָאנְטֶער, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַז אַפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וֶועט אִים דִי תּוֹרָה אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ ווילְסְט זַיין אַ תַלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר יֶעדְן טָאג אִין מִשְׁנָיוֹת; וֶוען

דוּ הָאסְט אַפָּאר מִינוּט זָאלְסְטוּ זָאגְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ נַייעֶ רֵיינֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרֵייבְּסְט מִיר אַז דוּ ווילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן דוּ ווילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנד) אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת ווַייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז וֶוען עֶר וָואלְט גֶעוואוּסְט צוּ וָואס מֶען קֶען אַלְץ זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דִי הַנְהָגָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, וָואלְט עֶר נִישְׁט אַזוֹיפִיל גֶעפַּאסְט אוּן גֶעפֵּיינִיגְט זַיין גוּף מִיט סִיגוּפִים וְכוּ'.

**דֶערְפַאר** טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְצֵייל אַלֶעס פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע דַיינֶע וֵוייטָאגְן וָואס דוּ הָאסְט, אוּן סַיי ווִי שְׁטַארְק דוּ ווילְסְט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ ווילְסְט הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן אוּן אַ רֵיינֶע מֹחַ, ווִי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט דִיר אָן צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן וְכוּ' וְכוּ', אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי דוּ זָאלְסְט הַאלְטְן דַיין סְמַארְטפָאוּן וְכוּ'; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דִי שְׁאֵלָה אִיז, וֶוער גֶעדֶענְקְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט רֶעדְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז דָאס נֶעמְט אַוֶועק יֶעדֶעס בִּיסְל יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין

מה.): "אֵין יֵצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת", דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז נָאר שׁוֹלֵט אוֹיף וָואס דִי אוֹיגְן זֶעעֶן; דֶערְפַאר, אַז דוּ פְרֶעגְסְט מִיר צִי דוּ זָאלְסְט אַוֶועק לֵייגְן דֶעם סְמַארְטפָאוּן, אוּן דוּ שְׁרֵייבְּסְט מִיר אַז דוּ ווִילְסְט זַיין אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה, וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט עֶס אַוֶועק וַוארְפְן, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אוֹיף צוּ שְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁער שְׁטוּב, אוּן דוּ וֶועסְט בְּרֶענְגֶען נַחַת פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## יב

**אוֹיבּ וֶוער אִיךְ אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד, וֶועל אִיךְ הָאבְּן מַחְלוֹקֶת.**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פִיל אַ שְׁטַארְקֶע הַמְשָׁכָה צוּ רֶבִּי נַחְמָן, צוּ בְּרֶסְלֶב אוּן צוּ בְּרֶסְלֶב'עֶ מַשְׁפִּיעִים, אוּן אִיךְ פִיל אַז עֶס קֶען מִיר אַסַאךְ הֶעלְפְן אִין מַיין אִידִישְׁקַייט, אָבֶּער אִיךְ בַּאלַאנְג צוּ אַ חֲסִידוּת וָואס אִיז לְהַשְׁמִיד קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, אוּן אוֹיבּ אִיךְ גֵיי הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיט בְּרֶסְלֶב וֶועט מֶען אַרוֹיס וַוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסְדוֹת - אוּן מִיר פוּן דִי חֲסִידוּת, אוּן וֶוער ווֵייסְט וָואס נָאךְ - שִׁידוּכִים וְכוּ'; אוֹיךְ וֶועט עֶס שְׁטַארְק בַּאדֶערְן פַאר מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע. אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַן עֵצָה פַאר מִיר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**לְדַעְתִּי** דַארְפְּסְטוּ זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם; דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען פַאר דִיר דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין מַחֲלוֹקֶת אוֹיף דִיר; מֶען קֶען לֶעבְּן מִיטְן רֶבִּי'ן, לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת וְכוּ' וְכוּ', אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וִויסְן דֶערְפוּן.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, הַאלְט דִיךְ וַוייטֶער בַּיי דַיין רֶבִּי'ן אוּן מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלוֹקֶת; עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ פַייעֶר אַז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זָאל אוֹיפְפְלַאקֶערְן. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט טַאקֶע זַיין מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - הֵייבּ אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו).

**א)** נֶעם יֶעדְן טָאג אַ חוּמָשׁ, פוּן זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ אָנְפַאנְגֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ גֵיין וַוייטֶער מִיט דִי סֶדְרָה בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אַזוֹי וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען סוֹף וָואךְ, וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם.

ב) נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת; הֵייבּ אָן פוּן אָנְהֵייבּ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען מִשְׁנַיוֹת - ווִיפִיל פְּרָקִים דוּ קֶענְסְט זָאגְן זָאלְסְטוּ זָאגְן, בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן סֵדֶר זְרָעִים, וֶוען דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן סֵדֶר זְרָעִים זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ סֵדֶר מוֹעֵד, זָאלְסְט נִישְׁט אִיבֶּער חַזֶר'ן דִי פְּרָקִים וָואס דוּ לֶערְנְסְט פַאר דוּ עֶנְדִיגְסְט נִישְׁט גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה.

ג) אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; אַפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי ווערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.): "אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרִים אִינִישׁ וְאַף עַל גַּב דְּמִשַּׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלֹא יָדַע מַאי קָאָמַר", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אַפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן אַפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת סג.): "לִיגְמַר אִינִישׁ וְהָדַר לִיסְבַּר", קוֹדֶם דַארְף מֶען אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען שׁוֹין צוּ צוּ פַארְשְׁטֵיין.

ד) אוֹיךְ זָאלְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אַז דַיין שְׁפְּרַאךְ אִיז אִידִישׁ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִידִישׁ, אַז דַיין שְׁפְּרַאךְ אִיז עֶנְגְלִישׁ זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף עֶנְגְלִישׁ; זָאלְסְט אִים

אַלֶעס דֶערְצֵיילְן - סֵיי וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, אוּן סֵיי וָואס דוּ וַוארְטְסְט צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

**אִיךְ** מַיין אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם מַחֲלוֹקֶת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## יג

**מַסֶכֶת תַּעֲנִית פַאר אַ שִׁידוּךְ, פַאר בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה.**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית פֶערְצִיג מָאל פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן זֵיי אַ חָתָן וֶוערְן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יָאר תשע"א, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי סְגוּלָה אִיז נָאר פַאר בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה, אָדֶער דָאס אִיז אוֹיךְ פַאר מִיר וָואס אִיךְ לֶערְן נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה?

אוּיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן, וֶוען אִיךְ זָאג מַסֶכֶת תַּעֲנִית, אוּן אִיךְ קוּם אָן צוּ אַ פָּסוּק ווָאס הָאט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, אוּיבּ מֶען זָאגְט אַרוּיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, אָדֶער מֶען זָאגְט נָאר "הַשֵּׁם"?

אוּיךְ וֶוען סְ'אִיז דָא צְווֵיי גִרְסָאוֹת אִין אַ גְמָרָא, ווִי וֶועלְכֶע גִירְסָא דַארְף מֶען זָאגְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק אוּן עֵצוֹת ווָאס אִיךְ בַּאקוּם פוּן אַייךְ שְׁטֶענְדִיג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת עֵקֶב, ט"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וּבְעִקָר בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפו): "מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר דַאוֶוענֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען", אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח): "טוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבוֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", ווָאס דָאס קֶען מֶען נָאר טוּן אַז מֶען וַוארְפְט אַוֶועק אַלֶע נַארִישֶׁע חָכְמוֹת, אוּן מֶען פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר בְּנוֹגֵעַ דִי הַבְטָחָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט דָא אִין יְשִׁיבָה, אַז אוֹיבּ מֶען וֶועט אִין דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אוּן מְסַיֵּם זַיין מַסֶּכֶת תַּעֲנִית - וֶועט דֶער בָּחוּר אַ חָתָן וֶוערְן, צִי דָאס אִיז נָאר פַאר תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ?

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז צוּ זַיין אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה דַארְף מֶען נִישְׁט זַיין אִין יְשִׁיבָה בְּפוֹעַל מַמָּשׁ, נָאר דֶער עִיקָר אִיז אַז מֶען נֶעמְט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן מֶען אִיז דָאס מְקַיֵּים, דֶעמָאלְט, וואוּ מֶען אִיז נָאר, אִיז מֶען אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן; הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט מְצוּמְצָם אִין אַ גֶעוִויסֶער מָקוֹם, אוּן דַוְקָא אוֹיבּ מֶען אִיז דָארְט אִיז מֶען אַ תַּלְמִיד, נָאר צוּ זַיין אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ דַארְף מֶען פָאלְגְן דִי עֵצוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ; קוּמְט אוֹיס, אַז עֶס קֶענֶען זַיין בָּחוּרִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי זֵיי זֶענֶען תַּלְמִידִים, אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיט דֶעם פְּלַאץ, וַוייל זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט, אוּן עֶס קֶען זַיין אַ בָּחוּר וִוי דִיר, וָואס קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער דוּ בִּיסְט, דוּ לֶערְנְסְט אִין אַ צְוֵוייטֶע יְשִׁיבָה אוּן דוּ פְּרוּבִּירְסְט צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי עֵצוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט דָא, אוּן בֶּאֱמֶת בִּיסְטוּ אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן דִיר גֶעבְּן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, אוֹיבּ מֶען קוּמְט אָן צוּ אַ פָּסוּק וָואס הָאט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען, צִי מֶען זָאגְט אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען; אוֹיבּ אִיז עֶס אַ גַאנְצֶע פָּסוּק קֶען מֶען אַרוֹיס זָאגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען, אָבֶּער אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה בְּרֶענְגֶען נָאר אַרָאפּ דֶעם הַאלְבְּן פָּסוּק, זָאגְט מֶען נִישְׁט אַרוֹיס דֶעם נָאמֶען, נָאר מֶען זָאגְט ׳הַשֵּׁם׳. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ גִירְסָא קֶען מֶען זָאגְן בֵּיידֶע גִרְסָאוֹת.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין אוּן גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג):

״וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה - עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן פַארְן מֶענְטְשׁ, נִישְׁט קַיין גוּטְס אוּן זִיכֶער נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת״.

**נֶעכְטְן** הָאבְּן דִי בָּחוּרִים דָא אִין יְשִׁיבָה אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען מַסֶכֶת תַּעֲנִית; אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן פוּן וֵויינֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״קוּק וִוי שְׁטַארְק דִי בָּחוּרִים ווילְן חַתוּנָה הָאבְּן! קוּק וִוי דָא זִיצְן בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין זִיץ פְלֵייש, אַ גַאנְץ יָאר קֶענֶען זֵיי נִישְׁט זִיצְן קַיין גַאנְצֶע פִינְף מִינוּט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ, אוּן יֶעצְט וֶוען זֵיי הֶערְן אַ צוּזָאג פוּן אַ צַדִיק, זִיצְן זֵיי שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת אוּן לֶערְנֶען כְּדֵי צוּ עֶנְדִיגְן דִי מַסֶכְתָּא, עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס עֶס נֶעמְט זֵיי פִינְף זֶעקְס שָׁעָה צוּ עֶנְדִיגְן,

דָאךְ ווילְן זֵיי דָאס טוּן וַוייל זֵיי ווילְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, דָא קֶען מֶען זֶען אַז אַלֶע בָּחוּרים ווילְן זַיין גוּט, אַלֶע ווילְן זַיין עֶרְלִיךְ״.

**דֶער** אייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## יד

**אִיךְ וויל וֶוערְן אַ נֵייעֶ מֶענְטְשׁ, אִיךְ וויל אַז מַיין וַוייבּ זָאל דָאס אָנְנֶעמֶען.**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אִיר הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן.

אֶת חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר, אִיךְ בִּין אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּן דִי וָואס הָאבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן גֶעלַאכְט פוּן הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן נִישְׁט ווִיסְן וָואס הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ פַארְקוֹיפְט.

אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ גֵיין אִין דִי דְרָכִים וָואס אִיר לֶערְנְט אוּנְז. אִיךְ בִּין אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אֲנָשִׁים אֲשֶׁר עָשָׂה בְּחָרָן, אִיר הָאט מִיר מַמָּשׁ אִיבֶּערְגֶעמַאכְט.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה; דֶער אַלְטֶער ׳אִיךְ׳, הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, בְּחַסְדֵי הַשֵׁם הָאט מַיין וַוייבּ עֶס אוֹיפְגֶעדֶעקְט דוּרְכ׳ן קוּקְן אִין מַיין טֶעלֶעפָאן. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג, אִיךְ הָאבּ מִיר אָבֶּער אִינְגַאנְצְן

גֶעעֶפְנְט פַאר אִיר, אוּן מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מוּמְחֶה וָואס הָאט אוּנְז זַייעֶר שֵׁיין גֶעהָאלְפְֿן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דִי קְדוּשָּׁה הַאלְט אָן בִּיז יֶעצְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְֿן אוֹיף וַוייטֶער. אוֹיךְ לְגַבֵּי שָׁלוֹם בַּיִת הָאט זִיךְ גֶעטוֹישְׁט פוּן פַארְדֶעם וֶוען אִיךְ הָאבּ דַוְקָא אָוֶועקְגֶעקוּקְט פוּן אִיר, אַז מַיין לֶעבְּן זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן מַיין ווייבּ'ס, צוּ יֶעצְט וֶוען אִיךְ וִויל דַוְקָא אִיר אָנְקוּקְן אוּן זֶען וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען בֶּעסֶער מַאכְן אִיר לֶעבְּן.

אִין דִי לֶעצְטֶע וָואךְ, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַפָּאר מָאל פַארְלוֹירְן אִין גֶעשְׁרֵינְגְ אוֹיף אִיר [אִיךְ וֵויים אַז שְׁרַייעֶן אִיז אוֹיף קַיין פַאל נִישְׁט בַּארֶעכְטִיגְט] הָאט זִי גֶעסְטְרַאשֶׁעט אַז זִי גֵייט נִישְׁט וְכוּ' וִוי לַאנְג אִיךְ הָאבּ אַ טֶעלֶעפָאן מִיט טֶעקְסְט [וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי אִיךְ בִּין אַמָאל דוּרְךְ גֶעפַאלְן], אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נִישְׁט גְרֵייט אוֹיף דֶעם [אִיךְ הָאבּ גֶעבְּלַאקְט דִי שְׁלֶעכְטֶע קְשָׁרִים].

זִי זָאגְט אַז זִי שְׁפִּירְט נִישְׁט רוּאִיג אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט צוּרִיק פַאלְן. [וֶוער קֶען דֶען זַיין רוּאִיג אוֹיף דֶעם? אִיךְ בֶּעט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּיי יֶעדֶע תְּפִילָּה אַז עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן כֹּחַ זִיךְ צוּ הַאלְטְן בִּקְדוּשָּׁה, אוּן מִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין נִסְיוֹנוֹת]. אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְמַאנְט זִי מִיר וִוי דֶער אַלְטֶער 'אִיךְ' הָאט אִיר שְׁלֶעכְט בַּאהַאנְדְלְט.

אִיךְ וִויל וֶוערְן אָנְגֶעקוּקְט וִוי אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ - וָואס אִיךְ שְׁטְרֶעבְּ זִיךְ אִיבֶּער צוּ זַיין. טַייעֶרֶער רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה, וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ דָאס בַּאהַאנְדְלֶען?

אוּן אוֹיבּ מֶעגְלִיךְ אוֹיךְ אַ וָוארְט פַאר מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ, זִי וֶועט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אוֹיךְ לֵיינֶען דִי בְּרִיוו.

נָאכְאַמָאל, אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר גֶעבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ז מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעֲלָה"; ווייל אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעדֶענְקְט אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען קֶען מֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאנַייעֶן, פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען און נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק.

**אַזוֹי** אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט פָאר עֶפֶּעס צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ, טָאר מֶען נִישְׁט אַרוֹיף בְּרֶענְגֶען אַלְטֶע זִכְרוֹנוֹת אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן, וַוייל דָאס מַאכְט אַז מֶען זָאל וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן און מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנַיי. לְמָשָׁל, אַ מַאן טָאר נִישְׁט דֶערְקוּטְשֶׁען זַיין וַוייבּ מִיטְן דֶערְמַאנֶען פַאר אִיר אַלְטֶע זַאכְן פוּן נָאךְ דִי חַתוּנָה, וֶוען זִי הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ וְכוּ'; קוֹדֶם כָּל דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס אִיז אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה (ויקרא כה, יז): "וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ, וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ", זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא מְצִיעָא נח:): "אִם הָיָה בַּעַל תְּשׁוּבָה, אַל יֹאמַר לוֹ: 'זְכוֹר מַעֲשֶׂיךָ הָרִאשׁוֹנִים'", זָאג נִישְׁט פַאר אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה: "גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ וֶוען דוּ הָאסְט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת?" דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶער אוֹיף אִיבֶּערְצוּקַייעֶן אַלְטֶע וֵוייטָאגְן; הֶער אוֹיף אִיבֶּער צוּ זָאגְן, צֶענֶערְן און רוֹדֵפְ'ן דַיין וַוייבּ מִיט אַלְטֶע מַעֲשִׂיוֹת: "גֶעדֶענְקְסְט

הָאסְט מִיר דֶעמָאלְט וֵויי גֶעטוּן", "גֶעדֶענְקְסְט אַמָאל הָאסְטוּ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס", וַוייל אַז מֶען רַייסְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט אוֹיף לְהַבָּא - אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ טוּישְׁן צוּם גוּטְן, נָאר פַארְקֶערְט, עֶס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צֶעקְלַאפְּט וֶוערְן וְכוּ'.

**דֶערְפַאר** פַאלְן הַיינְט אַוֶועק זֵייעֶר אַסַאךְ קִינְדֶער פוּן אִידִישְׁקֵייט, וַוייל וֶוען דֶער בָּחוּר אִיז שׂוֹין מַחְלִיט אַז עֶר וִויל וֶוערְן גוּט, קוּמְט צוּגֵיין וְכוּ' אוּן זָאגְט אִים: "דוּ מֵיינְסְט אַז דוּ קֶענְסְט וֶוערְן גוּט, דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס!" אוּן עֶר רֶעכְנְט אִים אוֹיס אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, בִּיז דֶער בָּחוּר אִיז מַחְלִיט אַז עֶר גֵייט אֲפִילוּ נִישְׁט פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט.

**בַּיים** הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וֵויינֶען אַז זַיין טָאכְטֶער אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וָואס זִי אִיז נִישְׁט אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז עֶר גֶעווּאוּיר גֶעוָוארְן אַז דֶער גַּלַח הָאט אִיר פַארְכַאפְּט - וָואס קֶען עֶר יֶעצְט טוּן, וִוי אַזוֹי נֶעמְט עֶר אִיר אַרוֹיס פוּן דָארְט? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן עֶר זָאל נֶעמֶען מִיט זִיךְ צְוֵויי מֶענְטְשְׁן מִיט אַ וָואגְן וָואס אִיז גוּט פַארְמַאכְט, עֶר זָאל אַרִיבֶּער פָארְן דֶעם גַּלַח'ס הוֹיז, אוּן דָאס מֵיידְל וֶועט דֶעמָאלְט שְׁטֵיין אִינְדְרוֹיסְן. דִי מִינוּט וָואס זִי וֶועט אִים זֶען וֶועט זִי גְלַייךְ לוֹיפְן צוּ אִים, דַאן זָאל עֶר אִיר אַרַיין נֶעמֶען אִינֶעם וָואגְן אוּן גְלַייךְ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט מִיט אִיר, וְכַךְ הֲוָה; נָאכְדֶעם וָואס דִי מֵיידְל אִיז אַרוֹיסְגֶערַאטֶעוֶועט

גֶעוָוארְן פוּן דָארְט הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גְלַייךְ אַ כַּלָּה גֶעמַאכְט מִיט אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין יֶענֶעם דָארְף, אַ פָּשׁוּטֶ'ער בָּחוּר אַ שׁוּסְטֶער. פַאר דִי חֲתוּנָה הָאט אִים דֶער רֶבִּי אָנְגֶעזָאגְט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט דֶערְמַאנֶען פַאר דַיין וַוייבּ דִי מַעֲשֶׂה וָואס זִי הָאט גֶעהַאט מִיטְן גַּלַח - אַז זִי אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט אִים וְכוּ' אוּן אַז זִי הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט שְׁמַדְ'ן הַשֵּׁם יְרַחֵם", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ צוּזָאג, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען מִיט דִי אַלְטֶע מַעֲשֶׂה וְכוּ', זָאגְט עֶר אִים צוּ אַז עֶר וֶועט הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; וְכַךְ הֲוָה, דֶער אִיד הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קִינְדֶער צַדִּיקִים אוּן גְרוֹיסֶע רַבָּנִים.

**אִיךְ** זָאג דִיר, אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס בְּרָכָה גֵייט נָאךְ הַיינְט אָן; אַז דוּ נֶעמְסְט זִיךְ פָאר מֵהַיּוֹם אַז דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערְן טְשֶׁעפֶּען דַיין וַוייבּ מִיט אַלְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן זִי וֶועט דִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען מִיט אַלְטֶע זַאכְן פוּן דִיר, אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ וְכוּ', וֶועט אִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער צַדִּיקִים. אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אִיר וַוייטֶער דֶערְקוּטְשֶׁען אוּן וַוייטֶער טְשֶׁעפֶּען מִיט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אַמָאל וְכוּ', וֶועסְטוּ הָאבְּן בָּנִים שׁוֹטִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים, כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעְסָן".

**בְּנוֹגֵעַ** אַ פְּרוּי וָואס ווִיל נִישְׁט גֵיין וְכוּ'; לֵיידֶער לֵיידֶער זֶענֶען דָא שְׁלֶעכְטֶע מַדְרִיכִים וָואס לֶערְנֶען אוֹיס פַאר פְרוֹיעֶן - כַּלָּה'ס אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין וְכוּ' אוּן מִיט דֶעם סְטְרַאשֶׁען דִי מַאן וְכוּ'; קוֹדֶם כָּל דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דָאס

אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, אַ פְרוֹי וָואס הַאלְט אָפּ מִצְוַת וְכוּ׳ דוּרְכְדֶעם וָואס זִי גֵייט נִישְׁט וְכוּ׳ וַוייל זִי וִויל אָפְּטוּן אִיר מַאן, וֶועט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף רַחֲמָנָא לִצְלָן. צְוֵוייטְנְס; מֶען טוּט זִיךְ אַלֵיינְס אָפּ, וַוייל וֶוען זִי וֶועט שׁוֹין יָא גֵיין וְכוּ׳, וֶוער זָאגְט אַז אִיר מַאן וֶועט בִּכְלַל וֶועלְן קוּקְן אוֹיף אִיר, אֶפְשֶׁר וֶועט עֶר אִיר גֶעבְּן פוּן דִי זֶעלְבֶּע מֶעדִיצִין וָואס זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן. אִיךְ אַלֵיינְס הַאלְט מִיט מַעֲשִׂיּוֹת וָואס הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעעֶנְדִיגְט ה׳ יְרַחֵם.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ סְטְרַאשֶׁען מִיטְ׳ן אָפְּהַאלְטְן וְכוּ׳; אוּן וָואס אַ פְרוֹי וִויל פּוֹעֶלְ׳ן בַּיי אִיר מַאן קֶען מֶען פּוֹעֶלְ׳ן מִיט גוּטְנְ׳ס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַ מוֹיל מִיט אַ צוּנְג פַאר אַ סִיבָּה - מֶען זָאל רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְן צְוֵוייטְן, אוֹיב עֶפֶּעס בַּאדֶערְט פַאר דִי וַוייבּ זָאל זִי עֶס שֵׁיין אוֹיס שְׁמוּעֶסְן מִיט אִיר מַאן, אוּן אוֹיבּ עֶס בַּאדֶערְט עֶפֶּעס פַאר דִי מַאן זָאל עֶר עֶס שֵׁיין אוֹיס שְׁמוּעֶסְן מִיט זַיין וַוייבּ. אַז מֶען רֶעדְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ׳ן, אוּן אַז מֶען פּוֹעֶלְ׳ט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט, קֶען מֶען זִיכֶער נִישְׁט פּוֹעֶלְ׳ן מִיט סְטְרַאשֶׁען אוּן בְּלָאזְן, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# טו

## וָואס אִיז דִי אֱמֶת'דִיגֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שָׁלוֹם וּבְרָכָה,

רֵאשִׁית ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס וֶועקְט אוֹיף פוּן שְׁלָאף אִין אַלֶע עִנְיָנִים, אוּן פַאר אַלֶע עוֹסְקִים בִּמְלָאכָה פוּן הֲפָצַת הַשִּׁעוּרִים וָואס דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶס אַ שְׁטַארְקֶע הַשְׁפָּעָה, בִּפְרַט דִי שִׁיעוּרִים מִיט דִי תַּרְגוּם אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

צְווייטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ גֶעבּוֹירְן וֶוערְן אִין אַ אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶ שְׁטוּבּ, גֶעהֶערְט פִיל דִיבּוּרֵי רַבֵּינוּ, אוּן גֶעלֶערְנְט רוֹב סִפְרֵי רַבֵּינוּ. אוּן פוּן וֶוען אִיךְ הֶער אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים הָאט זִיךְ עֶפֶּעס צוּשָׁאקְלְט בַּיי מִיר.

אִיךְ הֶער וָואס מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, אוּן אִיךְ הֶער וָואס דִי אַנְדֶערֶע מַשְׁפִּיעִים זָאגְן, מִיט אַלֶע מִינֵי שִׁיטוֹת אוּן וֶועגְן; וָואס הָאט דֶער רֶבִּי בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט? וָואס אִיז דֶער הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם רֶבִּי'ן אוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן?

אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען אוּן בַּאקוּמֶען דֶער אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם אָן קַיין שִׁינוּיִים אוּן בִּלְבּוּלִים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶה

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זֶענְט זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה, אוּן דָאס וֶועקְט אַייךְ אוֹיף פוּן שְׁלָאף וְכוּ'.

**אַלֶעם** וָואס אִיךְ רֶעד אוּן אִיךְ זָאג, הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּמֶשֶׁךְ צֶען יָאר; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען, נָאר גֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דָאס אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פַאר אוּנְז פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, אַז מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט דֶעם אוּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אִין יֶעדֶע פְּרַט פוּן אוּנְזֶער לֶעבְּן.

**יֶעדֶעם** מָאל וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט נָאךְ זָאגְן עֶפֶּעס פוּן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר צוּגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם מַרְאֵה מָקוֹם. אוּן מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "אִיךְ זָאג נִישְׁט דִי מַרְאֵה מְקוֹמוֹת וַוייל אִיךְ וִויל זִיךְ אוֹיפְטוּן אַז אִיךְ קֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיף אוֹיסְנְווֵיינִיג, נָאר וַוייל מֶען זָאגְט אוֹיף מִיר אַז אִיךְ זָאג אֵייגֶענֶע זַאכְן, דֶערְפַאר זָאג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג דִי מַרְאֵה מְקוֹמוֹת", אוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט צוּלֵייגְן: "אַדְרַבָּה, אוֹיבּ אֵיינֶער הֶערְט פוּן מִיר אַ זַאךְ וָואס אִיךְ זָאג נָאךְ פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, זָאל עֶר אַרֵיין פְרֶעגְן". אִיךְ אַלֵיין הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בְּמֶשֶׁךְ צֶען יָאר יֶעדֶע וָואךְ לֵיל שִׁשִּׁי בַּיים שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעגֶעבְּן, אוּן כַּמָּה פְּעָמִים גֶעדֶענְק אִיךְ וִוי מֶען הָאט אַרֵיין גֶעפְרֶעגְט וְכוּ'.

**דֶערְפַאר** פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר קוּמְט פוּן אַ "אֱמֶת'עֶ בְּרֶסְלֶב'עֶר" שְׁטוּב אוּן אִיר ווילְט נָאר נֶעמֶען חִיזוּק גְלַייךְ פוּן רֶבִּי'ן, אָן קַיין שׁוּם שִׁנוּיִים אוּן בִּלְבּוּלִים.

**אִיךְ** וויל אַייךְ פְרֶעגְן, וֶוער אִיז אַן אֱמֶת'עֶר בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד? נָאר וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן! נוּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וֶועט אִיר זֶען אַז אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיינְס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס מֶען רוּפְט אִים פוּן דִי 'נְקִיֵּי הַדַּעַת שֶׁבִּירוּשָׁלַיִם', עֶר שְׁטֵייט כְּלוֹמַר'יש בְּרֹאשׁ אַלְץ דֶער וָואס טְרָאגְט דֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר פָּאן אוּן עֶר קוּמְט נִישְׁט רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אִיז דֶען דָא אַ גְרֶעסֶערֶע חוּכָא וּטְלוּלָא פוּן דֶעם?!

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה; עַיֵין חַיֵּי מוֹהַרַ"ן (סִימָן תקמג) וואוּ רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אַז דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוֹיף אוּנְז אַסַאךְ מָאל שְׁרַייעֶן אוּן אוּנְז אָנְרוּפְן: "טְרִיקֶענֶע בֵּיימֶער", וַוייל מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין הַפָּצָה; וֶוער הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען כָּל יָמָיו - אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר - צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוֹיבּ נִישְׁט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה?!

**דֶערְפַאר** פַארְשְׁטֵיי אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וָואס אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר ווילְט נָאר נֶעמֶען חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן אָן קַיין שׁוּם שִׁנוּיִים וּבִלְבּוּלִים; עֶס הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעפֶעלְט קַיין עַזּוּת פָּנִים'עֶר אִין בְּרֶסְלֶב, נָאךְ בַּיי רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַז

עֶר פְלֶעגְט פָארְלֶערְנֶען אִין קְלוֹיז, אוּן מֶען פְלֶעגְט קְלַאפְּן אוֹיפְן טִיש: "שָא, שָא! מִיר ווִילְן נִישְׁט הֶערְן אֵייעֶרֶע זָאגְן, מִיר ווִילְן הֶערְן נָאר פוּן רֶבִּי'ן"; אַיי דוּ עַזּוּת פָּנִים, וֶוען נִישְׁט רֶבִּי נָתָן וָואלְסְטוּ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פוּן רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שעו): "מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אִינְגֶערְמַאן, ווַייל וֶוען נִישְׁט אִים, וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר קַיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת"; אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיי רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז מֶען הָאט זִיךְ מִיט אִים גֶעקְרִיגְט, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי זַיין זוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה.

אִיךְ הָאף אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ הָאבּ אַייךְ אַבִּיסְל שַארְף גֶעעֶנְטְפֶערְט; גְלֵייבְּטְס מִיר, אִיךְ הָאבּ נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְן הַארְץ וָואס טוּט זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב. אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר קוּמְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שְׁטוּבּ; אִיךְ קוּם אוֹיךְ פוּן בְּרֶסְלֶב, אוּן פַאר אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן דוּרְךְ מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲבֵרִים, אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט אוֹיךְ גֶעהַאלְטְן אַז אִיךְ בִּין אַן עֶכְטֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַלֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ נִיגוּנִים אוּן גֶעווּאוּסְט פוּן דֶעם זָקֵן אוּן יֶענֶעם זָקֵן; אַלְץ בָּחוּר בִּין אִיךְ אַסַאךְ גֶעוֶוען אִין מִירוֹן וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ר' שְׁמוּאֵל טְשֶׁעטְשִׁיק, מִיט נָאךְ בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים; אִיךְ פְלֶעג גֵיין אִין פֶעלְד אוּן גָארְנִישְׁט... אֵיין זַאךְ הָאבְּן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר - אַ בִּיטוּל צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם; יֶעדְן אֵיינֶעם מַאכְט מֶען אַוֶועק,

קֵיינֶער אִיז גָארנִישְׁט װֶערְד. אִיךְ רֶעד נִישְׁט פוּן הַיינְטִיגֶע רֶבִּי'ס, נָאר אַפִילוּ פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים, מֶען מַאכְט יֶעדְן אֵיינֶעם אַװֶעק (הָיָה לֹא תִהְיֶה).

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת גֶעהַאט, אוּן מִיר מְקַרֵב גֶעוֶוען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַיְקָא דוּרְךְ מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶערֶעדְט פוּן אַלֶע צַדִיקִים, עֶר הָאט דֶערְמַאנְט אַלֶע תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן גֶערֶעדְט תַּכְלִית - לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, אַז אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן פוּן מִיר: 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', 'וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט אַרַיין כַאפְּן אַבִּיסְל גוּטְס, אַבִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע װֶעגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## טז

**ווִי אַזוֹי וֶוער אִיךְ פָּטוּר פוּן מַיין נִסָיוֹן צוּ אַ סְמַארְטְפָאוּן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֶערְן אִין אַ יְשִׁיבָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יֶעצְט אוֹיף דִי מִינוּט הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין סְמַארְטְפָאוּן, אָבֶּער ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זֶען דָאס אָנְצוּהַאלְטְן?

אִין דִי צְווייי יָאר וָואס אִיךְ לֶערְן דָא הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט בְּעֶרֶךְ 8-9 פָאוּן׳ס. יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶס כַאפְּט מִיר אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט, קוֹיף אִיךְ אֵיינְס אִין נָאךְ אַפָּאר טֶעג וַוארְף אִיךְ עֶס אַוֶועק. אָדֶער גֵיי אִיךְ צוּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער סְטָאר וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם פִילְטֶער.

בֶּאֱמֶת וויל אִיךְ זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן אִיךְ וֵויים אַז אַ טֶעלֶעפָאן אִיז שְׁמוּץ, וַוייל דָאס אִיז וָואס אִיךְ קוּק אַ גַאנְצְן טָאג וֶוען אִיךְ הָאבּ עֶס, אִיז וָואס אִיז דִי עֵצָה צוּ זַיין אַ צַדִיק?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י״ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע״ז לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרֵייבְּסְט מִיר אַז הָאסְט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ סְמַארְטְפָאוּן אוּן דוּרְךְ דֶעם בִּיסְטוּ אַרָאפּ גֶעפַאלְן טִיף טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוּן דוּ בִּיסְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. דוּ שְׁרֵייבְּסְט מִיר אַז אִיךְ זָאל דִיר הֶעלְפְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיין בְּלָאטֶע; אוֹיךְ שְׁרַייבְּסְטוּ מִיר אַז דוּ גֵייסְט אִין שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער, וָואס אַנְשְׁטָאט זִיצְן אִין יְשִׁיבָה, בְּשַׁעַת דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן דִיר גֶעשִׁיקְט לֶערְנֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְכוּ׳, גֵייסְטוּ קַיין וְכוּ׳ קוּקְן שְׁמוּץ ה׳ יְרַחֵם, אוּן דוּ בֶּעטְסְט מִיר אַן עֵצָה.

**וְזִיכְן** זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן - נִישְׁט קַיין חִילוּק וואוּ וַוייט עֶר אִיז שׁוֹין פַארְקְרָאכְן; אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט אַוֶועק וַוארְפְן דַיין סְמַארְטְפָאוּן, וָואס דוּ דַארְפְסְט עֶס נִישְׁט הָאבְן. קוּק צוּ וָואס עֶס בְּרֶענְגְט דִיר צוּ, לֵייְדֶער בִּיסְטוּ נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער בָּחוּר וָואס שְׁרַייבְּט מִיר אַזַא בְּרִיוו, אִיךְ בַּאקוּם יֶעדְן טָאג בְּרִיוְון פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס וֵויינֶען צוּ מִיר אַז אִיךְ זָאל זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זֵייעֶר בְּלָאטֶע; זֵיי שְׁרַייבְּן מִיר: "אִינְוֶוערְוֵויסְן מֵיינֶען אַלֶע אַז מִיר זֶענֶען גוּט וְכוּ', אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט זֶענֶען מִיר פַארְדָארְבְּן, אַזוֹי וַוייט אַז מִיר ווִילְן זִיךְ פָּשׁוּט נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְּלָן".

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת; יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. אַפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, דָאס וֶועט דִיר אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דַיין בְּלָאטֶע, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְּלָן", אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְּלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף־עַל־פִּי־כֵן הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל־כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ - יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ

הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס. וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דֶעם שִׂיחָה, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אַזוֹי וַוייט אַז אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס לִיגְט נֶעבֶעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוֹיב עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מַיין נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר אוּן עֶר וִויל דִיר נִישְׁט צוּרִיק נֶעמֶען, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט צוּרִיק יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה, שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה - עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֵייט עֶר פַאר'ן כִּסֵא הַכָּבוֹד. נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת לד:): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים אֵין צַדִיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד", אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶער וִוי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

דֶער הייליגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט און זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַאר אִים, דֶעמָאלְט נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ.

זָאלְסְט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן כֹּחַ און שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ נֶעמֶען אַ סְמַארְטְפָאוּן, וַוייל דָאס צֶעשְׁטֶערְט פָּשׁוּט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס יֶעדֶעס טְרָאפּ יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ בְּקָרוֹב און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, אָמֵן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## יז

### מַסְכִּים זַיין אַז עֶס זָאל נִישְׁט שְׁטֵיין דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי ווִי מִיר הַאלְטְן יֶעצְט בַּיים קוֹיפְן אַ פָּרוֹכֶת פַארְ'ן אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אִין אוּנְזֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, און עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס ווִיל

עֶס מְנַדֵב זַיין לְעִילוּי נִשְׁמַת, אָבֶער עֶר ווִיל נִישְׁט עֶס זָאל שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם "בְּהִתְיַסְדוּת כ"ק מוֹהֲרָא"ש זצוק"ל" [עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶס זָאל שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב"], ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיב מִיר זָאלְן מַסְכִּים זַיין אוֹיף דֶעם אָדֶער נִישְׁט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ט מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד גַבַּאי בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ.

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט אַרוֹיס שְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶעם טָאווְל אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ, וָואס עֶס זָאל שְׁטֵיין דֶערוֹיף: "בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, נִתְיַיסֵד עַל יְדֵי מָרָן מוֹהֲרָא"ש זַ"ל".

**וַוייל** אַז אֵיינֶער קוּמְט צוּ דִיר אַז עֶר ווִיל מְנַדֵב זַיין אַ פָּרוֹכֶת נָאר בִּתְנַאי אַז עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיף דֶעם דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָא"ש, דָאס מֵיינְט אַז דִי מִתְפַּלְלִים מֵיינֶען אַז זֵיי דַאוֶועןֶען נִישְׁט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט זָאגְן זָאלְסְט נִישְׁט נֶעמֶען פוּן אִים וְכוּ', אָבֶער אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶענוּמֶען פוּן אֵיינֶער וָואס נֶעמְט זִיךְ אוֹיס מִיט מִיר אַנְטְקֶעגְן מַיין רֶבִּי.

**צוּ** פִירְן אַ שׁוּל דַארְף מֶען הָאבְּן גְרוֹיס סַיַיעְתָּא דִשְׁמַיָא, אוּן ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט קַיין גַבַּאי אִין אַ בֵּית

הַמֶּדְרָשׁ, ווייסְט עֶר נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אֵיינֶעם וָואס הָאט צוּ טוּן מִיט אַ רַבִּים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יז.) אוֹיפְן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר יא, כח): ״וַיֹּאמַר, אֲדֹנִי מֹשֶׁה כְּלָאֵם״, יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעבֶּעטְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל עֶפֶּעס טוּן מִיט אֶלְדָד וּמֵידָד וְכוּ׳, זָאגְט דִי גְמָרָא, ״מַאי כְּלָאֵם? אָמַר לֵיהּ, הַטֵּל עֲלֵיהֶן צָרְכֵי צִיבּוּר, וְהֵן כָּלִין מֵאֲלֵיהֶן״, יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעבֶּעטְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עֶר זָאל אַרוֹיף לֵייגְן אוֹיף זֵיי צָרְכֵי צִיבּוּר, וֶועט זִיךְ זֵייעֶר נְבִיאוּת עֶנְדִיגְן (עַיֵּין תּוֹסְפוֹת שָׁם): ״דְאֵין שְׁכִינָה שׁוֹרָה מִתּוֹךְ עַצְבוּת אֶלָּא מִתּוֹךְ שִׂמְחָה״, דָאס הֵייסְט, אֵיינְמָאל זֵיי וֶועלְן זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט אַ צִיבּוּר, וֶועלְן זֵיי שׁוֹין זַיין פַאר׳דַאֲגָה׳ט, אוּן אַז מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין נָבִיא.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ, זָאלְסְטוּ זֶען אַז דָאס זָאל זַיין אַ שֵׁיין ווינְקל פַאר דִי גַאנְצֶע גֶעגֶנְט, אַז אוֹיב אֵיינֶער דַארְף חִיזּוּק זָאל עֶר וויסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען קֶען הֶערְן אַ גוּט וָוארְט וְכוּ׳.

**דֶער** אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## יח

### מַיין בַּאלֶעבָּאס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם גֶעפִיל צוּ מַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן אוּנְזֶערֶע שְׁאֵלוֹת. דִי שְׁאֵלָה וָואס שְׁטֶערְט מִיר אִיז; אַז עֶס אִיז שׁוֹין דְרַייצְן יָאר, כּוּלָם שָׁוִים לְטוֹבָה, וָואס אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף אַ פְּלַאץ, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּ דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים, אִיךְ טוּ פַאר זֵיי אַסַאךְ אַסַאךְ מֶער וִוי סְתָם אַרְבֶּעטֶערְס, אִיךְ שְׁטֶעל זֵיי צוּ גָאר אַ גֶעלוּנְגֶענֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה זֶע אִיךְ אַז אִין דִי רֶגַע וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זֵייעֶרֶע אִינְטֶערֶעסְן זֶענֶען זֵיי גְרֵייט צוּ בַּאגְרָאבְּן דִי אַרְבֶּעטֶערְס. פוּן וואוּ נֶעמְט מֶען דִי מוּט אוּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי אַרְבֶּעט? אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר בִּיטֶע גֶעבְּן חִיזוּק צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי אַרְבֶּעט. וַוייל אִיךְ זֶע אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַפִילוּ וֶוען אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פָאר אַז עֶס אִיז אַייךְ בִּכְלַל נִישְׁט גְרִינְג, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיין קַשְׁיָא - דָאס אַלֵיינְס אִיז דֶער תִּירוּץ; דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וִוי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן

בַיי אַ פְלַאץ, דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אִיבֶער פַאר דַיינֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים, און יֶעצְט זֶעסְטוּ אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ זֵייעֶרֶע אִינְטֶערֶעסְן קוּקְן זֵיי נִישְׁט אוֹיף דִיר, דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וִוי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי חֲבֵרִים, און עֶס אִיז אַ שָׁאד נָאךְ צוּ לוֹיפְן מֶענְטְשְׁן, וַוייל יֶעדֶער מֵיינְט נָאר זִיךְ, וְהָא רַאֲיָה, דִי רֶגַע וָואס עֶס וֶועט אוֹיסְקוּמֶען בֶּעסֶער פַאר זֵיי צוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶער אַרְבֶּעטֶער, וֶועלְן זֵיי דִיר אַוֶועק שִׁיקְן אָן קַיין רַחְמָנוּת.

**מֶען** זֶעט נֶעבֶעךְ וִוי אִינְגֶעלַייט צֶערַייסְן זִיךְ פַאר זֵייעֶרֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים; זֵיי וֵוייסְן נָאךְ נִישְׁט וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז, זֵיי לֵייגְן אַלֶעס אִין דֶער זַייט פַאר זֵייעֶרֶע בַּעֲלֵי בַּתִּים און זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ לַאנְגֶע יָארְן, בִּיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת טְרֶעפְט אַ צְוֵוייטֶע שְׁמַאטֶע וֶועם מֶען קֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן, דֶעמָאלְט זָאגְט עֶר אָפּ דֶעם אִינְגֶערְמַאן פוּן אֵיין טָאג אוֹיפְן צְוֵוייטְן, און עֶר בְּלַייבְּט מִיט גָארְנִישְׁט; דִי וַוייבּ הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט, וַוייל יֶעדֶעס מָאל זִי הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַהֵיים צוּ קוּמֶען וְכוּ', הָאט עֶר אִיר אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט מִיטְן תִּירוּץ: "מַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן דָאס און יֶענְץ"; זַיינֶע קִינְדֶער הָאט עֶר נִישְׁט, וַוייל וֶוען זֵיי פְלֶעגְן וֶועלְן רֶעדְן מִיט אִים וְכוּ' הָאט עֶר אֵייבִּיג גֶעהַאט גוּטֶע תִּירוּצִים - עֶר דַארְף לוֹיפְן צוּ זַיין אַרְבֶּעט, זַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַ טוֹבָה וְכוּ',

## און יֶעצְט וֶוען דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אִים אַרוֹיס גֶעשְׁטוֹיסְן, זֶעט עֶר זִיךְ אֵיינֶער אַלֵיין.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וֶוען מֶען גֵייט אַרְבֶּעטְן, אַז מֶען גֵייט אַרְבֶּעטְן פָּשׁוּט צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרִי דְבָרִים, פֶּרֶק טו, פִּיסְקָא קנח) אוֹיפְן פָּסוּק (מִלְּשׁוֹן הַכָּתוּב דְּבָרִים טו, יח): "'וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה', יָכוֹל יְהֵי יוֹשֵׁב וּבָטֵל? תַּלְמוּד לוֹמַר 'בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה'", מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן, אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט דִי פַּרְנָסָה.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים, און הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט: "רֶבִּי, מַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן"; דֶער אִיד הָאט פַארְמָאגְט אַ קוּ, עֶר פְלֶעגְט עֶס מֶעלְקְן און פַארְקוֹיפְן דִי מִילְךְ, פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט פַּרְנָסָה, אֵיין צוּפְרִי קוּמְט עֶר אַרַיין אִין שְׁטַאל און טְרֶעפְט זַיין קוּ טוֹיט; דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט אִים גֶעוָואלְט בַּארוּאִיגְן, אָבֶּער דֶער אִיד וֵויינְט און שְׁרֵייט אַז עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער וַוייל עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זָאגְט אִים דֶער חָפֵץ חַיִּים זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "דַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, און עֶר וֶועט דִיר וַוייטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה, חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְרַאכְטְן אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ קוּ, נָאר דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ הָאסְט גֶעהַאט פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי קוּ, און יֶעצְט וֶועט קוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג".

דִי מַעֲשֶׂה זָאלְסְטוּ גוּט אַרַיינֶעמֶען אִין דִיר; דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן פַאר אֵיין מִינוּט אַז דַיין פַּרְנָסָה קוּמְט פוּן דִי אַרְבֶּעט, אוּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט פַארְלִירְן דִי אַרְבֶּעט וֶועסְטוּ אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער וְכוּ', אָדֶער אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט?' נָאר דוּ דַארְפְסְט זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין זַיינֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס קוּמְט אַרוֹיף דַאוֶוענֶען אִין יְשִׁיבָה, הָאט מִיר פַארְאַיָאר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן, אָבֶּער דֶער בַּעַל הַבַּיִת וואוּ עֶר אַרְבֶּעט זָאגְט אִים, אַז אוֹיבּ עֶר פָארְט אוֹיף אוּמַאן וֶועט עֶר פַארְלִירְן זַיין אַרְבֶּעט, אוּן עֶר פְרֶעגְט מִיר וָואס עֶר זָאל טוּן; אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן. לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן - עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּיישְׁטֵיין דֶעם נִסָיוֹן; וָואס מֵיינְסְטוּ? אַפָּאר וָואכְן נָאךְ סוּכּוֹת זָאגְט עֶר מִיר אַז זַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעטְרָאפְן אַ צְוֵוייטְן אִינְגֶערְמַאן וָואס טוֹיג אִים בֶּעסֶער אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אָן אַ פַּרְנָסָה. דֶער אִינְגֶערְמַאן אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, ווַייל עֶר הָאט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זַיין רֶבִּי, זַיין אִידִישְׁקֵייט אוּן זַיין הִתְחַזְקוּת פַאר דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, אוּן יֶעצְט הָאט עֶר גָארְנִישְׁט.

דוּ בֶּעטְסְט מִיר אַן עֵצָה צוּ הָאבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ פְּלַאץ נָאכְדֶעם וָואס דוּ זֶעסְט אַז דַיינֶע בַּעֲלֵי

בַּתִּים זוּכְן דִיר צוּ בַּאגְרָאבְּן; קוּק אַריין אִין מֶדְרָשׁ רַבָּה (פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב) ווִי אַזוֹי יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְקוּמֶען מִיט זַיין בַּעַל הַבַּיִת פּוֹטִיפַר, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז (בְּרֵאשִׁית לט, ב): "וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי ה' אִתּוֹ", עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שָׁם פו, ה) אַז יוֹסֵף הַצַּדִּיק, וֶוען עֶר פְלֶעגְט בַּאדִינֶען זַיין הַאר, פְלֶעגְט עֶר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן זִיךְ זַיינֶע לִיפְּן גֶעשָׁאקְלְט; בִּיז פּוֹטִיפַר הָאט אִים אֵיינְמָאל גֶעפְרֶעגְט: "זָאג מִיר, וָואס שֶׁעפְּשֶׁעסְטוּ מִיט דַיינֶע לִיפְּן, דוּ מַאכְסְט כִּישׁוּף?!" הָאט אִים יוֹסֵף הַצַּדִּיק גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין כִּישׁוּף מַאכֶער, נָאר אִיךְ הָאבּ אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועם אִיךְ בֶּעט אַז אִיךְ זָאל נוֹשֵׂא חֵן זַיין אִין דַיינֶע אוֹיגְן".

**זֶעט** מֶען אַז מִיט תְּפִלָּה קֶען מֶען בַּאקוּמֶען חֵן אִין יֶעדֶעמְס אוֹיגְן, אַפִילוּ אִין דִי אוֹיגְן פוּן פּוֹטִיפַר, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁמוּצִיגֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ'.

**שְׁטַארְק** דִיר, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# יט

**אִיךְ וְויל אוֹיסְדְרוּקְן מַיין הַכָּרַת הַטוֹב פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען דִי דַאנְק גֶעפִילְן וָואס אִיךְ הָאבּ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה. נָאכְ'ן שִׁיעוּר גֵיי אִיךְ צוּ זָאגְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אַזוֹי ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער, אָבֶּער אִיךְ פִיל אַז דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר וַוייט פוּן גֶענוּג. מַיין שְׁאֵלָה אִיז ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְוַוייזְן דִי הַכָּרַת הַטוֹב; דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן, עֶר גֶעבְּט פַאר אוּנְז שָׁלוֹם בַּיִת, עֶר אִיז זִיךְ מְבַזֶה פַאר מִיר, עֶר טוּט אַלֶעס פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְוַוייזְן הַכָּרַת הַטוֹב?

הֱיוֹת אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט וֶועמֶען צוּ פְרֶעגְן, פְרֶעג אִיךְ עֶס פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַנְטְשׁוּלְדִיגוּנְג פַארְ'ן פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן הַכָּרַת הַטוֹב; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן הַכָּרַת הַטוֹב פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט אִים גֶעטוּן אַ טוֹבָה,

בִּפְרַט פַאר אַ רֶבִּי וָואס הָאט אַלֶעס אַוֶועק גֶעלֵייגְט אִין דֶער זַייט, אַבִּי אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן אַז עֶר קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יז, יג): "מֵשִׁיב רָעָה תַּחַת טוֹבָה, לֹא תָמוּשׁ רָעָה מִבֵּיתוֹ", וֶוער עֶס בַּאצָאלְט צוּרִיק שְׁלֶעכְטְס פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט אִים גֶעטוּן גוּטְס, זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּטוּן דָאס שְׁלֶעכְטְס פוּן אִים; וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֶרְגֶערֶע מִידָה פוּן זַיין אַ כָּפוּי טוֹבָה. אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ כָּפוּי טוֹבָה, וַוייזְט דָאס, אַז עֶר הָאט אִין זִיךְ אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת; דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דִיר גֶעטוּן אַ טוֹבָה. אוֹיף קֵיינֶעם טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס, אָבֶּער אַז מֶען רֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֵיינֶעם וָואס הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן, בִּפְרַט אַ רֶבִּי וָואס הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין לֶעבְּן, זַיין מִשְׁפָּחָה, זַיינֶע קִינְדֶער, זַיין נָאמֶען וְכוּ' וְכוּ', אַלֶעס - נָאר אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן; דוּ זָאלְסְט וִויסְן ווִי אַזוֹי מֶען לֶעבְט אִין שְׁטוּב מִיט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם טָאר מֶען זִיכֶער נִישְׁט רֶעדְן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אוּן דָאס אִיז זֵייעֶר הַארְבּ.

וֶוען אֵיינֶער בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל אִים דֶערְצֵיילְן מוֹפְתִים פוּן מוֹהֲרַ"ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְכוּ'; דֶערְצֵייל אִיךְ וָואס עֶס אִיז אִין מֵיינֶע אוֹיגְן דֶער גְרֶעסְטֶער מוֹפֵת אוּן דָאס גְרֶעסְטֶע צִדְקוּת. אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֵיין אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אִיבֶּער פוּפְצִיג יָאר, בִּשְׁעַת דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט

גֶעהָאלְפְּן - רוּבָּם כְּכּוּלָם, זֶענֶען גֶעוָוארְן זַיינֶע גְרֶעסְטֶע מִתְנַגְּדִים; אַלֶע גְרוֹיסֶע מַנְהִיגִים - סַיי אִין בְּרֶסְלֶב און סַיי אִין דֶער וֶועלְט הָאבְּן גֶענוּמֶען חִיזוּק פוּן דֶעם צַדִּיק, און גֶערֶעדְט הָאבְּן זֵיי אַלֶע אוֹיף אִים מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע לְשׁוֹנוֹת, און פֶּלֶא עַל גַּבֵּי פֶּלֶא, וַיִּפְנוּ מִשָּׁם הָאֲנָשִׁים - וַיֵּלְכוּ סְדֹמָה, וּמוֹהֲרַ"אשׁ עוֹדֶנּוּ עֹמֵד לִפְנֵי ה'...

**דָאס** אִיז דִי מַעֲלָה פוּן אַ צַדִּיק, אַז וִויפִיל מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, וִויפִיל מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִים, אִיז עֶר בַּיי זִיךְ אַזוֹי בָּטֵל, אַז עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיסֶער דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט גָארְנִישְׁט.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב' סִימָן עב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין אַזוֹי וִוי דֶער עֶרְד; דֶער עֶרְד וֶוערְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מֶענְטְשְׁן וֶוען מֶען טְרֶעט אוֹיף אִיר, מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִיר און מֶען וַוארְפְט מִיסְט אוֹיף אִיר וְכוּ' וְכוּ', דֶער עֶרְד גֶעבְּט וַוייטֶער אַרוֹיס אַלֶע גוּטֶע פְּרוּכְט און אַלֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַ גוּטֶער און אַ גֶעבֶּער; אַפִילוּ מֶען שְׁפֵּייט אוֹיף אִים, אַפִילוּ מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, זָאל עֶר וַוייטֶער זַיין גוּט צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# כ

**אִיךְ שְׁפִּיר מֶער אַ גֶעשְׁמַאק אִין עִיּוּן;**
**מַיין וַוייבּ לָאזְט מִיר נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן.**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ שְׁטִיק צַייט צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, אוּן אִיךְ גֵיי שׁוֹין יֶעצְט עֶנְדִיגְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין מַיין לֶעבְּן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה!

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי זַאכְן וָואס אִיךְ וִויל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ וֶועל נִישְׁט זָאגְן אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, אָבֶּער אִיךְ פְלֶעג הֲנָאָה הָאבְּן אוּן שְׁפִּירְן אַ גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען, עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען גֶעשְׁמַאק צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי מוּשָּׂגִים וִוי אַזוֹי אַ קַשְׁיָא אִיז פַארְעֶנְטְפֶערְט גֶעוָוארְן, אָבֶּער יֶעצְט מִיטְן לֶערְנֶען אוֹיפְן דֶּרֶךְ הַלִּימוּד קוּם אִיךְ טַאקֶע אָן אַסַאךְ, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט וִוי אִיךְ בִּין מְחוּבָּר צוּ וָואס אִיךְ לֶערְן, אוּן אַז אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה פוּן דָאס לֶערְנֶען.

אִיךְ שֶׁעפּ אַסַאךְ חִיזּוּק פוּן דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט פָארְן אוֹיף אוּמַאן צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט מַסְכִּים; אַלֶעס וָואס זִי וַוייסְט וֶועגְן בְּרֶסְלֶב אִיז, אַז דָאס אִיז אַ מְשׁוּגָענֶע פְּלַאץ אוּן רַאדִיקַאלֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן זִי וִויל נִישְׁט אִיךְ זָאל פָארְן. ווִיפִיל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרָאבִּירְט צוּ רֶעדְן צוּ אִיר וֶועגְן דֶעם, הָאט זִיךְ נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶערוּקְט, אוּן צוּ פַארְלִירְן מַיין וַוייבּ וֶועגְן דֶעם אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין אַפְּצִיֶע; וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט בֶּעטְן דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם.

אִיךְ קֶען מִיר נִישְׁט גֶענוּג בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה, פַאר אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דוּרְךְ אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרֵייבְּסְט מִיר אַז וֶוען דוּ לֶערְנְסְט און דוּ פַּארְשְׁטֵייסְט וָואס דוּ לֶערְנְסְט שְׁפִּירְסְטוּ אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶערְנֶען, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען דוּ זָאגְסְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן, שְׁפִּירְסְטוּ נָאךְ נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק; וויל אִיךְ דִיר זָאגְן אַז דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיינֶע אַלְטֶע שִׁיעוּרִים, אַדְרַבָּה - זֶע צוּ לֶערְנֶען וַוייטֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בִּקְצָת עִיּוּן", אַ מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען בְּעִיוּן, אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג; דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און אַסַאךְ דַפִּים גְמָרָא, אַפִילוּ דוּ פַּארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, זָאלְסְטוּ אָבֶּער ווִיסְן אַז בְּמֶשֶׁךְ הַיָּמִים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דַיין קָאפּ וֶועט זִיךְ דִיר עֶפֶענֶען און דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ פַּארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס דוּ לֶערְנְסְט.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן דַיין וַוייבּ, אַז זִי קוּקְט אָן בְּרֶסְלֶב ווִי אַ פְּלַאץ פוּן מְטוֹרָפִים וְכוּ'; לֵיידֶער בִּיסְטוּ נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט און בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער דָאס זֶעלְבֶּע וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, זֵיי ווִילְן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה,

אָבֶער זֵייעֶרע עֶלְטֶערְן אוּן זֵייעֶר וַוייבּ שְׁטֶעלְן זִיךְ אַנְטְקֶעגְן, ווייל זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**גֶעבּ** אַכְטוּנְג זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן מִיט דַיין וַוייבּ, אוּן בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס וֶועט גֶעשֶׁען אַ נֵס, אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה, נִישְׁט נָאר וֶועט דִיר דַיין וַוייבּ לָאזְן גֵיין קַיין אוּמַאן, נָאר זִי וֶועט דִיר טְרַייבְּן, זִי וֶועט דִיר קוֹיפְן אַ מַתָּנָה אַ טִיקֶעט אַז דוּ זָאלְסְט פָאהְרְן קַיין אוּמַאן.

**אִיךְ** הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער בַּיי מַיינֶע תַּלְמִידִים - סֵיי בָּחוּרִים אוּן סֵיי אִינְגֶעלַייט, ווִי זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם עִנְיָן; זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְגִיסְן זֵייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי ווילְן גֵיין קַיין אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן צוּ פַארֶערכְטְן זֵייעֶרע מַעֲשִׂים אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ תִּיקוּן אוֹיף זֵייעֶרע מַעֲשִׂים וְכוּ', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן אַז זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען.

**דוּ** זָאלְסְט זֶען צוּ זַיין אַ וואוֹילֶער מַאן אוּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיין וַוייבּ; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד) אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועסְט זֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# כא

## איך לייד געפערליך פון מיין מאן.

### שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך הער אויס אייערע שיעורים, און איך באקום זייער אסאך חיזוק און קוראזש דערפון, הלוואי וואלט ווען מיין מאן אויך געהערט אייערע שיעורים.

איך בין שוין חתונה געהאט דריי יאר, און די מצב ביי אונז איז זייער שווער; מיין מאן שרייט אויף מיר, ער ווארפט אן אויף מיר א שרעק, ער מאכט זיך נישט וואוסענדיג פון מיר און ער מאכט חוזק פון מיר ווען ער קען, ער גייט זייער אסאך ארויס מיט חברים, און ווען ער איז שוין יא אינדערהיים איז ער פארנומען מיט סאושעל מידיע און מאוויס.

מיין מאן האט קיינמאל נישט פארשטאנען מיינע געברויכן, וואס א פרוי דארף; די איינציגסטע פאל ווען ער שפילט זיין ראלע אלץ מאן, איז מיטן באצאלן די בילס.

מיין מאן גייט קיינמאל נישט אין בית המדרש, נישט שבת און נישט אינדערוואכן, און בכלל דאוונט ער נישט, און ער לערנט נישט.

איך האב שוין פרובירט צו שיקן מענטשן וואס זאלן רעדן צו אים, און ער האט זיי צוגעזאגט אז ער גייט זיך פארבעסערן, אבער ער האט דאס קיינמאל נישט אויסגעפירט. און איך אליינס האב שוין אזויפיל געבעטן דעם אייבערשטן, אבער די מצב זעט אויס האפענונגסלאז.

לעצטנס האט מיר א חשוב'ער רב גע'עצה'ט אז איך זאל זיך גט'ן, וויבאלד מיין מאן ווייזט נישט ארויס קיין שום אינטערעסע זיך צו פארבעסערן, נישט אין אידישקייט און נישט אין די וועג ווי אזוי ער פירט זיך אויף צו מיר. דער רב זאגט מיר אז איך בין נאך צו יונג צו ליידן פאר די המשך פון מיין לעבן.

אַזוֹי וִוי דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה טוּט אִין שָׁלוֹם בַּיִת, וְויל אִיךְ פְרֶעגְן צִי דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג אַז מִיר זָאלְן נָאךְ קֶענֶען בְּלַייבְּן צוּזַאמֶען? אִיז בִּכְלָל פַארְהַאן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל קֶענֶען אִיבֶּערְצַייגְן מַיין מַאן זִיךְ צוּ טוּישְׁן? וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּבְּרֶענְגֶען דֶערְצוּ אַז מַיין מַאן זַאל צוּהֶערְן אֵייעֶרע שִׁיעוּרִים, אוּן הֶערְן וִוי אַזוֹי אַ מַאן דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן?

אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר מַכִּיר טוֹב גֶעוֶוען אוֹיבּ דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואלְט מִיר גֶעקֶענְט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, ווייל דִי מַצָּב אִיז אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן נֶעמֶען דִי צַייט צוּ לֵיינֶען מַיין בְּרִיוו, זָאלְט אִיר וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ הֶעלְפְן נָאךְ אִידְן בְּסִיַּעְתָּא דִשְׁמַיָא.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"א מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶה

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.**

**וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אֵייעֶר בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט גְרוֹיס וַוייטָאג אוּן צַעַר צוּ הֶערְן וָואס אִיר מַאכְט מִיט פוּן אֵייעֶר מַאן; אִיךְ קֶען אָבֶּער נִישְׁט נֶעמֶען אַ צַד וֶוען אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעהֶערְט אֵיין זַייט פוּן דִי מַעֲשֶׂה.**

**אִיר דַארְפְט רֶעדְן צוּ אֵייעֶר מַאן קְלָארֶע וֶוערְטֶער, זָאגְט אִים אַרוֹיס קְלָאר וָואס עֶס בַּאדֶערְט אַייךְ, אוּן אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט גְרֵייט צוּ לַיידְן אֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן; אִיר זֶענְט נָאךְ אַ יוּנְגֶע פְרוֹי, אוּן עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ אַז אַ פְרוֹי דַארְף בְּלַייבְּן אִיר גַאנְץ לֶעבְּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע עֲגוּנָה. אוֹיבּ אִיז**

עֶס טַאקֶע אַזוֹי, אַז אֵייעֶר מַאן קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים, עֶר פַארְבְּרֶענְגְט זַיינֶע נֶעכְט מִיט בְּלוֹמֶר'ישֶׁע חֲבֵרִים, און וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין יָא אַהֵיים טְשֶׁעפֶּעט עֶר אַייךְ, עֶר סְטְרַאשֶׁעט און עֶר מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַייךְ, דַארְפְט אִיר זַיין מִיט אִים זֵייעֶר אָפְן; רֶעדְט צוּ אִים שֵׁיין, זָאגְט אִים אַז אִיר זֶענְט גְרֵייט צוּ טוּן אַלֶעס אויף דֶער וֶועלְט צוּ בְּלַייבְּן מִיט אִים, אויב עֶר וֶועט זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ און אֵיידְל.

**אִיר** שְׁרֵייבְּט מִיר אַז וֶוען עֶר קוּמְט שׁוֹין יָא אַהֵיים אִיז עֶר פַארְנוּמֶען מִיט סָאוּשֶׁעל מִידְיֶע און מָאוִויס; לֵיידֶער זֶענֶען שׁוֹין זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁטוּבֶּער חָרוּב גֶעוָוארְן פוּן דֶעם פַארְשָׁאלְטֶענֶעם סְמַארְטְפָאוּן, דָאס נֶעמְט אַרוֹיס יֶעדֶעס בִּיסְל יִרְאַת שָׁמַיִם און יֶעדֶעס בִּיסְל גוּטְס וָואס עֶס אִיז דָא אִין אַ מֶענְטְשׁ. אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס דַארְף הָאבְּן זַיין טֶעלֶעפָאן פַאר פַּרְנָסָה אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער מֶען טָאר דָאס נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, וַוייל דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַאר אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

**אִיךְ** בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט'ס אַייךְ און זַייט'ס וַוייטֶער מִתְפַּלֵל; בֶּעט'ס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף אֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. אַז אִיר רֶעדְט בֶּעסֶער עֶנְגְלִישׁ און אִיר קֶענְט זִיךְ בֶּעסֶער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אויף עֶנְגְלִישׁ, זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף עֶנְגְלִישׁ, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט אויף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ קֶען מֶען זִיךְ בֶּעסֶער אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען, און מֶען רֶעדְט מֶער פוּן הַארְץ. בֶּעט'ס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר

זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ און אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין אֵייעֶר מַאן אַ רוּחַ טָהֳרָה, עֶר זָאל אַיינְזֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אִים, עֶר זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ אַייךְ, און עֶר זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וְכוּ'.

**אִיר** שְׁרַייבְּט מִיר אַז אִיר זֶענְט אַסַאךְ מִתְפַּלֵל אָבֶער אִיר שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי אִיר קֶענְט נָאךְ הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה; זָאגְט נִישְׁט אַזוֹי, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס מֶעגְלִיךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען בֶּעט אִים, און עֶר הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר אַסַאךְ מָאל דַארְף מֶען אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ - אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייךְ, און עֶר וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אַז אִיר וֶועט הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן אֵיין טָאג, אִיר זָאלְט יֶעדְן טָאג זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּ אִים, בֶּעטְס אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטֶע זִיסֶער, הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, קוּק צוּ מַיין פֵּיין וִוי אִיךְ וֶוער דֶערְנִידֶערְט און פַארְשֶׁעמְט פוּן מַיין מַאן, הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אַז מַיין מַאן זָאל אַוֶועק וַוארְפְן דִי מָאוִוים, עֶר זָאל אָפְּלָאזְן זַיין סָאוּשֶׁעל מִידְיֶע, און עֶר זָאל זִיךְ אוֹיף וֶועקְן פוּן זַיין טִיפֶע שְׁלָאף, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ גֵיין אִין שׁוּל און עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן זִיךְ צוּ פִירְן עֶרְלִיךְ; אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל

הָאבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן מִיט מַיין מַאן, אִיךְ וִויל אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת". אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעשְׁרִיבְּן דִי תְּפִלָּה אִין אִידִישׁ, אָבֶּער אוֹיבּ אִיר רֶעדְט בֶּעסֶער עֶנְגְלִישׁ, זָאלְט אִיר דָאס זָאגְן אִין עֶנְגְלִישׁ; אוּן בְּשַׁעַת אִיר צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט, וֶוען אִיר לֵייגְט אַרוֹיף אֵייעֶרֶע הֶענְט אוֹיפְן פָּנִים, זָאלְט אִיר וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן פַאר אִים אַלֶעס וָואס דְרִיקְט אַייךְ אוֹיפְן הַארְץ. זֶעצְט אַייךְ אַרָאפּ בַּיי דִי שַׁבָּת לִיכְט, אוּן גֵייט נִישְׁט אַוֶועק פוּן דָארְט ווִילַאנְג אִיר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס אֵייעֶר הַארְץ, וֶועט אִיר זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן.

**אָבֶּער** אִיךְ זָאג אַייךְ נָאכְאַמָאל, אִיר דַארְפְט זַיין אָפְן מִיט אֵייעֶר מַאן; קֵיינֶער זָאגְט נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט מְחוּיָב צוּ לַיידְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן פוּן אַ מַאן וָואס פַארְשֶׁעמְט אוּן סְטְרַאשֶׁעט אַייךְ, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ, רֶעדְט מִיט אִים אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט כְּדֵי צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ אוֹיבּ מֶען קֶען עֶס נָאךְ רַאטֶעוֶוען, בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז דָא קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# כב

## בַּיי אַ צִיּוּן בֶּעט מֶען פוּנֶעם צַדִּיק אָדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וויל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין יֶעדְן טָאג!

אִיךְ וואוֹין אִין קִרְיַת יוֹאֵל, אוּן פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַרוֹיפְגֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיים צִיּוּן פוּנֶעם סַאטְמַאר רֶבִּי'ן זי"ע, אוּן בִּכְלַל וֶועגְן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צִיּוּן פוּן אַ צַדִּיק, גֵיי אִיךְ כְּסֵדֶר אַרוֹיף צוּם צִיּוּן. כִּמְעַט יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ פָאר דָארְט דוּרְךְ, אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ נָאר אַ מִינוּט צְווֵיי, גֵיי אִיךְ אַרוֹיף דָארְט מִתְפַּלֵּל זַיין. אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת נָאךְ זַייעֶנְדִיג בַּיים צִיּוּן.

אִיךְ וויל אָבֶּער פְרֶעגְן, אַז אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל מַחְשָׁבוֹת אוּן סְפֵיקוֹת צִי מֶען מֶעג בֶּעטְן פוּנֶעם צַדִּיק, אָדֶער דַארְף מֶען בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעהָאלְפְן צוּ וֶוערְן אִין זְכוּת פוּנֶעם צַדִּיק?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ גֵייסְט אַרוֹיף כְּסֵדֶר צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמַאר; דֶער רֶבִּי

זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן קעג): "עַל יְדֵי הִשְׁתַּטְּחוּת עַל קִבְרֵי הַצַּדִּיקִים, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה לוֹ טוֹבוֹת, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לְכַךְ"; דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים, וַוייל דָארְט אִיז אַ פְּלַאץ וָואס דִי תְּפִילּוֹת גֵייעֶן אַרוֹיף אִין הִימְל, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט רָאוּי.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען קֶען אַלְץ פּוֹעֵל'ן דוּרְךְ תְּפִילָּה, אוּן דָאס אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד פַארְמָאגְט; אוֹיפְן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כז, כב): "הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב" זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סה, כ) אַז וֶוען בָּלָק הָאט גֶעזֶען ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן אוּן סִיחוֹן מֶלֶךְ הָאֱמוֹרִי, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט שְׁלוּחִים קַיין מִדְיָן צוּ פְרֶעגְן וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, כְּדֵי צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אִים בַּייקוּמֶען, אָמְרוּ זִקְנֵי מִדְיָן: "אֵין כּוֹחוֹ אֶלָּא בְּפִיו", הָאבְּן דִי זִקְנֵי מִדְיָן גֶעזָאגְט אַז זַיין גַאנְצֶער כֹּחַ אִיז נָאר מִיט זַיין מוֹיל; אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף, אוּן אַלֶע זַיינֶע נִצְחוֹנוֹת אִיז דוּרְךְ תְּפִילָּה, הָאט בָּלָק גֶעזָאגְט: "אַף אָנוּ נָבוֹא כְּנֶגְדָם בְּאָדָם שֶׁכּוֹחוֹ בְּפִיו", דַאן וֶועלְן מִיר אוֹיךְ מִלְחָמָה הַאלְטְן קֶעגְן אִים מִיט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט דִי כֹּחַ אִין דִי מוֹיל.

וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ קֶבֶר פוּן אַ צַדִּיק בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל חֶפְצִי בָם", אַז בִּזְכוּת דִי צַדִּיקִים זָאל אִיךְ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## כג

**מַיין אֵיינְצִיג קִינְד וויל נִישְׁט רֶעדְן צוּ מִיר, אִיךְ קֶען נִישְׁט זֶען מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ.**

### שְׁאֵלָה

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַרוֹיסְצוּבְּרֶענְגֶען מַיין מַצָּב אִין קוּרְצְן - אִיךְ דַארְף הִילְף!

פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן לַייד אִיךְ אוֹיף עֶטְלִיכֶע שְׁוֶוערֶע גֶענֶעטִישֶׁע מַחְלוֹת, אִיךְ הָאבּ חַתוּנָה גֶעהַאט - דָאס אִיז אַן עֶקְסְטֶערֶע פַארְצְוַוייגְטֶע פַּרְשָׁה...

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט אֵיין קִינְד, מַיין אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ מִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אִיר מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, און זִי הָאט גֶעמַאכְט אִיךְ זָאל וֶועלְן לֶעבְּן.

בַּיי דִי זִיבְּן און דְרַייסִיג יָאר הָאט מֶען מִיר גֶעמַאכְט אַ טָאפְּלְטֶע לוּנְגֶען טְרֶענְסְפְּלֶענְט, און אַ קִידְנִי טְרֶענְסְפְּלֶענְט בַּיי דִי צְוֵויי און פֶערְצִיג יָאר.

אַכְט חֳדָשִׁים נָאךְ מַיין לוּנְג טְרֶענְסְפְּלֶענְט הָאט מִיר מַיין מַאן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, און עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ מַיין אֵיינְצִיגֶע טָאכְטֶער, און נִישְׁט נָאר עֶר הָאט אִיר אָוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן מִיר, אָבֶער נָאךְ מֶער פוּן דֶעם, פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפָּארֶעט מִיט אִיר און אִיר פַארְזָארְגְט מִיט אַלֶע אִירֶע גֶעבְּרוֹיכְן, און אַזוֹי אוֹיךְ פוּן מַיין פַאמִילְיֶע

וָואס זֶענֶען אַלֶעמָאל גֶעשְׁטַאנֶען גְרֵייט אִיר צוּ הֶעלְפְן מִיט וָואס זִי הָאט נָאר גֶעדַארְפְט. אוּן אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי רוּאִיג אוּן פַיין.

מַיין מַאן הָאט אַ מוֹרָא'דִיגְן כֹּחַ הַדִיבּוּר אוּן עֶר הָאט בַּאוִויזְן אִיבֶּער צוּ רֶעדְן מַיין טָאכְטֶער אוּן אִיר פַארְבַאפְּן אַז זִי זָאל אָפְּהַאקְן מִיט מִיר, אֲפִילוּ שׁוֹין זַייעֶנְדִיג אַן עֶרְוַואקְסֶענֶעם מֵיידְל פוּן זִיבֶּעצְן יָאר, אוּן אִיךְ הָאבּ אִיר נִישְׁט גֶעזֶען פַאר אַ יָאר צַייט, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם נָאכְן פְּרוּבִּירְן אַלֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן, הָאבּ אִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן אִיר צוּ קֶענֶען זֶען.

מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְנְ'ס הִילְף הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חֲתוּנָה מַאכְן מַיין טָאכְטֶער בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן נָאךְ אִיר חֲתוּנָה הָאט זִי וַוייטֶער מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ מִיר אוּן צוּ מַיין מִשְׁפָּחָה; זִי הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק גֶעהַאט אִיר צְוֵוייטֶע קִינְד, אוּן זִי הָאט דָאס נִישְׁט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען אוּן אִיךְ הָאבּ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין צוּטְרִיט צוּ מַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

אִיךְ לֵיין סְפָרִים אוֹיף אֱמוּנָה אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הֶער אִיךְ שִׁיעוּרִים פוּן אֱמוּנָה, אוּן דָאס הֶעלְפְט מִיר אָנְצוּגֵיין מִיטְן לֶעבְּן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמֶען אוּנְטֶער גֶעוִויסֶע זַאכְן, וִוי לְמָשָׁל אַז עֶס וֶוערְט מִיר גֶעבּוֹירְן אַ פְרִישֶׁער אֵיינִיקְל, פִּירְט זִיךְ מַיין אֵיידֶעם אוֹיף צוּ מִיר נָאךְ עֶרְגֶער וִוי מַיין גֶע'גֶט'עֶר מַאן, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז זֵיי הָאבְּן אֵיין צִיל, צוּ טְשֶׁעפֶּען מַיין לֶעבְּן אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין מְנוּחָה.

אִיךְ דַארְף זֵייעֶר אַסַאךְ טוּן זִיךְ צוּ הַאלְטְן גֶעזוּנְט, אוּן סְ'קוּמְט מִיר נִישְׁט אָן גְרִינְג, אָבֶּער דֶער נִסָיוֹן אִיז מִיר אוּמְמֶעגְלִיךְ דוּרְכְצוּטְרָאגְן, אוּן דָאס אִיז מִיר נָאךְ שְׁוֶוערֶער וִוי מַיינֶע גֶעזוּנְטְהֵייט פְּרָאבְּלֶעמֶען, וַוייל מַיינֶע גֶעזוּנְטְהֵייט קָאמְפְּלִיקַאצְיֶעס נֶעם אִיךְ אָן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז, אוּן אַז אִיךְ שְׁפִּיר מִיךְ גוּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם, קוּק אִיךְ נִישְׁט צוּרִיק אוֹיף מַיינֶע פִילֶע אָפֶּערַאצְיֶעס אוּן שְׁוֶועריקֵייטְן, וַוייל וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, אָבֶּער אַוֶועקְגֶענֶעמֶען אַ קִינְד פוּן אַ מַאמֶע אִיז אַן אֵייבִּיגֶער אוּן שְׁטֶענְדִיגֶער וֵוייטָאג, אוּן אִיז אַ רִשְׁעוּת.

אִיךְ וֵייס אַז אִיךְ דַארְף דָאס אָנְנֶעמֶען וִוי אַ נִסָיוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אַ מַאמֶעס הַארְץ אִיז אַ מַאמֶעס הַארְץ, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי פִיל גֶעשְׁלָאגְן אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט זֶען נַחַת.

מַיין שְׁוֶועסְטֶער עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם הָאט אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ קִינְד, אָבֶּער זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן בַּיי דִי אֵיין אוּן דְרַייסִיג יָאר; אוּן עֶרְנְסְט גֶערֶעדְט מַיין אִיךְ אַז זִי גֶעפִינְט זִיךְ אִין פִיל אַ בֶּעסֶערֶע פְּלַאץ וִוי אִיךְ.

אִיךְ וִויל טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אִיךְ זָאל טוּן, אָבֶּער לֶעצְטְנְס שְׁפִּיר אִיךְ אַז עֶס מִיר נִישְׁט וֶוערְד צוּ לֶעבְּן; הַגַם אִיךְ וֵייס אַז אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ אוֹיף וָואס צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִיךְ וֵייס אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן מִיט אַסַאךְ עֶרְגֶער, אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְגֵיין אִין דֶער צַייט וָואס אַלֶעס פַאר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט לֶעבְּן אִיז נִישְׁטָא מֶער?!

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶה

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.**

**וָואס** זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אֵייעֶר בְּרִיוו אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט פוּן דִי צַעַר וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער, אָבֶּער אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן אַז אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְפָּעֵל אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן אֵייעֶר שְׁטַארְקֵייט; וִויפִיל אִיר זֶענְט שׁוֹין אַרִיבֶּער, אוּן וָואס אִיר

גֵייט נָאךְ אַלְץ אַריבֶּער, דָאךְ זֶענְט אִיר שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי אִיר שְׁרֵייבְּט אַז אֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֱמוּנָה אוּן נָאר אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיר זִיךְ.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר שְׁרֵייבְּט אַז אֵייעֶר טָאכְטֶער אוּן אֵיידֶעם רֶעדְן נִישְׁט מִיט אַייךְ, אוּן אִיר קֶענְט נִישְׁט זֶען אֵייעֶרֶע אֵיינִיקְלֶעךְ וְכוּ'; וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, עֶס אִיז אַן עֶקְל צוּ הֶערְן אַז קִינְדֶער פִירְן זִיךְ אוֹיף צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן מִיט אַזַא אַכְזָרִיוּת וְכוּ'. דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן דֶעם וָואס קִינְדֶער ווֵייסְן נִישְׁט וָואס עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוּן זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט מַעֲרִיךְ צוּ זַיין וָואס עֶלְטֶערְן זֶענֶען וְכוּ', אַזוֹי ווִי עֶס אִיז בַּאקַאנְט דֶעם שְׁפְּרִיךְ ווָארְט: "אֵיין מַאמֶע קֶען אוֹיפְצִיעֶן צֶען קִינְדֶער, אָבֶּער צֶען קִינְדֶער קֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן אֵיין מַאמֶע".

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ, לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ, עַל הָאֲדָמָה, אֲשֶׁר ה' אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ"; אַ שָׁאד אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אִין אַלֶע הֵיימִישֶׁע תַּלְמוּד תּוֹרָה'ס אוּן אִין מֵיידֶל סְקוּלְ'ס דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, וָואס דָאס אִיז חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א).

מֶען זֶעט ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעווֶען אוֹיף דִי מִצְוָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי, שָׁם) אַז רֶבִּי טַרְפוֹן, ווֶען עֶר פְלֶעגְט זֶען ווִי זַיין מַאמֶע גֵייט שַׁבָּת שְׁפַּאצִירְן אִין אִיר חָצֵר, פְלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ לֵייגְן אוֹיף דֶער עֶרְד, לֵייגְן זַיינֶע הֶענְט, אוּן אִיר זָאגְן: "מַאמֶע, טְרֶעט אוֹיף מִיר", אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר בִּיז זִי אִיז

אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיר בֶּעט. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי טַרְפוֹן גֶעוֶוארְן נִישְׁט גֶעזוּנְט לֹא עָלֵינוּ, הָאט זַיין מַאמֶע גֶעבֶּעטְן דִי חֲכָמִים זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים, וַוייל עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד מֶער ווִיפִיל מֶען דַארְף, הָאבְּן זֵיי אִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר טוּט, הָאט זִי זֵיי פַארְצֵיילְט אַז עֶר לֵייגְט אוּנְטֶער זַיינֶע הֶענְט אַז זִי זָאל קֶענֶען גֵיין וְכוּ', הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט: "אַפִילוּ עֶר זָאל דִיר טוּן טוֹיזְנְט מָאל טוֹיזְנְט אַזוֹי וִוי עֶר טוּט דִיר יֶעצְט, הָאט עֶר נָאךְ נִישְׁט מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז עֶר אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִיפִיל מֶען דַארְף.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט נֶעמֶען צוּם הַארְצְן וָואס אִיר גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן דִי וֵוייטָאג פוּן דֶעם אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ, דָאךְ דַארְפְט אִיר אָנְהֵייבְּן צוּ לֶעבְּן פַאר זִיךְ; אַפִילוּ אִיר זֶענְט אֵיינֶער אַלֵיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אִיר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם, אִיר הָאט נָאר אֵייעֶר אֵיינְצִיגְסְטֶע טָאכְטֶער מִיט אִירֶע קִינְדֶער אוּן עֶס טוּט אַייךְ זֵייעֶר וֵויי אַז זִי ווִיל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַייךְ, דָאךְ דַארְפְט אִיר פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת צוּ לֶעבְּן פַאר זִיךְ; וַוארְטְס נִישְׁט אַז אֵייעֶר טָאכְטֶער זָאל אַייךְ בַּאצָאלְן פַאר אַלֶעם וָואס אִיר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִיר, וַוייל אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן - עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אָבֶּער קִינְדֶער כַאפְּן נִישְׁט וָואס עֶלְטֶערְן זֶענֶען. ווִי לַאנְג זֵיי אַלֵיינְס וֶועלְן דָאס נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

**מוֹהֲרַ"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף צוּ דִי טַאטֶע מַאמֶע, אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי קִינְדֶער צוּרִיק אוֹיף פִירְן צוּ עֶנְק", אוּן מוֹהֲרַ"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אַז אִיךְ זָאל רֶעדְן יֶעדְן טָאג צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אִיךְ זָאל זֵיי זָאגְן בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "ווִי אַזוֹי עֶנְק וֶועלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער פִירְן מִיט עֶנְק".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## כד

**אִין מַיין מַצָב ווִיל אִיךְ נִישְׁט בְּלַייבְּן דָא אַלֵיינְס דוּרְכְאוֹיס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ אוּן מַיין מַאן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן דָאס הָאט מַמָּשׁ גֶעטוֹישְׁט אוּנְזֶער לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

עֶס קוּמְט יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. מַיין מַאן ווִיל פָארְן אוֹיף אוּמַאן, אָבֶּער אִיךְ דַארְף הָאבְּן וְכוּ' צְווֵיי וָואכְן נָאךְ

רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ בְּלַייבְּן אַלֵיינְס דוּרְכְאוֹיס רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דָאס ווָאס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֲפִילוּ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, אִיז אִין דֶעם אוֹיךְ אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אַזַא מַצָב?

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווִיל אִיךְ יָא אַז מַיין מַאן זָאל פָארְן אוֹיף אוּמַאן און אוֹיסְ'פוֹעֶלְ'ן פַאר אוּנְז אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, און אִיךְ ווֵייס אַז עֶס קוּמְט זִיךְ אִים צוּ פָארְן, עֶר אִיז דֶער בֶּעסְטֶער מַאן אַ גַאנְץ יָאר, עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר אַזוֹי גוּט צוּ מִיר.

אִיךְ ווֵייס אַלֵיינְס נִישְׁט ווָאס צוּ טוּן, און אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה ווֶעט מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶה

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.**

**אִיךְ** הָאבּ הַיינְט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו פַאר אֵייעֶר מַאן אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען דָאס יָאר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, הֱיוֹת אִיר דַארְפְט הָאבְּן גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין גְרִינְגֶערְהֵייט און גֶעזוּנְטֶערְהֵייט; דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זַיין רוּאִיג און שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אַייךְ, און עֶר ווֶעט אַייךְ הֶעלְפְן מִיט אַלְסְדִינְג. ווֶען אַ

מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען מֶער דֶערְהֵייבְּן, וַוייל מֶען טְרָאגְט נִישְׁט קַיין דַאֲגוֹת, נָאר מֶען גֶעבְּט אִיבֶּער אַלֶע דַאֲגוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעלֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, גֶעאָטֶעמְט אֱמוּנָה, וָואלְט גֶעוֶוען וֵוינִיגֶער פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט נֶערְוְון, וַוייל אַלֶע מַחְלוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן גֵייסְטִישׁ - קוּמְט מַחֲמַת חִסָרוֹן אֱמוּנָה.

דֶעם זוּנְטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ פַּארְקֶערְטֶע מַעֲשֶׂה, אַ מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דָא אִין קֶעמְפּ, זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ גֶעקוּמֶען צוּ מִיר זִיךְ בַּאדַאנְקֶען; אַזוֹי רֶעדְנְדִיג זָאגְט מִיר דֶער אִינְגֶערְמַאן: "דָאס יָאר קוּם אִיךְ נִישְׁט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל מַיין וַוייבּ דַארְף הָאבְּן וְכוּ' גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוּן זַיין וַוייבּ רוּפְט זִיךְ אָן הוֹיךְ: "נֵיין, דוּ פָּארְסְט יָא צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ דַארְף יְשׁוּעוֹת!" אוּן זִי הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: "אַ גַאנְץ יָאר וַוארְט אִיךְ שׁוֹין אַז מַיין מַאן זָאל פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן אַהֵיים בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת", הָאט אִיר מַאן אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס וֶועסְטוּ טוּן אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט אַרַיין גֵיין אִין שְׁפִּיטָאל יוֹם טוֹב, מִיט וֶועם וֶועסְטוּ גֵיין?" הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל זִיךְ שׁוֹין אַן עֵצָה גֶעבְּן, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט פַארְפַּאסְן אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶעס זָאל אַייךְ אָנְקוּמֶען גְרִינְגֶערְהֵייט.

אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

# כה

## פַארְוָואס רֶעדְט אִיר קֶעגְן אַנְדֶערֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שָׁלוֹם וּבְרָכָה,

אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר בָּחוּר פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ לֶערְן אִין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ יְשִׁיבָה, מִיר הֶערְן אוֹיס אַסַאךְ פוּן אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אוּן דִי פַּשְׁטוּת אוּן תְּמִימוּת אִין דִבְרֵי רַבֵּינוּ זַ"ל אִיז אוּנְז זֵייעֶר מְחַזֵק אוּן מְעוֹרֵר צוּ זִיךְ מְחַדֵשׁ זַיין אִין רֶבִּינְ'ס זַאךְ כִּפְשׁוּטוֹ, אָן חָכְמוֹת אוּן גְרוֹיסֶע "עֲבוֹדוֹת".

עֶס שְׁטֶערְט אוּנְז אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי נְקוּדָה וָואס אִין דִי שִׁיעוּרִים - וָואס אַלֶע הֶערְן אוֹיס אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט - רֶעדְט אִיר אַרַיין אַנְטְקֶעגְן אַנְדֶערֶע בְּרֶסְלְבֶ'ע חֲסִידִים אַזוֹי בְּפַרְהֶסְיָה, עֶס אִיז נִישְׁט אַ כָּבוֹד פַאר דֶער רֶבִּי!

אוֹיךְ אוֹיב עֶס אִיז דָא בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים וָואס פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט פַארְשְׁטַאנֶען, הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ אַ שְׁטַארְקֶע רָצוֹן צוּ מְקַיֵים זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "רַק תַּחְזִיקוּ עַצְמְכֶם בְּיַחַד אָז תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים", פַארְוָואס דַארְף מֶען רֶעדְן קֶעגְן אַנְדֶערֶע בְּרֶסְלְבֶ'ע חֲסִידִים, אוּן נָאךְ בְּפַרְהֶסְיָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר הַיְינְטִיקְן אִיךְ מַאךְ אַוֶועק אַנְדֶערֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ וְכוּ', דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רי"ח) פַאר דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעקְרֶעכְצְט פְרֶעגְנְדִיג דֶעם רֶבִּי'ן: "אוֹיף וֶועם לָאזְט אוּנְז דֶער רֶבִּי אִיבֶּער?" הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רַק אַתֶּם תַּחֲזִיקוּ עַצְמְכֶם בְּיַחַד, אָז תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים. וְלֹא כְּשֵׁרִים בִּלְבַד, אֶלָּא אֲפִילּוּ צַדִּיקִים וְטוֹבִים תִּהְיוּ", אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען וֶועט אִיר זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. נִישְׁט נָאר עֶרְלִיכֶע אִידְן, נָאר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וְכוּ'. און אוֹיף דֶעם פְרֶעגְסְטוּ מִיר פַארְוָואס אִיךְ מַאךְ אַוֶועק אַנְדֶערֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ אִידְן; אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אַז דָאס אִיז פַאר מִיר זֵייעֶר אַ חָשׁוּבֶ'ע שְׁאֵלָה אוֹיסְצוּשְׁמוּעְסְן, וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר דֶעם שְׁאֵלָה.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ מוֹהֲרָא"שׁ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. וויפִיל אִיךְ זָאל נָאר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג לוֹיבּ וֶוערְטֶער צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, וַוייל וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן בַּאקוּמְט מֶען אַ נַייעֶם שֵׂכֶל, אַ רֵיינֶע קָאפּ און אַ לוֹיטֶערְן מֹחַ; מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען לֶעבְּט מִיט תַּכְלִית -

מֶען ווייסְט אַז אֵיין טָאג וֶועט מֶען דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, מֶען וֶועט זַיין אַ גוֹסֵס אוּן אַ נִפְטָר, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט גָארְנִישְׁט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אַרַיין צוּ כַאפְּן יֶעדְן טָאג.

מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דָאס אַרַיין פְּרֶעגְלֶען אִין אוּנְז יֶעדֶע וָואךְ בַּיים שִׁיעוּר, אוּן דָאס שְׁטֵייט אִין אַלֶע זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וויסְן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קֵיינֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט - נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אוּן ווִי מֶער מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים, אוּן דָאס וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ".

מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעכַאפְּט זַיין הַארְץ אַטַאקֶע לֹא עָלֵינוּ, אִיז עֶר גֶעזֶעצְן אוּנְטְן אִין זַיין צִימֶער שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט ווִי עֶר קֶען נִישְׁט אָטֶעמֶען (אַזוֹי ווִי מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען כַאפְּט אַן הַארְץ אַטַאקֶע); עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וָואס צוּ טוּן אוּן וֶועם צוּ רוּפְן, "אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט - תְּפִלָּה! אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל נָאךְ קֶענֶען אַרוֹיף גֵיין אִין שְׁטוּבּ, אַז מֶען זָאל זֶען ווִי אִיךְ וֶוער נִפְטָר אוּן נִישְׁט בְּלַייבְּן דָא אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אַלֵיין. דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען - הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט - פְּשַׁט אִין דֶעם חַזַ"ל, אַז נָאר דָאס נֶעמְט אַ מֶענְטְשׁ מִיט לְבֵית עוֹלָמוֹ".

**אַזוֹי** אויךְ אִיז מִיט תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), אַ גְרִינְגֶע גֶעשְׁמַאקֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען אוּן מַצְלִיחַ זַיין אִין תּוֹרָה - אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פְּלַאץ וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, נָאר מֶען זָאל וַוייטֶער לֶערְנֶען, אוּן בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט עֶס אִיבֶּערְגֵיין נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועט עֶר עֶס זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען גוּט; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, עֶר וַוארְפְט אַוֶועק זַיין שֵׂכֶל, אוּן עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אִיז עֶר זוֹכֶה אִין אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ.

**וֶוען** אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶ וֶועלְט, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פְלֶעג גֵיין יֶעדֶע וָואךְ צוּם שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אָנְהֵייבְּן מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה אוּן אַרַיין גֶעפְלָאכְטְן דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ מִיט דֶעם רֶבִּינְ'ס הַקְדָמוֹת, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין אַלֶעמֶען אַזַא גִילוּי אֱלֹקוּת, אַז אַלֶע הָאבְּן מִיר גֶעשְׁפִּירְט וִוי מִיר זֶענֶען נִישְׁט דָא בָּזֶה הָעוֹלָם, יֶעדֶער הָאט פַארְגֶעסְן פוּן זַיינֶע צָרוֹת; אֲפִילוּ מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צֶעבְּרָאכְן - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן, אָבֶּער נָאכְן שִׁיעוּר זֶענֶען מִיר אַלֶע גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

**וַיָּבֹא** הַשָּׂטָן - פוּן אַלֶע זַייטְן הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּ מִיר אַנְטְקֶעגְן מוֹהֲרָא"שׁ; פְּלוּצְלִינְג הָאבּ אִיךְ

בַּאקוּמֶען חֲבֵרִים, פְּלוּצְלִינְג הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען מִשְׁפָּחָה, יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט עֶפֶּעס צוּ זָאגְן פַארְוָואס אִיךְ זָאל אַוֶועק גֵיין פוּן מוֹהֲרַ"שׁ, אוּן דֶער עִיקָר הָאט מֶען גֶערֶעדְט צוּ מִיר אוֹיף מוֹהֲרַ"שׁ בְּשֵׁם דִי "זְקֵנִים" פוּן בְּרֶסְלֶב, אַז זֵיי אַלֵיין זָאגְן אוֹיף אִים אַז דָאס אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ'; אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן צֶעטוּמְלְט אוּן מְבוּלְבָּל, וַוייל פוּן אֵיין זַייט הָאבּ אִיךְ גֶעווּאוּסְט בַּיי מִיר אַז עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אֱמֶת דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרַע'ס, ווייל אִיךְ קוּק אוֹיף מִיר אוּן אִיךְ זֶע אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאר וָואס אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ נָאר גֶעטוּישְׁט בַּיי מִיר צוּם גוּטְן - לֶערְנֶען, דַאוְונֶען, שָׁלוֹם בַּיִת, שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת, אוּן בְּעִיקָר שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְקַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בִּין גֶעווּאוּיר גֶעוָוארְן אַז מֶען קֶען זַיין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער פוּן דֶער אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְט מֶען מִיר נָאךְ מֵימְרוֹת פוּן זְקֵנִים - פוּן 'אֶחְטָא' בְּרֶסְלֶב'עֶר - אַנְטְקֶעגְן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עַד כְּדֵי כָּךְ, אַז עֶס הָאט גֶעפֶעלְט אַ הָאר אַז אִיךְ זָאל אַלֶעס פַארְלִירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אוּן גֶעקוּקְט אוֹיף מִיר אַלֵיינְס; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן סז): "וְהָעִקָּר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּקְן אוֹיף זִיךְ; הָאבּ אִיךְ מַחְלִיט גֶעוֶוען בַּיי מִיר: 'וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער נַאר הָאט גֶעזָאגְט אוּן וָואס דֶער טִיפֵּשׁ הָאט גֶעזָאגְט; אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי וָואס אִיז מִיר מְחַיֶה אוּן מְחַזֵק, זָאלְן אַלֶע

רֶעדְן אוֹיף אִים, זָאלְן אַלֶע שְׁרַייעֶן אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן וְכוּ', אִיךְ וֶועל דֶעם רֶבִּי'ן נִישְׁט אָפְּלָאזְן'.

**אַז** דוּ וֶועסְט גוּט בּוֹדֵק זַיין אִין בְּרֶסְלֶב, וֶועסְטוּ זֶען אַז רוּבָּם כְּכוּלָם זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן דַיְיקָא דוּרְךְ מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אָדֶער דוּרְךְ זַיינֶע סְפָרִים, אוּן אַלֶע הָאבְּן אִים אִיבֶּערְגֶעלָאזְט צוֹלִיב דִי בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת וּמְחַרְחַרֵי רִיב וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אִין בְּרֶסְלֶב, אוּן זֵיי פַארְרוּפְן זִיךְ בְּרֶסְלֶב'עֶר.

**פַּאר** דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז אִיךְ מַאךְ מַחְלוֹקֶת אוּן אִיךְ מַאךְ אַוֶועק בְּרֶסְלֶב וְכוּ', זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז שׁוֹין פֶערְצִיג יָאר אִיז מֶען מְבַזֶה מוֹהֲרָא"ש אוּן אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוּן מֶען שְׁרַייט נָאךְ אַלְץ, אַז הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב נָאר דָאס אִיז אֵייגֶענֶע זַאכְן וְכוּ'.

**אִיךְ** גֶעבּ דִיר אַ קְלֵיינֶע דוּגְמָא; עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְּנְט פַּארְאַיָאר אַ יְשִׁיבָה אִין ... - אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר יְשִׁיבָה. זֵייעֶר פֵיין, יַגְדִיל תּוֹרָה וְיַאְדִיר, הַלְוַאי זָאלְן זַיין צֶענְדְלִיגֶער אוּן הוּנְדֶערְטֶער יְשִׁיבוֹת עַל שֵׁם רַבֵּינוּ, אָבֶּער הֶער וָואס זֵיי זָאגְן אוּן וָואס זֵייעֶר נִיגוּן אִיז; זֵיי שְׁרַייבְּן: "הִיסְטָארְיֶע! דֶער עֶרְשְׁטֶער בְּרֶסְלֶב'עֶ יְשִׁיבָה אִין אַמֶערִיקֶע", אֵיינֶער בְּרֶענְגְט מִיר אַ בְּרַאשׁוּר פוּן דִי יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ זֶע ווִי יֶעדֶע צְוֵוייטֶע וָוארְט אִיז: "חַסְדֵי הַשֵּׁם, דֶער רֶבִּי קוּמְט אָן קַיין אַמֶערִיקֶע!" "דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ יְשִׁיבָה אִין אַמֶערִיקֶע!" בִּשְׁעַת וָואס נָאךְ אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז גֶעבּוֹירְן, אוּן נָאךְ פַּאר זַיין טַאטֶע אִיז גֶעבּוֹירְן הָאט זִיךְ שׁוֹין מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

מוּסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'ן, נִישְׁט נָאר אִין אַמֶעריקֶע, נָאר אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט! פוּפְצִיג יָאר הָאט מוֹהַרָא"שׁ גֶעהַאט אַ יְשִׁיבָה אִין בָּארָא פַּארְק, "יְשִׁיבָה וּמְתִיבְתָּא הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב", אִיז וָואס אִיז דִי חוּצְפָּה צוּ שְׁרַייבְּן אַז יֶעצְט הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט דִי עֶרְשְׁטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ יְשִׁיבָה?!

אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט אַ יְשִׁיבָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג פַאר נַיין יָאר צוּרִיק - שְׁנַת תשס"ט - "יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב"; פְּרֶעג נִישְׁט וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער, אוּן וָואס אִיךְ גֵיי נָאךְ יֶעצְט אַרִיבֶּער; מֶען הָאט מִיר מְבַזֶה גֶעוֶוען, מֶען הָאט גֶעמַאכְט הַפְגָנוֹת אוֹיף מִיר, טָאג נָאךְ טָאג. נִישְׁט נָאר אַנְטְקֶעגְן מִיר, נָאר יֶעדֶע צוּפְרִי פְלֶעגְן קוּמֶען פְרוֹיעֶן מִיט גְרוֹיסֶע טָאוְולֶען מְבַזֶה זַיין מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער; מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסָד וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, מֶען הָאט מִיר גֶערוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה, מֶען הָאט מִיר גֶע'מַסֶר'ט, יֶעדֶע שֵׁנִי וַחֲמִישִׁי זֶענֶען דִי גַאסְן גֶעוֶוען וַוייס פוּן פַּאשְׁקֶעוִוילְן מִיט הוֹצָאַת שֵׁם רַע אוֹיף מִיר (וָואס אַגַב, אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹחֵל דִי וָואס הָאבְּן אוֹיף מִיר מוֹצִיא שֵׁם רַע גֶעוֶוען), מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן קוּנְטְרֵסִים קֶעגְן מִיר וְכוּ' וְכוּ', וָואס אִיז יֶעצְט גֶעשֶׁען אַז דֶער כְּלוֹמֶר'ישֶׁער מַנְהִיג פוּן בְּרֶסְלֶב שְׁרַייבְּט: "בָּרוּךְ שֶׁהֶחֱיָינוּ וְקִיְמָנוּ, אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶפֶענֶען דִי עֶרְשְׁטֶע יְשִׁיבָה אִין אַמֶערִיקֶע"?! אִיז פַאר דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז אִיךְ פַּארְשֶׁעם בְּרֶסְלֶב, זָאלְסְט וִויסְן אוּן שְׁפִּירְן אַבִּיסְל, וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן מִיט מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע יָארְן.

אִיךְ גֶעבּ דִיר נָאךְ אַ דוּגְמָא; אַלֶע יָארְן הָאט מֶען גֶעשְׁרִיגְן אוּן פַארְשֶׁעמְט דִי וָואס הָאבְּן גֶעדַאוְונְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִין אוּמַאן, מֶען הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס דַאוְונְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען דֶעם קִיבּוּץ הַקָּדוֹשׁ; עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן, וַוייל מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען נָאר אִין קְלוֹיז, אַזוֹי הָאט דֶער זָקֵן נָאכְגֶעזָאגְט פוּן דֶעם טִיפֵּשׁ וְכוּ'. גֶעדֶענְק אִיךְ, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִין יָאר תשס"ו לִפְרַט קָטָן, פְרֶעגְט מִיר אֵיינֶער: "וואוּ הָאסְטוּ גֶעדַאוְונְט?" מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט נָאךְ מַעֲרִיב - זָאג אִיךְ אִים: "בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ", זָאגְט עֶר מִיר: "זָאלְסְט וִויסְן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען דֶעם קִיבּוּץ"; הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעהַאט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס זָאל מִיר אָנְגְרֵייטְן אוּן אָפְּלַאכְן פוּן דִי עֶבְטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ וָואס זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיטְ'ן 'אֲנִי וְאַפְסִי עוֹד', כְּדֵי אִיךְ זָאל מִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג מַאכְן פוּן אִים, נָאר אִים צוּרִיק זָאגְן: "אַזוֹי?! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען דֶעם קִיבּוּץ? דוּ הָאסְט נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען דֶעם קִיבּוּץ!" לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס זָאל מִיר אָנְגְרֵייטְן פַאר דֶעם, אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעוואוּסְט, בִּין אִיךְ אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אוּן גֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען אִין קְלוֹיז בַּיי דֶעם קִיבּוּץ. עֶרְשְׁט שְׁפֶּעטֶער אִינְמִיטְן יָאר טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'אֵיין מִינוּט, וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? וֶוער הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם רֶבִּי'ן? וֶוער הָאט מִיר גֶעמַאכְט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים? פַארְוָואס זָאל אִיךְ נָאכְגֵיין נָאךְ שִׂיחוֹת פוּן

זְקֵנִים וְכוּ'?!" בָּרוּךְ ה' דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר הָאט מִיר שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ.

**אָבֶער** וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, קוּק וָואס אִיז הַיינְט גֶעשֶׁען מִיט אַלֶע שְׁרַייעֶרְס, אַלֶע מַאכְן זִיךְ בַּאזוּנְדֶערֶע מִנְיָנִים; וָואס אִיז גֶעשֶׁען? פְּלוּצְלִינְג דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶּוענֶען אִין קְלוֹיז מִיטְן קִיבּוּץ? וָואס אִיז גֶעשֶׁען אַז מֶען קֶען שׁוֹין דַאוֶּוענֶען בַּאזוּנְדֶער, פוּן דֶעם קֶענְסְטוּ זֶען אַז דָאס אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע בְּלָאף וְכוּ', נָאר מֶען הָאט פָּשׁוּט גֶעוָואלְט רוֹדְפְ'ן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

**אִיךְ** קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְנַחֵם אָבֵל זַיין מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶוען עֶר אִיז גֶעזִיצְן שִׁבְעָה נָאךְ זַיין בְּרוּדֶער דֶער טָאקֵיי'עֶר רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט: "יוֹאֵל, דוּ מֵיינְסְט אַז עֶס שְׁטֶערְט מִיר אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר? דוּ מֵיינְסְט אַז עֶס בַּאדֶערְט מִיר? גְלֵייבּ מִיר, עֶס רִירְט מִיר נִישְׁט בַּיי מַיין נָאגְל פוּן מַיין קְלֵיינֶע פִינְגֶער. נָאר וָואס דֶען, אִיךְ בִּין צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֵיינֶער וָואס זִיצְט בַּיים וַואסֶער, אִיךְ בִּין אַ לֵייף-גַארְד, אִיךְ זֶע מֶענְטְשְׁן דֶערְטְרֶענְקֶען זִיךְ, וַוארְף אִיךְ אוֹיס מַיינֶע שְׁטְרִיק זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען, קוּמְט אֵיינֶער אוּן שְׁנַיידְט אָפּ דִי אַלֶע שְׁטְרִיק, פְרֶעג אִיךְ דִיר, וָואס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ - נִישְׁט קֵיין רוֹצֵחַ? דֶערְפַאר - זָאגְט מִיר מוֹהֲרָא"ש - דַארְף אִיךְ רֶעדְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אוּן מְגַלֶה זַיין זֵייעֶרֶע פַּרְצוּפִים, אַז מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְן קֵיין הִתְפַּעֲלוּת וְכוּ'".

**דָאס** זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ טוּן מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מֶען קֶען רַאטֶעוֶוען אַלֶע בַּחוּרִים, נָאר וָואס דֶען, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם שְׁטֶעלְט אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס זָאלְן אָפְּרֶעדְן וְכוּ'. לְדוּגְמָא, אִיךְ טְרֶעף אַ בָּחוּר וָואס לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין, פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף אִים, אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט אִיז עֶר פִּיל מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, אִיךְ רֶעד צוּ אִים, אוּן עֶנְדְלִיךְ צִינְד אִיךְ אָן זַיין אִידִישֶׁער פִּינְק, עֶר הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען, עֶר הֵייבְּט אָן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וְכוּ', בִּיז עֶר טְרֶעפְט אָן אֵיינֶער וָואס פַארְרוּפְט זִיךְ אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, אוּן יֶענֶער הֵייבְּט אִים אָן צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ, "עֶס אִיז נִישְׁט מַמָּשׁ אַזוֹי"; "עֶס אִיז נִישְׁט אַהֶער", "עֶס אִיז נִישְׁט אַהִין", וָואס הָאט יֶענֶער גֶעטוּן? אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דֶעם שְׁטְרִיק אוֹיף וָואס יֶענֶער וָואלְט זִיךְ גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען! אוּן דָאס אִיז נִישְׁט אֵיין מַעֲשֶׂה, דָאס הָאבּ אִיךְ יֶעדְן טָאג.

**אִיךְ** הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין צַייט וַוייל אִיךְ דַארְף אַרַיין לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף מִיר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# כו

## אִיז גֶענוּג צוּ גִיסְן תִּשְׁעָה קַבִּין אַנְשְׁטָאט מִקְוֶה?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וֶוענְן גֵיין אִין מִקְוֶה, אוֹיבּ אִיז גֶענוּג צוּ נֶעמֶען אַ שׁוֹיעֶר, אַרוֹיפְצוּגִיסְן אוֹיף זִיךְ תִּשְׁעָה קַבִּין וַואסֶער, אָדֶער מוּז מֶען דַוְקָא גֵיין גֶעהֶערִיג אִין מִקְוֶה?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ד מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵל'ט זִיךְ אִין מִקְוֶה - אִין יֶענֶע רֶגַע טוֹבֵל'ט מֶען אוֹיבְן אִין הִימְל זַיין נְשָׁמָה. אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה אִיז מֶען זוֹכֶה אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן כב):

"עַל-יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "מִקְוֶה אִיז דֶער זֶעלְבֶּער לָשׁוֹן פוּן תִּקְוָה - אַז מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה הָאט מֶען אַ תִּקְוָה אַז מֶען וֶועט אַלֶעס פַארֶערִכְטְן".

**דָאס** וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט אוֹיבּ מֶען קֶען יוֹצֵא זַיין מִיט תִּשְׁעָה קַבִּין; דָאס אִיז נָאר אוֹיבּ אַ מֶענְטְש הָאט נִישְׁט קַיין מִקְוֶה, לְמָשָׁל מֶען אִיז אוּנְטֶערְוֶועגְנְס וְכַדוֹמֶה, אָדֶער אַ מֶענְטְש וָואס אִיז אַ חוֹלֶה וְכוּ', דֶעמָאלְט קֶען מֶען נֶעמֶען אַ שׁוֹיעֶר אוּן לָאזְן רִינֶען דִי וַואסֶער פַּאר בְּעֶרֶךְ פִינְף מִינוּט. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס אִיז נָאר פַּאר אַ מַאן, אוּן אוֹיךְ נָאר בִּשְׁעַת הַדְּחַק.

**אַז** אַ מֶענְטְש אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה, בְּרֶענְגְט מֶען אוֹיף זִיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטִים יְקָרִים, סִימָן קעח) אַז עֶר אִיז צוּ גֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶועןן זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט (דִּבְרֵי אַהֲרֹן, קַארְלִין): "מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶּער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּבְּרֶענְגֶען קֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּבְּרֶענְגֶען".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# כז

**מַיין מַאן פָּארְט אוֹיף אוּמַאן, עֶס פֶּעלְט**
**דִי עֶרְנְסְטְקַייט פוּן יוֹם טוֹב אִינְדֶערְהֵיים.**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק אַייךְ אוֹיף דִי וַוארֶעמֶע שִׁיעוּרִים, און אוֹיפְ'ן אַוֶועקְגֶעבְן צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן שְׁאֵלוֹת.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן לְגַבֵּי רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דִי מֶענֶער בַּיי אוּנְז פָּארְן אַלֶע אִין אוּמַאן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, און אוּנְז בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַלֶע פְרוֹיעֶן מִיט דִי קִינְדֶער. ווִי פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט אַזַא שְׁטַארְקֶע עֶרְנְסְטְקֵייט אָן אַ טַאטֶע וָואס פִּירְט דֶעם יוֹם טוֹב, אָן דִבְרֵי תּוֹרָה, און אַזוֹי וַוייטֶער. און מִיר דַארְפְן נָאךְ אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אוֹיף דִי זְכִיָה אַז מֶען פָּארְט אוֹיף אוּמַאן און מֶען פָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַזוֹי ווִי מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוערְט אַבִּיסְל אַזוֹי "קַלּוּת דַעַת'דִיג".

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר מְחַזֵּק זַיין אִין דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶה

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.**

**ווַאוֹיל אִיז אַייךְ און וואויל אִיז אֵייעֶר חֵלֶק אַז אִיר שִׁיקְט אֵייעֶר מַאן מִיט שִׂמְחָה קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן.**

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁרֵייט רֹאשׁ הַשָּׁנָה "הַמֶּלֶךְ" אָבֶּער דִי הַכְתָּרָה אִיז אִין אוּמַאן"; דֶערְפַאר פִירְן מִיר זִיךְ צוּ קְלַאטְשְׁן בַּיי "הַמֶּלֶךְ", וַוייל דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן וָואס מֶען דַארְף זָאל מֶען נָאר פוּן אִים בֶּעטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכ): "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאנֶען"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "נָאר אִיךְ וֵוייס וָואס אִיז 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוער עֶס גְלֵייבְּט אִין מִיר זָאל מַאכְן אַ 'כְּרוּז' אַז אַלֶע דַארְפְן זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

אַמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט וואוּ צוּ עֶסְן אוּן קַיין גֶעהֶערִיגֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ שְׁלָאפְן, אַ צְוֵוייטֶער הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר קֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג דַאוֶוענֶען וֶוען עֶר קוּמְט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "יָא עֶסְן - נִישְׁט עֶסְן, יָא שְׁלָאפְן - נִישְׁט שְׁלָאפְן, יָא דַאוֶוענֶען - נִישְׁט דַאוֶוענֶען, דֶער עִיקָר מֶען זָאל זַיין בַּיי מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תד).

דֶערְפַאר דַארְפְט אִיר זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז אֵייעֶר מַאן פָארְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער אַהֵיים בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר שְׁפִּירְט נִישְׁט יוֹם טוֹב'דִיג אָן אֵייעֶר מַאן; דַאנְקְטְ'ס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַ גַאנְץ יָאר הָאט אִיר אַ מַאן וָואס פִּירְט אַ שֵׁיינֶעם טִישׁ אוּן זָאגְט דִּבְרֵי תּוֹרָה וְכוּ', אוּן יֶעצְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים זָאלְט אִיר פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת, גְרֵייטְ'ס אָן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִּי קִינְדֶער; קִינְדֶער דַארְפְן נִישְׁט קַיין תּוֹרוֹת, קִינְדֶער דַארְפְן מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן אוֹיבּ מֶען וִויל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת טִישׁ, אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב טִישׁ - דַארְף מֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, ווייל דָאס הַאלְט דִּי קִינְדֶער רוּאִיג אוּן גֶעלַאסְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## כח

**פַארְוָואס מַאכְט מֶען אַזַא טְרַאסְק פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אָבֶּער אִיךְ בִּין אַבִּיסְל נָאנְט צוּ סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב אוּן אִיךְ שֶׁעפּ פוּן דֶעם אַסַאךְ חִיזּוּק, בִּמְיוּחָד פוּן דִּי נְקוּדָה זִיךְ נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן פוּן גָארְנִישְׁט, אוּן פוּן דֶעם אַז אִיךְ בִּין אוֹיךְ טֵייעֶר אוּן חָשׁוּב אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ בִּין אִין אַ נִידְרִיגֶע מַצָּב. דִּי נְקוּדָה וֶוערְט

שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעשְׁמוּעְסְט אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים אוּן דָאס גִיבְּט מִיר אַסַאךְ חַיוּת. אַזוֹי אוֹיךְ דִי דִבְרֵי חִיזוּק וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה אוֹיסְצוּהֶערְן פוּן אַייךְ כִּמְעַט מִדֵי יוֹם בְּיוֹמוֹ, וָואס דָאס גִיבְּט מִיר חַיוּת אוֹיף אַ גַאנְצְן טָאג.

אֵיין זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיר אַבִּיסְל אִין בְּרֶסְלֶב, אִיז דִי נְקוּדָה וָואס מְ'שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם אַז יֶעדֶער מוּז פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לוֹיט דִי בְּרֵייטְקֵייט אוּן דִי וַוייט-זֶען וָואס הֶערְשְׁט בַּיי אַייךְ, דִי אָפְנְקֵייט וָואס אִיר הָאט צוּ הֶערְן וָואס יֶעדֶער הָאט צוּ זָאגְן, אוּן צוּ מְקַבֵּל זַיין אוֹיךְ דֶער וָואס אִיז נִישְׁט פּוּנְקְט אִין לִינְיֶע אַזוֹי וִוי אַייךְ, לוֹיט דֶעם וָואלְט מֶער גֶעפַּאסְט פַאר אַייךְ נִישְׁט צוּ מַאכְן אַן עֵסֶק אוֹיב מְ'קוּמְט יָא אָדֶער נִישְׁט קַיין אוּמַאן.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ זָאגְן, אָבֶּער דָאס רֶעדְן אַזוֹיפִיל פוּן אוּמַאן וָואלְט זִיךְ מֶער גֶעפַּאסְט פַאר אַנְדֶערֶע חֲצֵרוֹת וָואס הָאבְן מֶער לִיבּ צוּ מַאכְן אַ טְרַאסְק, אוּן נִישְׁט פַאר בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ פָאר נִישְׁט קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ אַנְדֶערֶע רֶבִּי וָואס בַּיי אִים בִּין אִיךְ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. צִי מֵיינְט דָאס אַז מַיין גַאנְצֶע עֲבוֹדָה אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד? מֵיינְט דָאס אַז אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מִיט רֶבִּי נַחְמָן אֲפִילוּ אִיךְ לֶערְן זַיינֶע סְפָרִים אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם וֶועג?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ', דוּ שְׁרַייבְּסְט

מִיר אַז פוּן אֵיין זַייט הָאסְטוּ הִתְחַזְקוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס אִיז מַמָשׁ דַיין חַיוּת וְכוּ', און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט פַארְשְׁטֵייסְטוּ נִישְׁט וָואס מֶען רֶעדְט אַזוֹי סַאךְ פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן.

**זייִמְן** זָאלְסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיי מִיר אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר. כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", און עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, און זֵיי זֶענֶען מְקוּרָב צוּ מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן, וַוייל מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה".

**נָאךְ** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה; לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ וֵויים וָואס אִיז 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה'; נִישְׁט נָאר עֶנְק, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז גֶעוָואנְדְן אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תו): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר.

דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר רָב רֶבִּי אַהֲרֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן בֶּעפָאר דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה פַאר דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק - שְׁנַת תקע"א, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל עֶר קֶען נִישְׁט אִיבֶּערלָאזְן זַיין קְהִילָה, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תו): "וְוִי אַזוֹי זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, קַיין גְרֶעסֶערְס דֶערְפוּן אִיז נִיט פַארְהַאנִין, אֵיי אַנְדֶערֶע גוּטֶע יוֹדִין זָאגִין נִיט אַזוֹי, אִיז נָאךְ אַ קֻשְׁיָא".

דֶערְפַאר אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דַיין גַאנְצֶע חַיּוּת קוּמְט פוּן רֶבִּי'ן, אִיז וָואס שְׁרַייבְּסְטוּ מִיט אַזַא בְּרֵייטְקֵייט כְּאִילוּ פָארְן אוֹיף אוּמַאן אִיז אַ קְלֵיינְקֶעפְּלְדִיגֶע זַאךְ; אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן פָארְן דַארְף מֶען פָאלְגְן, צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט

יָא צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט; גְלֵייבּ מִיר, פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אִיז שְׁוֶוער צוּ פָארְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בִּפְרַט פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס לָאזְט אִיבֶּער אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ פָּשׁוּט'עֶר חֶשְׁבּוֹן: 'אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי וָואס אִיז מִיר מְחַזֵּק, עֶר שְׁטַארְקְט מִיר, עֶר טוּישְׁט מִיר, עֶר מַאכְט מִיר לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, עֶר וַוייזְט מִיר אוֹיף אַז אִיךְ בִּין נָאךְ יָא וֶוערְד, אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ תַּקָּנָה, אוּן עֶר גֶעבְּט מִיר עֵצוֹת אוֹיפְן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן - אַז עֶר הֵייסְט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועל אִיךְ פָארְן מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ'.

מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן, אַז וֶוען דֶער רֶבִּי וָאלְט וֶוען נִישְׁט גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואלְט עֶר גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער נִישְׁט צוּ פָארְן; וַוייל עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ פָארְן, עֶס אִיז שְׁוֶוער בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת וְכוּ', אָבֶּער אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען דַארְף מֶען גֵיין מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען זַייט בְּרִיאַת הָעוֹלָם אַ צַדִּיק וָואס זָאל צוּזָאגְן מִיט צְוֵויי עֵדוּת אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּתוֹ אוּן זָאגְן דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, 'אֲפִילוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ חֲטָאָיו וּפְשָׁעָיו' וֶועט עֶר אִים אַ טוֹבָה טוּן אוּן בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועט עֶר אִים אַרוֹיס

שְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה); מְמֵילָא דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ מַאכְן אַ פָּשׁוּט'עֶר חֶשְׁבּוֹן: 'אִיךְ וֵויס דָאךְ בַּיי מִיר וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעטוּן; מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען פָּאפְּן, מֶענְטְשְׁן קֶען מֶען אוֹיסְנַארְן, אָבֶער אִיךְ וֵויס דָאךְ יָא וֶוער אִיךְ בִּין, דָא אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט אַ טוֹבָה טוּן אוּן עֶר וֶועט מְתַקֵּן זַיין וֶוער עֶס קוּמְט צוּ זַיין צִיּוּן, וֶועל אִיךְ מִיר אוֹיפְהֵייבְּן אוּן פָּארְן צוּ אִים'. מֶען זֶעט קְלָאר אַז וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן הֵייבְּט מֶען אָן צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הֵייבְּט אָן צוּ לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אַזַא אֵיינֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַיינְגֶעטוּנְקֶען בִּיז אִיבֶּער זַיינֶע אוֹיעֶרְן אִין עֲבֵירוֹת פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, הֵייבְּט שׁוֹין אוֹיךְ אָן צוּ הָאבְּן הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, אִיז וָואס אִיז בִּכְלַל דָאס וָואס דוּ רֶעדְסְט אַזוֹי בְּרֵייט אַז פָּארְן אוֹיף אוּמַאן אִיז אַ צוּמְצוּם?! וִויפִיל דַארְפְן מִיר וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן פַארְרֶעכְטְן אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים וָואס מִיר הָאבְּן אַלְץ אָפְּגֶעטוּן וְכוּ'?

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# כט

**קֶען איךְ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, אוּן בְּלַייבְּן אַ חָסִיד פוּן מַיין רֶבִּי?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף יֶעדֶע דְבַר חִיזוּק וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה צוּ הֶערְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, עֶס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶה נְפָשׁוֹת אוּן עֶס אִיז מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק מְחַזֵק.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן אוֹיבּ צוּ קֶענֶען זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מוּז מֶען זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אוּן קוּמֶען צוּם צִיוּן פוּן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? אָדֶער קֶען מֶען זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי חִיזוּקִים פוּן רֶבִּי'ן, מְקַיֵים זַיין דִי תַּקָנוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן בְּלַייבְּן אַ חָסִיד פוּן מַיין רֶבִּי (וָואס אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב)?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן צג): "וָואס וִויל מֶען פוּן מִיר, פַארְוָואס קְרִיגְט מֶען אוֹיף מִיר? וַוייל אִיךְ וִויל נָאר אֵיין זַאךְ - אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן אֵיינֶעם תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער

אויף אִים, און חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): 'כְּרוּם זֻלֻּת לִבְנֵי אָדָם - אֵלּוּ דְּבָרִים הָעוֹמְדִים בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם, וּבְנֵי־אָדָם מְזַלְזְלִין בָּהֶם', און רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט: 'וּמַאי נִיהוּ, תְּפִלָּה', תְּפִילָה אִיז פוּן דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ אויף דִי וֶועלְט, אָבֶּער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אִין דֶעם זֵייעֶר מְזַלְזֵל, דֶערְפַאר - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט - אִיז מֶען מְזַלְזֵל אִין מִיר, וַוייל אִיךְ וִויל נָאר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אייבֶּערְשְׁטְן".

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אויף מִיר, נָאר מֶען הָאט זִיךְ אויסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, און אויף אִים קְרִיגְט מֶען; אִיךְ קְרִיג אויךְ אויף אַזַא מֶענְטְשׁ - זָאגְט דֶער רֶבִּי - וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט"; דָאס הֵייסְט אַזוֹי, מֶענְטְשְׁן ווייסְן נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, מְמֵילָא, אַ קְלוּגֶע טַאטֶע מַאמֶע ווילְן נִישְׁט אַז זֵייעֶר קִינְד זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אויף אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, און לֵיידֶער אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיינְס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען גּוֹרֵם אַז מֶען זָאל מוֹרָא הָאבְּן פוּן בְּרֶסְלֶב. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דוּרְךְ זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים און זֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען זֵיי גּוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק; בִּפְרַט דִי נֵייעֶ אֶנְשִׁיקֶענִישׁ פוּן "נַ, נַח" וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מְבַזֶה דֶעם רֶבִּי'ן, און מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב; דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גּוֹרֵם אַז אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן דֶעם, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר

הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע".

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם; זַיי זִיךְ מְחַזֵּק מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, לֶערְן אוּן דַאוְונְ, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר דֶערְצֵייל פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט וִויסְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי סְפָרִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## ל

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער,**
**אִיךְ לַייד אָבֶער נָאכְאַלְץ פוּן מַיין מַאן.**

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר בְּרִיוו (מִכְתָּב כא); עֶס גֶעבְּט מִיר מוֹרָא'דִיג אַסַאךְ חִיזּוּק, אוּן אִיךְ וֶועל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אָן אַ שִׁיעוּר מָאל צוּ רֶעדְן צוּ מַיין מַאן, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט אָנְגֵיין אַזוֹי מֶער. אוּן

וֶוען עֶר זֶעט אַז אִיךְ מַיין מִיטְן פוּלְסְטְן עֶרְנְסְטְקַייט אַז אִיךְ גֵיי אִים אִיבֶּערְלָאזְן, דֶעמָאלְט זָאגְט עֶר מִיר צוּ אַז עֶר גֵייט זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן, אָבֶּער דָאס הַאלְט אָן בְּלוֹיז פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט אַלֶעס צוּרִיק צוּם אַלְטְן.

עֶס מַאכְן זִיךְ נֶעכְט וָואס אִיךְ וֵויין פַאר צַעַר אוּן וֵוייטָאג, אוּן דָאס רִירְט אִים נִיטְאַמָאל דָאס מִינְדֶעסְטֶע, פַארְקֶערְט, עֶר וָוארְנְט מִיר אַז אוֹיבּ הֶער אִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ וֵויינֶען וֶועט עֶר מִיר אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן פֶענְסְטֶער, אָדֶער לֵייגְן טֶעיפּ אוֹיף מַיין מוֹיל אַז דִי שְׁכֵנִים זָאלְן נִישְׁט הֶערְן וִוי אִיךְ וֵויין; עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט צוּ הֶערְן וָואס בַּאדֶערְט מִיר.

נָאךְ אַזַא אוֹיסְבְּרוּךְ בַּארוּאִיגְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר זָאגְט מִיר צוּ אַז דָאס וֶועט מֶער נִישְׁט פַּאסִירְן, אָבֶּער קַיין שׁוּם פַארְבֶּעסֶערוּנְג הַאלְט אָן פַאר לַאנְג.

אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי אִים אַז אִיךְ וִויל פְּרוּבִּירְן צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט אִים צוּ זֶען וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען לֶעבְן שֵׁיין צוּזַאמֶען, אָבֶּער אִיךְ מוּז שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז דָא מִיט וֶועם צוּ אַרְבֶּעטְן; אָבֶּער עֶר טַעֲנֶה'ט אַז אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פָּשׁוּט נִישְׁט פוּן וָואס פַאר אַ עֶרְצִיאוּנְג עֶר קוּמְט, (זַיין טַאטֶע פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף בֶּעסֶער וִוי אִים...) אוּן עֶר וִויל שְׁפִּירְן אַז אִיךְ הָאבּ אִים לִיבּ מִיט אַן אַהֲבָה שֶׁאֵינָהּ תְּלוּיָה בְּדָבָר, נִישְׁט קַיין חִילוּק וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף, וַוייל בַּיי זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאט עֶר דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען; אָבֶּער וִוי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ לִיבּ צוּ הָאבְּן אַזַא מֶענְטְשׁ?!

אִין גַאס הֵייסְט עֶר זֵייעֶר אַ פֵיינֶער מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען מִיר זֶענֶען צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף וִוי אַן אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶער גוּטֶער מַאן.

מֶען זָאגְט אַז פְּרוֹיעֶן פַארְמָאגְן דִי כֹּחוֹת צוּ טוּישְׁן זַאכְן; אִין מַיין מַצָּב, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז זַאכְן זָאלְן וֶוערְן בֶּעסֶער? נָאךְ אַזוֹיפִיל פּוּסְטֶע הַבְטָחוֹת, וואוּ זָאל אִיךְ שְׁטֶעלְן דִי לִינְיֶע אַז דָאס אִיז עֶס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶה

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ, אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; וִויסְן זָאלְט אִיר אַז פְרוֹיעֶן הָאבְּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין זִיךְ וָואס זֵיי קֶענֶען נוּצְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט - כּוֹחוֹת צוּ חָרוּב מַאכְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ; דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי פְרוֹיעֶן וֵוייסְן נִישְׁט זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת.

אַ פְרוֹי מִיט שֵׂכֶל וַוארְט אָפּ אִיר מַאן מִיט אַ שְׁמֵייכְל; זִי שְׁרַייט נִישְׁט אוֹיף אִים, נָאר פַארְקֶערְט - זִי הֵייבְּט אוֹיף זַיין מוּט אוּן גֶעבְּט אִים גוּטֶע וֶוערְטֶער. בִּפְרַט וֶוען דֶער מַאן מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה אוּן אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, וַוארְט זִי אִים אָפּ מִיט אַ שְׁמֵייכְל וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט, אַזוֹי וִוי דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (סוטה יא:) אַז דִי אִידְן אִין מִצְרַיִם הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ פַאר גָארְנִישְׁט, זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָואלְט אַהֵיים קוּמֶען, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן הָאבְּן קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ', זֵייעֶר קָאפּ אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁמוּצִיג פוּן דִי פֶעלְד אַרְבֶּעט וְכוּ' וְכוּ', וָואס הָאבְּן

דִי פְרוֹיעֶן - דִי נָשִׁים צִדְקָנִיוֹת גֶעטוּן? זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אִין פֶעלְד צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער, זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶעבְּרֶענְגְט וַואסֶער, אוּן יֶעדֶע פְרוֹי הָאט אָפְּגֶעוַואשְׁן אִיר מַאן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז בְּשָׁעַת זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער אִיז אַרַיין גֶעשְׁווּימֶען קְלֵיינֶע פִישׁ אִין זֵייעֶר קְרִיגְל, אוּן דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע מֶענֶער; דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן גֶערֶעדְט שֵׁיין צוּ זֵייעֶרֶע מֶענֶער, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען צוּזַאמֶען וְכוּ' וְכוּ' אוּן אַזוֹי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען כְּלַל יִשְׂרָאֵל. זֶעט מֶען דִי כֹּחַ פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז מֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, אוּן אִין זֵייעֶר זְכוּת וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען.

וֶוען דֶער מַאן זֶעט ווִי זַיין וַוייבּ אִיז גוּט צוּ אִים, זִי שְׁמֵייכְלְט צוּ אִים אוּן זִי וַוייזְט אִים לִיבְּשַׁאפְט, וֶועט עֶר צוּרִיק וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט אוּן עֶר וֶועט אַלֶעס טוּן פַאר זַיין וַוייבּ. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נָאר אַז יֶעדֶער וַוארְט אַז דֶער צְוֵוייטֶער זָאל קוֹדֶם אָנְהֵייבְּן צוּ וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט, יֶעדֶער וַוארְט צוּ זֶען וֶוער עֶס הֵייבְּט אָן קוֹדֶם צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער - אֲפִילוּ מֶען אִיז נָאךְ פַארְוֵוייטָאגְט וְכוּ', דִי וַוייבּ וַוארְט אַז דֶער מַאן זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִיר, זִי טְרַאכְט: 'אוֹיבּ מַיין מַאן וֶועט רֶעדְן שֵׁיין צוּ מִיר אוּן עֶר וֶועט מִיר אִיבֶּערְבֶּעטְן, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ אִים גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט'; (בֶּאֱמֶת אִיז זִי גֶערֶעכְט, וַוייל אַזוֹי וָואלְט טַאקֶע גֶעדַארְפְט זַיין, אַז דֶער מַאן זָאל זַיין דֶער וָואס בֶּעט אִיבֶּער אוּן מַאכְט פְרֵיילִיךְ זַיין וַוייבּ). אוּן דָאס זֶעלְבֶּע אִיז פַארְקֶערְט, דֶער מַאן וַוארְט אַז זַיין וַוייבּ זָאל

אִים וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט, עֶר טְרַאכְט: 'אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אַהֵיים קוּמֶען אוּן מַיין וַוייבּ וֶועט זַיין שֵׁיין אָנְגֶעטוּן אוּן מִיר אָפְּוַוארְטְן אַזוֹי וִוי אִין שָׁנָה רִאשׁוֹנָה, מִיט אַ שְׁמֵייכְל וְכוּ' וֶועל אִיךְ זַיין גוּט צוּ אִיר', לְמַעֲשֶׂה שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז בֵּיידֶע שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן, אוּן דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים וָואס מֶען לֶעבְּט אָפְּ אַ לֶעבְּן מִיט אַ שִׂנְאָה צְווִישְׁן זִיךְ.

וֶוען אַ פְרוֹי וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, וָואלְט זִי אִינְוֶועסְטִירְט אַבִּיסְל; זִי וָואלְט אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן אִיר וֶועג אוּן מִיט אִיר חָכְמָה אִיבֶּערְגֶעדְרֵיידְט אִיר מַאן פַאר מֶער אַ בֶּעסֶערֶע מֶענְטְשׁ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תָּמִיד לב:) אַז דֶער גְרוֹיסֶער קֵיסָר אַלֶכְּסַנְדֶר מוֹקְדָן אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שְׁטָאט פוּן פְרוֹיעֶן, עֶר הָאט גֶעוָואלְט מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט זֵיי, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיט זֵייעֶרֶע חָכְמָה אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן. זֵיי הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט אַ שֵׁיינֶע קַבָּלַת פָּנִים אוּן אִים גֶעבְּרֶענְגְט שְׁטִיקֶער גָאלְד, אֲפִילוּ דִי בְּרוֹיט אִיז גֶעוֶוען פוּן גָאלְד אוּן דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז עֶר הָאט זֵיי אָפְּגֶעלָאזְט אוּן נִישְׁט מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן מִיט זֵיי; וֶוען עֶר אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט, הָאט עֶר גֶעהֵייסְן אוֹיף שְׁרַייבְּן אוֹיפְן טוֹיעֶר פוּן שְׁטָאט: "אֲנָא אֶלְכְּסַנְדְרוּס מוֹקְדוֹן הֲוֵיתִי שַׁטְיָא, עַד דְאתֵיתִי לִמְדִינַת אֲפְרִיקִי דִנְשַׁיָא, וְיָלִיפַת עֵצָה מִן נְשַׁיָא", אִיךְ אַלֶכְּסַנְדֶר מוֹקְדָן בִּין גֶעוֶוען אַ שׁוֹטֶה בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דִי קְלוּגֶע פְרוֹיעֶן, אוּן זִיךְ גֶעלֶערְנְט פוּן זֵיי וִוי אַזוֹי צוּ זַיין קְלוּג; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אוֹיבּ מֶען הָאט סַבְלָנוּת, מֶען אִיז גְרֵייט צוּ אַרְבֶּעטְן

און אוּיס וואַרְטְן, קֶען מֶען אִיבֶּער דְרֵייעֶן אֲפִילוּ דֶעם שְׁטֶערְקְסְטְן מֶענְטְשׁ.

**דֶערְפַאר** זָאלְט אִיר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ מְחַזֵק זַיין אֵייעֶר מַאן און אִים וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט און אִיר וֶועט זֶען ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט אַייךְ צוּרִיק וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי כז, יט): "כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם", וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין אִין וַואסֶער מִיט אַ שְׁמֵייכְל'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ שְׁמֵייכְל, און וֶוען מֶען קוּקְט אַרַיין מִיט אַ בְּרוֹגֶז'דִיגֶע פָּנִים זֶעט מֶען צוּרִיק אַ בְּרוֹגֶז פָּנִים; אַזוֹי אִיז דֶער מַאן מִיט זַיין וַוייבּ - ווִי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף צוּ יֶענֶעם, אַזוֹי פִירְט מֶען זִיךְ צוּרִיק מִיט דִיר.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ אַייךְ דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס אִיר זָאלְט בֶּעטְן בַּיי הַדְלָקַת הַנֵּרוֹת: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר און גֶעבּ מִיר קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן און נָאר טוּן דַיין ווילְן, גֶעבּ מִיר קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן דַאוְוענֶען און זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ און אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת. הֶעלְף מִיר אַז מַיין מַאן זָאל זַיין גוּט צוּ מִיר און אִיךְ זָאל זַיין גוּט צוּ אִים, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן און מִיר זָאלְן אֵיינֶעם דֶעם צְוֵייטְן מְכַבֵּד זַיין. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּק צוּ מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אִיךְ ווִיל אַן עֶרְלִיכֶער מַאן, מַיין מַאן זָאל רֶעדְן שֵׁיין צוּ מִיר און עֶר זָאל הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ מִיר. עֶר זָאל גֵיין אִין שוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוְוענֶען און עֶר זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף

מִיר אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, אוּן בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מַלְכָּה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן״. אוּן לֵייגְט צוּ אֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, ווייל תְּפִילוֹת וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן תְּפִילוֹת וָואס מֶען בֶּעט פַאר זַאכְן וָואס טוּט וֵויי, אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# לא

**מֶעג מֶען זָאגְן לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת אוּם שַׁבָּת? אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז מִשְׁנַיוֹת זָאל מִיר הֶעלְפְן אִין שָׁלוֹם בַּיִת.**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

קוֹדֶם וויל אַייךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אֵייעֶרֶע חִיזּוּק שִׁיעוּרִים אוּן הֶערְלִיכֶע נִיגוּנִים.

שְׁאֵלָה א׳, אִין סֵפֶר לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת אִיז דָא אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוֹיף עִנְיָנֵי גַשְׁמִיוּת, אִיז מַיין שְׁאֵלָה צִי מֶען מֶעג עֶס אוֹיךְ זָאגְן שַׁבָּת ווייל עֶס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁמַאק אוֹיסְצוּלָאזְן וֶוען מֶען זָאגְט דִי תְּפִילּוֹת כְּסֵדֶר. אִין דִי פּוֹסְקִים - לוֹיט וִויפִיל אִיךְ וֵוייס - אִיז נִישְׁט אַזוֹי קְלָאר דִי הֲלָכָה. אוּן לָאמִיר זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט, צִי וֶועט הֶעלְפְן הֵיפֶךְ כַּוָּונָה נִישְׁט יוֹצֵא צוּ זַיין

דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלָּה, אָדֶער גָאר אִינְזִין הָאבְּן אַז דִי תְּפִלָּה זָאל חַל זַיין נָאךְ שַׁבָּת. און וָואס וֶועט זַיין אויב מֶען הָאט דָאס אִינְזִין וֶוען מֶען זָאגְט דִי תְּפִלּוֹת בַּיי אֱלֹקַי נְצוֹר צִי עֶס וֶועט הֵייסְן אַ הֶפְסֵק.

שְׁאֵלָה ב', לְגַבֵּי שְׁלוֹם בַּיִת; אֵיינֶער וָואס בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֲפִילוּ עֶטְלִיכֶע מָאל אַ טָאג, עֶר זָאל הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת, און עֶר הָאט שׁוין אויסְגֶעזָאגְט כַּמָה פְּעָמִים שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה (וָואס עֶר הַאלְט עֶס אָן צוּ זָאגְן וִויבַּאלְד עֶר הָאט אויךְ אַ צִיל פוּן יֶענֶע וֶועלְט אֲפִילוּ עֶר זֶעט נִישְׁט אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע שִׁנּוּיִים וָואס צוּלִיב דֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת), און עֶר אִיז שׁוין גֶעוֶוען בַּיי רַבָּנִים און טֶערָאפִּיסְטְן און גֶעהֶערְט מֶערֶערֶע שִׁיעוּרִים און גֶעקוּקְט מֶערֶערֶע סְפָרִים פוּן שְׁלוֹם בַּיִת, און דָאךְ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלוֹם בַּיִת, און וֶוען עֶר הָאט יָא הַאלְט עֶס נִישְׁט אָן צוּ לַאנְג, און עֶר הָאט שׁוין גְרֶעסֶערֶע קִינְדֶער, אִיז דִי שְׁאֵלָה וִוי לַאנְג זָאל עֶר אָנְהַאלְטְן אַזוֹי צוּ לַיידְן? אִיז דָאס דִי רָצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ צוּ בְּלַייבְּן און לַיידְן אָדֶער זִיךְ צֶעטֵיילְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְּן אֵייעֶר טֵייעֶרֶע צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן דִי שְׁאֵלוֹת.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי מֶען מֶעג זָאגְן לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת אוּם שַׁבָּת וְכוּ'.

**מוֹהַרְנַ"ת** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (עַיֵּין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, סִימָן א' קמז; ג' קצג, וְעוֹד) אַז שַׁבָּת מֶעג מֶען זָאגְן לִיקוּטֵי

תְּפִילוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ מֶעג מֶען זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין שַׁבָּת בִּשְׁעַת מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְנְ'ט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפח, בְּטוּרֵי זָהָב סְעִיף קָטָן ב) **אַז** אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט הֲנָאָה וֶוען עֶר וֵויינְט, עֶר שְׁפִּירְט זֵייעֶר גוּט נָאכְן זִיךְ אוֹיסרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן טוּט תְּשׁוּבָה וְכוּ' - מֶעג עֶר וֵויינֶען שַׁבָּת, וַוייל דָאס אִיז זַיין עוֹנֶג שַׁבָּת. בְּרֶסְלֶבּ'עֶ חֲסִידִים פִירְן זִיךְ טַאקֶע צוּ זָאגְן לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת שַׁבָּת, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן דֶערְצֵיילְן אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**שְׁטַארְק** דִיר וַוייטֶער בְּלִמּוּד מִשְׁנַיוֹת; עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר (הַקְדָּמָה, ה.) **אַז** דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן זְ'רָעִים מ'וֹעֵד נָ'שִׁים נְ'זִיקִין קָ'דָשִׁים טָ'הֳרוֹת, אִיז "זְמַן נָקַט"; הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד פְּשַׁט, אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת הַאלְט דִי צַייט אִין דִי הַאנְט - "זְמַן נָקַט", וַוייל וֶוען עֶר הָאט אַן אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט, כַּאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, אַזוֹי נוּצְט עֶר אוֹיס זַיין צַייט.

**מוֹהַרְאַ"שׁ** פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "וִוי אַזוֹי מֶען קֶען וִויסְן אוֹיף אֵיינֶעם צִי עֶר דְרֵייט זִיךְ אִין 'הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ'? אוֹיבּ זֶעט מֶען אִים שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת אִין דִי הַאנְט, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ אִין הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ".

**לְגַבֵּי** שָׁלוֹם בַּיִת; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז שָׁלוֹם בַּיִת וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מַאן, אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער הָאט אַ פְרוֹי מִיט

שְׁוועֶרע נַאטוּרְן אִיז אוֹיךְ מֶעגְלִיךְ פַּאר'ן מַאן אִיר אִיבֶּער צוּ דְרֵייעֶן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (עֲבוֹדָה זָרָה לט.): "מַעֲשֶׂה בְּאִשָּׁה אַחַת שֶׁנִּשֵּׂאת לְחָבֵר, וְהָיְתָה קוֹשֶׁרֶת לוֹ תְּפִילִין עַל יָדוֹ, נִשֵּׂאת לְמוֹכֵס - וְהָיְתָה קוֹשֶׁרֶת לוֹ קִשְׁרֵי מוֹכֵס עַל יָדוֹ", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן זִי הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אָנְטוּן יֶעדְן טָאג זַיין תְּפִילִין, שְׁפֶּעטֶער הָאט זִי חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ גַנָב, אוּן זִי פְלֶעגְט אִים הֶעלְפְן מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ פְרוֹי גֵייט נָאךְ אִיר מַאן, אַז דֶער מַאן וֵוייסְט וָואס אַ פְרוֹי וִויל, אוּן עֶר וֵוייסְט וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ אִיר - וֶועט אִים זַיין וַוייבּ נָאךְ גֵיין.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט פוּן יֶעצְט אָן זַיין נָאכְגֶעבִּיג, אוּן זַיין אַ "גֶעבֶּער", זָאלְסְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַּאר דַיין וַוייבּ, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רוּעֶן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין שְׁטוּבּ אִיז שׁוֹין דָא אַלֶע בְּרָכוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# לב

**גֵיין צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט; אַ קִינְד וָואס מַאכְט מַחְלוֹקֶת.**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הֶער אוֹיס דִי חִיזּוּק יוֹמִי פוּן אַייךְ אוּן דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַיֶה. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ אָבֶּער גֶעהֶערְט אַיין חִיזּוּק יוֹמִי וָואס אִיר רֶעדְט אַנְטְקֶעגְן טֶערֶעפִּיסְטְן וְכַדוֹמֶה. אִיר זָאגְט אַז וֶוען מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, אַ פַּחַד, אַ פָאבִּיֶע, זָאל מֶען נִישְׁט גֵיין צוּ פְּסִיכִילָאגְן אוּן טֶערֶעפִּיסְטְן וְכַדוֹמֶה, מֶען זָאל נָאר לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר בֶּעט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר דֶעם.

מַיין פְּרַאגֶע אִיז וָואס אִיז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אַ פִּיזִישֶׁע קְרֶענְק, וֶוען אֵיינֶער הָאט זִיךְ צֶעשְׁנִיטְן דִי הַאנְט, צֶעבְּרָאכְן דִי פִיס, אָדֶער הָאט מֶען אִים דִיאַגְנִיזִירְט מִיט דִי בִּיטֶערֶע מַחְלָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאל עֶר דֶעמָאלְט אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער זִיךְ הֵיילְן? זָאל מֶען אִים אוֹיךְ זָאגְן אַז עֶר זָאל נָאר לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? מֶען דַארְף דָאךְ טוּן עֶפֶּעס הִשְׁתַּדְלוּת. אִיז דָאךְ לִכְאוֹרָה אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ בַּיי גֵייסְטִישֶׁע קְרֶענְק, פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט טוּן הִשְׁתַּדְלוּת אוּן גֵיין צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וִוי אִיר זָאגְט בַּיי אַ דְרָשָׁה אַז מֶען זָאל אָנְזָאגְן דִי קִינְדֶער אַז אוֹיבּ אִיז דָא אַ קִינְד וָואס זָאגְט אַז דֶער אָדֶער יֶענֶער קֶען נִישְׁט מִיטְשְׁפִּילְן מִיט אַ שְׁפִּיל, זָאל מֶען נִישְׁט מִיטְשְׁפִּילְן מִיט אַזַא שְׁפִּיל. וִויל אִיךְ וִויסְן אַזוֹי וִוי אִין מַיין שְׁכֵינוּת אִיז דָא אַיין קִינְד וָואס אִיז אַלֶעמָאל פַארְנוּמֶען אַז דֶער אָדֶער יֶענֶער קֶען נִישְׁט מִיטְשְׁפִּילְן, אוֹיבּ זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין קִינְד שְׁפִּילְן מִיט אַזַא קִינְד וָואס מַאכְט אַזוֹיפִיל מַחְלוֹקֶת אוּן קְרִיגֶערֵייעֶן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן נֶעמֶען דִי צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן דִי שְׁאֵלוֹת.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ב' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה)**:** "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן אִיז צוּצוּקוּמֶען צוּ אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַחֲלוֹת, אוּן זֵיי לַיידְן דֶערוּיף נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוּיף אוֹיף יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם. זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָרוֹן אֱמוּנָה - הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, קַיין תְּפִילָה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת.

**דָאס** גֵייט אַרוּיף אוֹיף דִי יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי אִינֶעוֵוייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט לְמָשָׁל קָאפּ וויי, נֶעמְט עֶר טַיילֶענָאל
וְכוּ׳, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶערֶע מַחֲלָה
הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, גֵייט מֶען צוּם דָאקְטֶער אוּן מֶען נֶעמְט
מֶעדֶעצִין. אַזוֹי אוֹיךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִינֶערְלִיכֶע יִסוּרִים,
עֶר הָאט דִמְיוֹנוֹת וְכוּ׳, דַארְף מֶען נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר זַיינֶע
יִסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ, אָבֶער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי רְפוּאוֹת הֵיילְט נִישְׁט
אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ, דָאס טוּט נָאר בַּארוּאִיגְן דֶעם מֶענְטְשׁ
וְכוּ׳; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת אוּן
פַאר דֶעפְּרֶעסְיֶע וְכוּ׳, אִיז אֱמוּנָה. ווי מֶער אַ מֶענְטְשׁ חַזֶר׳ט
זִיךְ דִי אֱמוּנָה - עֶר חַזֶר׳ט אַיין בַּיי זִיךְ: ׳קֵיינֶער קֶען מִיר
גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער, עֶר הִיט מִיר פוּן אַלֶע
צָרוֹת אוּן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן׳, וֶוערְט עֶר מֶער אוּן מֶער
רוּאִיג אוּן צוּפְרִידְן.

**דָאס** וָואס אִיךְ רֶעד בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַנְטְקֶעגְן טֶערֶעפִּי וְכוּ׳,
מַיין אִיךְ נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט קַיין צוּ קַיין
דָאקְטוֹרִים, נָאר אִיךְ רֶעד פוּן דֶעם וָואס מֶענְטְשְׁן שְׁמַאכְטְן
נֶעבֶעךְ אָפּ בַּיי טֶערֶעפִּיסְטְן וָואס קֶענֶען זִיךְ אַלֵיינְס נִישְׁט
הֶעלְפְן, דִי טֶערֶעפִּיסְטְן הַאלְטְן זַייעֶרֶע קְלִיֶענְטְן בַּיי זִיךְ פַארְן
גַאנְצְן לֶעבְן, אוּן מֶען מָאלְט וַואסֶער וְכוּ׳ וְכוּ׳; אַנְשְׁטָאט צוּ
רֶעדְן צוּ אַ בָּשָׂר וָדָם וָואס קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן - עֶר קֶען
דִיר נָאר אוֹיסְהֶערְן אוּן הֵייסְן נָאכְאַמָאל צוּרִיק קוּמֶען, וָואס
אַזוֹי הָאט עֶר פַּרְנָסָה - גֵיי עֶנְדֶערְשׁ צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, רֶעד זִיךְ
אוֹיס פַאר אִים אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט
זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן.

וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה - עֶר חַזֶר'ט זִיךְ אַיין: 'קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', אַלְץ מֶער וֶוערְט עֶר פְרֵיילִיךְ אוּן רוּאִיג.

זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן לַיידְן פוּן פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת וָואס מֶען רוֹדְפְ'ט זִיךְ אַלֵיין; דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקנ): אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ זִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן אוֹיסְטְרַאכְטְן אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צְוֵוייטְן וָואס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשֶׁעְן; עֶר רוֹדְפְ'ט זִיךְ אַלֵיין.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ הַאק, עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוֹיפְאַקֶערְן בַּיי זִיךְ דִי עֶרְד; טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ: 'וִוי קֶען אִיךְ שַׁאפְן אַן הַאק?' אוּן עֶר כַאפְּט זִיךְ אַז זַיין שָׁכֵן הָאט אַ נֵייעֶ הַאק, עֶר וֶועט אִים בֶּעטְן צִי עֶר קֶען אִים עֶס בָּארְגְן. אַזוֹי טְרַאכְטְנְדִיג הֵייבְּט עֶר אָן אוֹיס צוּ טְרַאכְטְן אַז דֶער שָׁכֵן וֶועט אִים דָאךְ עֶס זִיכֶער נִישְׁט וֶועלְן בָּארְגְן, אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין נָאךְ דִמְיוֹנוֹת, עֶר הֵייבְּט אָן זִיךְ צוּ קָאכְן אוּן זִיךְ אוֹיפְעֶסְן: 'פַארְוָואס אִיז עֶר אַזַא שְׁלֶעכְטֶער, וָואס גֵייט אִים אָן מִיר צוּ בָּארְגְן זַיין הַאק?!' בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי בְּכַעַס אַז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן צוּם שָׁכֵן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן אוֹיף אִים: "הַאלְט דִיר דַיין הַאק, מוֹחֵל טוֹבוֹת, הַאק דִיר אָפּ דַיין קָאפּ מִיט דַיין הַאק!" דֶער שָׁכֵן קוּקְט אוֹיף אִים, אוּן פְרֶעגְט אִים: "ר' אִיד, וָואס שְׁרַייט אִיר אַזוֹי, וָואס הָאט פַּאסִירְט, מִיט וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?" דֶער שָׁכֵן קוּמְט דָאךְ פוּן זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', שְׁרַייט עֶר צוּרִיק: "מַאךְ דִיר נִישְׁט אַזוֹי בַּא'טַעמְ'ט; 'מִיט

וָואס קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן' פְּרֶעגְסְטוּ? אִיךְ בֶּעט דִיר אַ גַאנְצֶע נַאכְט דַיין הַאק, וָואס בִּיסְטוּ אַזַא שְׁלֶעכְטֶער, וָואס גֵייט דִיר אָן מִיר עֶס צוּ בָּארְגְן?!"

**דָאס** אִיז אַ מַעֲשֶׂה וָואס פַּאסִירְט טָאג טֶעגְלִיךְ בַּיי מֶענְטְשְׁן; מֶען זִיצְט אִין שְׁטוּבּ אוּן מֶען טְרַאכְט זִיךְ אוֹיס אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז בְּלוֹיז אַ דִמְיוֹן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כה) אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיבְּן נֶעמֶען, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.), אָבֶּער הַיינְט - זָאגְט דֶער רֶבִּי - דַארְף מֶען אִים גֶעבְּן אַ נֵייעֶם נָאמֶען: "כֹּחַ הַמְדַמֶּה", וַוייל עֶר מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זָאל טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים אוּן עֶר דַארְף אִים נִישְׁט; נָאכְדֶעם, אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, הֵייבְּט מֶען אָן צוּ וֶוערְן אַ נִצְרָךְ לַבְּרִיּוֹת, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן 'קֵיינֶער דַארְף מִיר נִישְׁט וְכוּ'', אוּן בֶּאֱמֶת קוּמְט אַלֶעס פוּן דִמְיוֹנוֹת.

**דֶערְפַאר**, אַז אַ מֶענְטְשׁ חַזֶר'ט זִיךְ אֵיין דִי אֱמוּנָה, עֶר זִינְגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אוּנְטֶער: 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער', 'קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן', 'קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט גוּטְס טוּן', אִיז עֶר אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט וֶועגְן אוֹיסְלֶערְנֶען פַּאר קִינְדֶער מִידוֹת וְכוּ'; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס

מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר
אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶּרֶךְ אֶרֶץ".

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סד): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן גוּטֶע מִידּוֹת וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג; מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט וַויי צוּ טוּן אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן קִינְדֶער וָואס לָאזְן נִישְׁט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער שְׁפִּילְן אוּן גְרוֹיסְן זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, מִיט אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער זָאלְן זֵיי נִישְׁט מִיט שְׁפִּילְן וְכוּ', אַזוֹי וַואקְסְן זֵיי אוֹיף גֶעזוּנְט, אוּן זֵיי וֶועלְן הָאבְּן דִי סִימָנִים פוּן אַ אִיד, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת עט.), אַז דִי אִידְן הָאבְּן דְרַיי סִימָנִים: "רַחֲמָנִים, בַּיְישָׁנִים, וְגוֹמְלֵי חֲסָדִים".

**זֵייעֶר** אַסַאךְ עֶלְטֶערְן זָאגְן: "דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, מֶען דַארְף זֵיי נָאךְ נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין"; דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, וַוייל קִינְדֶער - וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין, וַוייל דֶעמָאלְט הֶערְן זֵיי אוֹיס, אוּן אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, מַה שֶּׁאֵין כֵּן, אוֹיב מֶען לָאזְט זֵיי אַלֶעס טוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג אוּן מֶען אִיז זֵיי נִישְׁט מְחַנֵּךְ, דֶעמָאלְט וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער וֶועלְן זֵיי זִיכֶער נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן טַאטֶע מַאמֶע, אוּן זֵיי וֶועלְן זַיין ווידֶערְשְׁפֶּענִיגֶערְס.

**קִינְדֶער** - וֶוען זֵיי זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער, קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי, נָאר ווִי יוּנְגֶער זֵיי זֶענֶען אַלְץ מֶער

הֶערְן זֵיי אוֹיס; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין קִינְד, זָאגְט אִים מוּסָר, אוּן וֶוער עֶס זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט פַּיינְט זַיין קִינְד; זָאגְן אוֹיף דֶעם חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שְׁמוֹת רַבָּה א, א) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ זַיין קִינְד וַוייל עֶר שׂוֹינְט אִים זָאל עֶר ווִיסְן אַז צוּם סוֹף וֶועט עֶר אַרָאפְּגֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג, אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט גֶעטְשֶׁקֶעס, אוּן שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט דֶעם, הָאט אִים אַבְרָהָם אָבִינוּ גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, וַוייל עֶר הָאט אִים גֶעשׂוֹינְט, בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעדַארְפְט פַּארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּבּ.

אַזוֹי אוֹיךְ גֶעפוּנֶען מִיר בַּיי עֵשָׂו הָרָשָׁע, וָואס עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו", יִצְחָק הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו, אוּן עֶר הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה.

אוּן דֶער מֶדְרָשׁ פִּירְט אוֹיס, "וְכָל הַמְיַסֵּר אֶת בְּנוֹ, מוֹסִיף הַבֵּן אַהֲבָה עַל אָבִיו וְהוּא מְכַבְּדוֹ"; אוֹיבּ אִיז מֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן מֶען וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער אוּן דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# לג

**מִיטְנֶעמֶען אַ קְלֵיין קִינְד אִין בֵּית הַכִּסֵּא.**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין יֶעדְן טָאג!

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, מַיין קְלֵיינֶער זוּן אִיז אִיבֶּער צְווֵיי יָאר אַלְט; בִּיז וֶועלְכֶע עֶלְטֶער מֶעג מֶען אִים מִיטְנֶעמֶען אִין בֵּית הַכִּסֵּא, ווַייל אוֹיבּ לָאז אִיךְ אִים אִינְדְרוֹיסְן טוּט עֶר סַכָּנָה'דִיגֶע זַאכְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נט): "מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם - לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל", עֶס אִיז גֶעזוּנְטֶער פַאר קִינְדֶער אַז מֶען אִיז נִישְׁט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ זֵיי צוּ שְׁטַארְק, נָאר מֶען לָאזְט זֵיי אַלֵיין אוֹיפְוַואקְסְן. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד קִישְׁט מֶען נִישְׁט, אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען

נִישְׁט״; וַוייל ווי מֶער מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם קִינְד אוּן מֶען צֶערְטְלְט אִים, שְׁלָאגְט מֶען אִים וֶוען עֶר אִיז לֶעבֶּעדִיג אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג.

**דֶערְפַאר** אִיז בֶּעסֶער אַז דוּ לָאזְט אִים אִינְדְרוֹיסְן; לָאז אִים אוֹיפְוַואקְסְן, לָאז אִים אַרוּם טַאנְצְן, וֶועט עֶר אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

**בְּעִיקָר** דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער; קִינְדֶער וָואס לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**זִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז גוּטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, גוּטֶע קִינְדֶער בַּאקוּמְט מֶען לוֹיט וִויפִיל מֶען בֶּעט אוּן מֶען וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ גָאר קְלֵיין, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז זֵיי זָאלְן זַיין וואוֹיל אִין עֶרְלִיךְ, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג הַיינְטִיגֶע צַייטְן, ווי מֶען זֶעט נֶעבֶּעךְ אַז קִינְדֶער פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטוּבֶּער גֵייעֶן רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז צוּ בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס; קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן ווי דֶער טַאטֶע גֵייט אוּן שׁוּל יֶעדְן טָאג דְרֵיי מָאל אַ טָאג וֶועלְן אוֹיךְ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶנֶען. קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן ווי זֵייעֶר טַאטֶע מַאמֶע רֶעדְן שֵׁיין אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מֶען אִיז זִיךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וֶועלְן

זֵיי זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי פִירְן. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיב דֶער טַאטֶע דַאוְונְט נִישְׁט אוּן לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר אִיז נָאר פַארְנוּמֶען אַוֶועק צוּ מַאכְן יֶעדְן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ׳ וְכוּ׳, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט זַיין צוּפִיל בֶּעסֶער פוּן אִים.

זֶע אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְן נִישְׁט צוּ לֵייגְן אַ פַּחַד אִין שְׁטוּבּ; עֶס זֶענֶען דָא אִינְגֶעלַייט וָואס מֵיינֶען אַז זֵיי דַארְפְן מְחַנֵךְ זַיין זֵייעֶר וַוייבּ, זֵיי גֶעבְן אַרוֹיס בַּאפֶּעלְן: "טוּ אַזוֹי", "אִיךְ הֵייס דִיר טוּן אַזוֹי", "אִיךְ וָוארְן דִיר"; וֵוי פַּאר אַזֶעלְכֶע אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי שַׁאפְן אִין שְׁטוּבּ מִיט אַן אֵימָה יְתֵירָה, ווייל זֵייעֶר סוֹף וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (גִיטִין ו:): "אָמַר רַב חִסְדָא, לְעוֹלָם אַל יַטִּיל אָדָם אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", אַ מֶענְטְשׁ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט וַוארְפְן אַ שְׁרֶעק אוֹיף זַיין וַוייבּ, "שֶׁהֲרֵי פִּילֶגֶשׁ בַּגִּבְעָה הֵטִיל עָלֶיהָ בַּעֲלָהּ אֵימָה יְתֵירָה, וְהִפִּילָה כַּמָּה רְבָבוֹת מִיִּשְׂרָאֵל". וַוייל דִי מַעֲשֶׂה פוּן פִּילֶגֶשׁ בְּגִבְעָה, ווִי צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען גֶע׳הַרְגֶ׳עט גֶעוָוארְן, הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט גֶעוָוארְפְן אַ פַּחַד אוֹיף זַיין וַוייבּ. "אָמַר רַב יְהוּדָה אָמַר רַב, כָּל הַמֵּטִיל אֵימָה יְתֵירָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ, סוֹף הוּא בָּא לִידֵי שָׁלֹשׁ עֲבֵירוֹת, גִּלּוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָּמִים, וְחִלּוּל שַׁבָּת", רַב זָאגְט אַז וֶוער עֶס וַוארְפְט אַ פַּחַד אוֹיף זַיין וַוייבּ, וֶועט נָאכְדֶעם צוּקוּמֶען צוּ דִי דְרֵיי הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת: גִילוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָמִים אוּן חִילוּל שַׁבָּת.

אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי אַ סַבְלָן אוּן אַ וַותְּרָן אִין שְׁטוּבּ וֶועסְטוּ הָאבְן אַ הֶערְלִיכֶע לֶעבְן.

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

א כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# לד

## פַארְוָואס רֶעדְט אִיר נִישְׁט אוֹיךְ פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שָׁלוֹם וּבְרָכָה,

אִיךְ הֶער אוֹיס אֵייעֶרֶע וַוארֶעמֶע שִׁיעוּרִים, עֶס אִיז מַמָּשׁ "דְּבָרִים הַיּוֹצְאִים מִן הַלֵּב נִכְנָסִין אֶל הַלֵּב", אִיר הָאט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אִידִישֶׁ'ע חֵן אִין אֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער, וֶוער עֶס הֶערְט עֶס אוֹיס - אוֹיךְ מַיינֶע חֲבֵרִים נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים - הָאט אַ מְשִׁיכָה צוּ דִי שִׁיעוּרִים און ווִילְן הֶערְן נָאךְ און נָאךְ.

ווִיל אִיךְ זִיךְ קוֹדֶם זַייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייךְ, און אִיךְ ווִיל אוֹיךְ מַקְדִים זַיין אַז אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט עַל מְנָת לְהַקְנִיט אָדֶער עֶפֶּעס, אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים הָאבְּן מִיר גוּט אוֹיסְגֶעשָׁאקְלְט מַיינֶע יְסוֹדוֹת אִין בְּרֶסְלֶב וָואס אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין דֶעם, און אִיךְ בִּין מַמָּשׁ פוּן פְרִישׁ גֶעוָוארְן מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן און אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת וּבִתְמִימוּת פַארְשְׁטֵיין דִי פָאלְגֶענְדֶע נְקוּדוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל תּוֹרוֹת און נְקוּדוֹת וָואס אִיר רֶעדְט נִישְׁט אַרוּם פוּן דֶעם אִין אֵייעֶרֶע טֵייעֶרֶע דְרָשׁוֹת. ווִי לְמָשָׁל חֲצוֹת, אַזְמָרָה (-רפ"ב), נִיגוּנִים/מְנַגְּנִים כְּשֵׁרִים, רָצוֹא וָשׁוֹב, לֶעבְּן נָאר מִיט דִי הֹוֶה און

נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען וְכוּ' וְכוּ'. אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט בֶּעסֶער פוּן מִיר...

פַארְוָואס רֶעדְט אִיר נִישְׁט אַרוּם וֶועגְן דֶעם? אִיר רֶעדְט אַסַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן דֶרֶךְ הַלִימוּד, וָואס אִיז מִיט נָאךְ זַאכְן? דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס אַלֶעס לִיגְט בַּיי אִים.

נָאךְ אַ נְקוּדָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט "מִמֶּנִּי וְעַד מָשִׁיחַ לֹא יִהְיֶה חֲדָשׁוֹת", פוּן מִיר בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין נַייעֶס, אִיז דָאךְ קְלָאר פוּן דֶעם וָואס רֶבִּי נָתָן זָאגְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמֵיינְט אַז נָאךְ אִים וֶועט נִישְׁט זַיין נָאךְ אַ צַדִיק בִּיז מָשִׁיחַ.

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז דָא אֵיין רֶבִּי, אוּן אֵיין תַּלְמִיד (רֶבִּי נָתָן) עַד בִּיאַת מָשִׁיחַ, פוּן דֶעמָאלְט וֶועט זַיין נָאר אִין אַ וֶועג פוּן 'תַּלְמִידִים יַעֲשׂוּ תַּלְמִידִים'", לָאוֹר דִי יְסוֹד אִין בְּרֶסְלֶב וֵוייס אִיךְ נִישְׁט אִין וֶועלְכֶע נְקוּדָה אַוֶועק צוּשְׁטֶעלְן מוֹהֲרַ"שׁ? דֶער צַדִיק אִיז דֶער רֶבִּי, דֶער תַּלְמִיד אִיז רֶבִּי נָתָן, אִיז וָואס אִיז מוֹהֲרַ"שׁ?

הַמּוֹדֶה בְּכָל לֵב, אוֹיף פִיל הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה אוּן הַתְחָלָה מֵחָדָשׁ וּבְהִתְלַהֲבוּת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּזְכוּת אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ- עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וָואס דִי עֵצוֹת וֶועט מָשִׁיחַ אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): "צְווִישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק, אוּן אַלֶע גוּטְס וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט, קֶען אִיךְ אוֹיךְ טוּן, נָאר אֵיין חִילוּק אִיז דָא, אַז מָשִׁיחַ וֶועט מֶען פָאלְגְן אוּן בַּיי מִיר אִיז נָאךְ דָא אַ בְּחִירָה".

דוּ פְרֶעגְסְט מִיר פַארְוָואס מֶען רֶעדְט אִין יְשִׁיבָה נָאר פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ נָאךְ אַסַאךְ גוּטֶע עֵצוֹת, פַארְוָואס רֶעדְט מֶען נִישְׁט פוּן אַלֶע זַאכְן; קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפז): "מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר 'דַאוֶונֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען'"; דָאס אִיז דֶער וֶועג ווי אַזוֹי מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אֵיין תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וָואס דֶער רֶבִּי זָאל נִישְׁט רֶעדְן דָארְט פוּן תּוֹרָה וּתְפִלָּה, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן פְלֶעגְט זָאגְן: "דֶער עִיקָר דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶע זַאךְ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אֵיינְמָאל דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט עֶר שׁוֹין אַלֵיינְס זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן"; דֶערְפַאר דַארְף מֶען דֶער עִיקָר מְחַזֵק זַיין אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אֵיינְמָאל עֶר אִיז דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶועט עֶר שׁוֹין

אַלֵיינְס זֶען אַלֶע עֵצוֹת ווי אַזוֹי עֶר זָאל זִיךְ פִירְן אוּן עֶר וֶועט צוּ קוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת.

**בִּפְרַט** ווען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען ווִיסְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): "וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד"; מְמֵילָא, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מְקַיֵים זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁייְכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן.

**רֶבִּי** נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ (טְרֶעמְפּ) מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק; אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט דֶער יוֹסְל פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אִים מְקַנֵא גֶעוֶוען. נָאכְדֶעם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִיד יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס עֶר הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט 'גֶעקֶענְט' דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט 'גֶעזֶען' דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ 'קֶענְסְט' דֶעם רֶבִּי'ן, ווייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק גֶעפִינְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; קוּמְט אוֹיס אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, - דֶער קֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר

אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד. אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן.

וֶוען אִיךְ הָאבּ דֶערְצֵיילְט פַּאר מוֹהֲרָא"שׁ אַז מִיר הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַ בֶּענְקְל וָואס זֶעט אוֹיס פּוּנְקְט וִוי דֶעם רֶבִּינְ'ס בֶּענְקְל וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים אוּן מִיר נוּצְן דָאס פַאר אַ כִּסֵא שֶׁל אֵלִיָהוּ הַנָבִיא, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל זָאגְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז דָאס אִיז דִי עֶכְטֶע בֶּענְקְל פוּן רֶבִּי'ן, אוּן דָאס וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין שׁוּל אִין מֵאָה שְׁעָרִים אִיז דִי נָאכְגֶעמַאכְטֶע; ווייל אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, מֶען אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג פוּנֶעם: "רֶבִּינְ'ס זַאךְ" - וָואס אִיז יָא "דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ", אוּן "דָאס אִיז נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ", קֶענְסְטוּ הָאבְּן דֶעם בֶּענְקְל, אָבֶער דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט דָארְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "וֶוען דוּ שְׁרַייבְּסְט חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אוּן דוּ קוּמְסְט אָן צוּ שְׁרַייבְּן פוּן 'אֱמוּנָה' אָדֶער 'צַדִיק' זָאלְסְטוּ אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם פֶּענֶע"; דָאס הֵייסְט, דוּ זָאלְסְט שְׁרַייבְּן אַסַאךְ אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא, ווייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נְדָרִים מא.): "דְדָא בֵּיהּ כּוּלָּא בֵּיהּ, דְלָא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ, דַעַת קָנִיתָ מַה חָסַרְתָּ דַעַת חָסַרְתָּ מַה קָנִיתָ", אוֹיבּ הָאט מֶען אֱמוּנָה הָאט מֶען שׁוֹין אַלֶעס, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט מֶען גָארְנִישְׁט.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה, וַוייל דָאס אִיז דֶער שְׁלִיסְל וִוי אַזוֹי מֶען קוּמְט אָן צוּ אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מד): "הָאֱמוּנָה תּוֹלָה בְּפֶה שֶׁל אָדָם", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי, הַיְנוּ עַל יְדֵי שֶׁמְּדַבְּרִין הָאֱמוּנָה בַּפֶּה, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ אֱמוּנָה, וְגַם עַל יְדֵי זֶה בָּאִים לֶאֱמוּנָה", אוּן וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט עֶר אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִים מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה אוּן עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקֵייט, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה"; אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קַיין אוּמַאן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין רֶעדְן נָאר פוּן אֱמוּנָה; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַלֵיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ יִתְבָּרַךְ כְּלָל, אִיז אִים אַלֶעס פֵיין אוּן אַלֶעס גוּט.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "מִמֶּנִּי עַד מָשִׁיחַ, כְּבָר לֹא יִהְיֶה חֲדָשׁוֹת", אוּן דָאס מֵיינְט

אַז עֶס וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין נָאכְן רֶבִּי'ן קַיין צַדִיקִים; חַס וְשָׁלוֹם נָאךְ צוּ זָאגְן אַזַא וָוארְט בְּשֵׁם רֶבִּי נָתָן, דָאס אִיז מַמָשׁ כְּפִירוּת, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח.): "אָמַר רֶבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא אָמַר רֶבִּי יוֹחָנָן: אֵין צַדִיק נִפְטָר מִן הָעוֹלָם עַד שֶׁנִבְרָא צַדִיק כְּמוֹתוֹ", נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "וְאָמַר רֶבִּי חִיָיא בַּר אַבָּא אָמַר רֶבִּי יוֹחָנָן: רָאָה הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁצַדִיקִים מוּעָטִין - עָמַד וְשָׁתְלָן בְּכָל דוֹר וָדוֹר". אִיז ווִי קֶען מֶען זָאגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין צַדִיקִים אִין יֶעדְן דוֹר? וֶוען חֲזַ"ל זָאגְן (חֲגִיגָה יב:) אַז דִי וֶועלְט שְׁטֵייט נָאר אוֹיף צַדִיקִים, אוּן נָאךְ זָאגְן זֵיי (סַנְהֶדְרִין צז:) אַז אִין יֶעדֶע דוֹר זֶענֶען דָא ל"ו צַדִיקִים וָואס זֶענֶען דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֶענֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

**אַנְשְׁטָאט** צוּ רֶעדְן אִין בְּרֶסְלֶב פוּן דִי עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּנֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, שְׁטֵייט מֶען אוּן מֶען רֶעדְט נָאר אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן פוּן מְפוּרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר; לֵיצֵי לֵיצָנוּת, אַ בּוּשָׁה אוּן אַ חַרְפָּה אַז מֶען מַאכְט אַוֶועק אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען בְּרוֹגֶז אוֹיף בְּרֶסְלֶב וְכוּ'.

**מִיר** הָאט גֶעצוֹיגְן צוּ בְּרֶסְלֶב פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד, אִיךְ פְלֶעג אֵייבִּיג מְקַנֵא זַיין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר אִידְן, אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז זֵיי זֶענֶען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיקִים אִין אוּנְזֶער דוֹר, אָבֶער עֶס פְלֶעגְט מִיר שְׁטֶערְן גֶעוִויסֶע זַאכְן וָואס דָאס הָאט מִיר מְרַחֵק גֶעוֶוען אַלֶע יָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב, בִּיז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה,

אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז אַלֶע זַאכְן וָואס הָאט מִיר גֶעשְׁטֶערְט
אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ.

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט אִיז גֶעוֶוען, אַז נָאךְ זַייעֶנְדִיג אַ בָּחוּר וֶוען הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן בְּרֶסְלֶב'עֶ אִידְן, פְלֶעג אִיךְ זֵייעֶר הַנָאָה הָאבְּן צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי פוּן תַּכְלִית אוּן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן זֵיי גוּטֶע הִתְחַזְקוּת פוּן רֶבִּי'ן, פְלֶעג אִיךְ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי זֶעלְבֶּע הִתְחַזְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן יֶעדֶעס מָאל פְלֶעגְט מֶען דָאס אַוֶועקְמַאכְן מִיט אַ בִּיטוּל, כְּאִילוּ עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דָאס פְלֶעגְט מִיר זֵייעֶר בַּאדֶערְן - פַארְוָואס זֵיי מַאכְן אַוֶועק אַלֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פוּן מַיינֶע עִיקָר מְנִיעוֹת נִישְׁט צוּ וֶוערְן מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן.

בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, אוּן גֶעהֶערְט ווִי מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט נָאךְ בַּיי יֶעדֶע שִׁיעוּר פוּן אַלֶע צַדִיקִים, הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעפְרֵייט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ פוּן אֱמֶת, אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז מְכַבֵּד עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ יֶעדֶע צַדִיק.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "אִיךְ פִיר אַ שֶׁענֶערֶע טִישׁ פוּן רֶבִּי'ן", אוּן וֶוען דֶעם רֶבִּינְ'ס טָאכְטֶער אָדְל הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן צִי עֶר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעזָאגְט, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יָא, מַיין טִישׁ אִיז

שֶׁעֱנֶער פוּן רֶבִּינְ'ס טִישׁ אָבֶער אַלֶעס אִיז בִּזְכוּת דֶעם רֶבִּי'ן"; דֶערְפַאר, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט כְּאִילוּ עֶס אִיז נֵייעֶ זַאכְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט: "מִמֶּנִּי עַד מָשִׁיחַ, כְּבָר לֹא יִהְיֶה חֲדָשׁוֹת", ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַז אַלֶעס וָואס מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְן, אִיז אַלֶעס פוּן רֶבִּי'ן, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## לה

### וֶוען אוּן וואוּ קֶען מֶען עֶסְן פְלֵייש?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן וָואס אִיךְ פָאר קַיין מָאנְסִי צוּ דֶעלִיוֶוערְן פַאר מַיין אַרְבֶּעט אוּן וֶוען אִיךְ וֶוער הוּנְגֶערִיג קוֹיף אִיךְ אַיין עֶפֶּעס עֶסְן אִין גְרָאסֶערִי. אָבֶער בְּעֶרֶךְ צֶען יָאר צוּרִיק וֶוען עֶס הָאט פַּאסִירְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע אַז אַ גְרָאסֶערִי אִין מָאנְסִי הָאט לֹא עָלֵינוּ פַארְקוֹיפְט טְרֵיפָה פְלֵייש אוּן אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין גֶעשֶׁעפְט יֶענֶע צַייט. הָאט עֶס מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן.

יֶענֶע וָואךְ הָאט מוֹהַרְאַ"שׁ זַצַ"ל גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף כַּשְׁרוּת וּבִפְרַט אוֹיף שְׁחִיטָה. זַייט יֶענֶע שִׁיעוּר בִּין אִיךְ מַקְפִּיד צוּ עֶסְן נָאר פוּן בֶּעלְז שְׁחִיטָה, אוּן אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעגֶעסֶען פְלֵיישִׁיג בַּיי קֵיינֶעם נִישְׁט, אֲפִילוּ בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס זָאל מִיר זָאגְן אַז וָואס אִיךְ טוּ אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטוּן לְשֵׁם שָׁמַיִם אָן שֵׂכֶל. יֶעצְט הֶער אִיךְ אוֹיס אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן אִיךְ קֶען מִיר נִישְׁט אַ עֵצָה גֶעבְּן צוּ וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן אַן הַדְרָכָה וָואס אִיז שָׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ. זָאל מֶען עֶסְן בַּיי יֶעדֶע מִשְׁפָּחָה? בַּיי יֶעדֶע שִׂמְחָה וָואס אִיךְ גֵיי? אָדֶער נָאר בַּיי עֶלְטֶערְן? אוֹיךְ ווִיל אִיךְ וִויסְן צִי דַארְף מֶען פְרֶעגְן פַאר מֶען עֶסְט פוּן וֶועלְכֶע שְׁחִיטָה עֶס קוּמְט?

אַסַאךְ מָאל, ווִי לְמָשָׁל יוֹם טוֹב, קֶען אָנְקוּמֶען אֲפִילוּ בַּיי עֶלְטֶערְן אַזֶעלְכֶע פְלֵייש וָואס נִישְׁט דִי מַאמֶע הָאט גֶעקָאכְט נָאר עֶס קֶען קוּמֶען פוּן אַ צוּגֶעקוּמֶענֶע מִשְׁפָּחָה וָואס אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד, נָאר קוֹיפְט דִי בִּילִיגְסְטֶע אִין גֶעשֶׁעפְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת כִּי תֵצֵא, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ גֶדֶר אַז דוּ עֶסְט נִישְׁט קַיין פְלֵייש סְתַּם פוּן גֶעשֶׁעפְט וְכוּ', דוּ עֶסְט נָאר פְלֵייש פוּן אַ עֶרְלִיכֶע קְהִלָּה; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְן וֶועלְכֶע הֶכְשֵׁר מֶען עֶסְט, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פְלֵייש, וָואס דָארְט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לז): "גַּם עִקַּר חֶסְרוֹן הַפַּרְנָסָה

שֶׁנִּתְמַעֵט בַּדּוֹרוֹת הַלָּלוּ, אֵין זֶה אֶלָּא עַל יְדֵי הַשּׁוֹחֲטִים שֶׁאֵינָם מְהֻגָּנִים", דָאס וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין פַּרְנָסָה אִין אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת, דָאס קוּמְט צוּלִיב נִישְׁט עֶרְלִיכֶע שׁוֹחֲטִים.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשֶׂה אִין מָאנְסִי, אַז אַ אִיד הָאט פַארְקוֹיפְט טְרֵיפָה'נֶע פְלֵייש מִיט אַ הֶכְשֵׁר רַחֲמָנָא לִצְלַן, בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס אִיךְ זָאל טוּן, וָואס פַאר אַ שְׁחִיטָה אִיךְ זָאל עֶסְן, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל קוֹיפְן פְלֵייש נָאר פוּן סַאטְמַאר, אוּן אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ.

אֵיינֶער פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"ש אִין שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב (מִכְתָּב שנא), וָואס פַאר אַ פְלֵייש עֶר זָאל קוֹיפְן דָא אִין אַמֶערִיקֶע, אוּן מוֹהֲרָא"ש עֶנְטְפֶערְט אִים: "פֹּה בְּאַרְצוֹת הַבְּרִית הַהֶכְשֵׁר הֲכִי טוֹב בְּבָשָׂר, זֶה מִקְהִלַּת סַאטְמַאר וְכוּ'", אוּן מוֹהֲרָא"ש עֶנְדִיגְט צוּ דֶעם בְּרִיוו: "וּתְהִלָּה לָאֵל כָּאן בְּאַרְצוֹת הַבְּרִית יֵשׁ הֶכְשֵׁרִים מְאֹד מְאֹד טוֹבִים, שֶׁל רַבָּנִים יִרְאֵי הַשֵּׁם".

דַיין מִנְהָג אַז דוּ עֶסְט נָאר פְלֵייש פוּן אַ עֶרְלִיכֶע קְהִלָּה אִיז זֵייעֶר גוּט, אָבֶער דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ עֶסְט נִישְׁט קַיין פְלֵייש בַּיי דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דָאס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ חֲתוּנָה מַאכְן דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן וֶוען זֵיי וֶועלְן קוּמֶען צוּ דִיר אוֹיף שַׁבָּת וְכַדּוֹמֶה, וֶועט דִיר בַּאדֶערְן אַז זֵיי וֶועלְן נִישְׁט וֶועלְן עֶסְן בַּיי דִיר וְכוּ'.

מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן אֵיינֶער וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן הִיטְן נִישְׁט קַיין תּוֹרָה וּמִצְווֹת, דָאס אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ (אוֹיךְ בַּיי

אַזאַ פַאל דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווי אַזוֹי מֶען זָאגְט עֶס פַאר דִי עֶלְטֶערְן, וְאֵין כַּאן הַמָּקוֹם לְהַאֲרִיךְ), אָבֶּער אַז דוּ הָאסְט עֶרְלִיכֶע עֶלְטֶערְן, דַארְפְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי צוּ מְכַבֵּד זַיין; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווי גְרוֹיס דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בְּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְאָבִיו וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אֹמֵר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילּוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", ווען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ רֶעכְן עֶס כְּאִילּוּ עֶר אִיז מִיךְ מְכַבֵּד".

**דֶערְפַאר** ווען דוּ קוּמְסְט צוּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ נִישְׁט זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט, נָאר דוּ זָאלְסְט זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי מִשְׁפָּחָה; דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִינּוּךְ פַאר דַיינֶע קִינְדֶער - ווען זֵיי זֶעעֶן ווי זֵייעֶר טַאטֶע הָאט זַיינֶע חוּמְרוֹת אוּן מִנְהָגִים, אָבֶּער ווען מֶען גֵייט צוּם זֵיידְן וֶוערְט אַלֶעס אַוֶועק גֶעלֵייגְט אוּן מֶען אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע. אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אַזוֹי פִירְן וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער דִיר אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְן נַחַת פוּן זֵיי.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# לו

## ווי אַזוֹי דַארְף מֶען מִתְפַּלֵל זַיין אִין אוּמַאן?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי חִיזוּק וָואס אִיךְ הָאבּ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס דְרָשׁוֹת. אִיךְ מוּז מוֹדֶה זַיין אַז זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פַארְבֶּעסֶערְט אִין אַסַאךְ זַאכְן.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל און אַזוֹי ווִי אִיךְ הֶער דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס דְרָשׁוֹת, ווֵייס אִיךְ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְשְׁטֵייט זֵייעֶר פֵיין וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי דִי בָּחוּרִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַסַאךְ בֶּעסֶער.

אִיךְ הָאף בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם צוּ קוּמֶען הַיי יָאר דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל קַיין אוּמַאן; אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מָאל גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער אַז ווֶען עֶר וֶועט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי ווֶעלְט וֶועט עֶר אִיר הֶערְן פוּנְקְט ווִי אִיךְ הֶער יֶעצְט פוּן אַ צְווֵייטְן צִימֶער. הָאבּ אִיךְ אַ קַשְׁיָא, צִי ווֶען מֶען גֵייט צוּם צִיוּן דַארְף מֶען רֶעדְן הוֹיךְ צוּם רֶבִּי'ן, אָדֶער שְׁטִיל אִיז אוֹיךְ גוּט? ווַייל ווֶען דִי טָאכְטֶער הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי צְווֵייטֶע צִימֶער הָאט זִי זִיכֶער גֶערֶעדְט הוֹיךְ.

אִיךְ דְרֵיי זִיךְ אַרוּם מִיט דֶעם סָפֵק שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט און אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייעְדט אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואלְט אַרָאפּ גֶענוּמֶען פוּן זַיין צַייט מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן.

אוֹיךְ וויל אִיךְ ווִיסְן וָואס נָאךְ אִיךְ דַארְף זִיךְ צוּ פִירְן ווֶען אִיךְ פָאר קַיין אוּמַאן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַסַאךְ הַצְלָחָה.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ קוּמְסְט דָאס יָאר קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן; וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הֶערְן דֶעם קוֹל פוּן רֶבִּי'ן אוּן מֶען אִיז מְקַיֵּים דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיז מֶען זוֹכֶה אַז מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען ווֵייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט חַנְפֶ'עט מֶען מֶער נִישְׁט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, נָאר וָואס מֶען דַארְף בֶּעט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן קנו) בְּרֶענְגְט רֶבִּי נָתָן: "כְּשֶׁהָיָה בְּאוּמַאן, שָׁמַע בְּבֵיתוֹ קוֹל שֶׁל הַצּוֹעֲקִים עַל הַבֵּית עָלְמִין, עַל קִבְרֵי אֲבוֹתָם, שֶׁדַּרְכָּם לִצְעֹק וּלְהִתְפַּלֵּל שָׁם בְּקוֹל מַר כַּנָּהוּג, וּפַעַם אַחַת שָׁמַע אִשָּׁה אַחַת שֶׁהָיְתָה צוֹעֶקֶת שָׁם עַל קֶבֶר אָבִיהָ, אָבִי, אָבִי, בְּקוֹל מַר מְאֹד, וּבִתּוֹ תְּחִיָּה הָיְתָה עוֹמֶדֶת אֶצְלוֹ אָז, עָנָה וְאָמַר לָהּ, הָאִשָּׁה הַזֹּאת צוֹעֶקֶת בְּכַוָּנָה הֵיטֵב אָבִי אָבִי, אֲבָל אָבִיהָ אֵינוֹ בְּכָאן כְּלָל", וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן הָאט עֶר גֶעהֶערְט ווִי מֶען שְׁרַייט אוֹיפְן

בֵּית הַחַיִּים בַּיי דִי קְבָרִים פוּן דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט ווי אַ פְרוֹי שְׁרַייט בַּיי דֶער קֵבֶר פוּן אִיר טַאטֶע'ן: "טַאטֶע! טַאטֶע! טַאטֶע!" מִיט אַ וֵויינֶעדִיגֶע קוֹל, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער: דוּ הֶערְסְט ווי דִי פְרוֹי וֵויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק? קֵיינֶער הֶערְט אִיר אָבֶער נִישְׁט אוֹיס, וַוייל אִיר טַאטֶע אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא, "וְאָמַר אָז: אֲבָל אֵצֶל הַצַּדִּיק אֵין צְרִיכִים לַחֲשׁשׁ עַל זֶה שֶׁמָּא אֵינוֹ שָׁם, כִּי מִיתַת הַצַּדִּיק הוּא רַק כְּמוֹ מִי שֶׁיּוֹצֵא מֵחֶדֶר לְחֶדֶר אַחֵר, וְהִמְשִׁיל אָז לְבִתּוֹ עַל עַצְמוֹ, כְּמוֹ שֶׁאֲנִי עַתָּה בְּחֶדֶר זֶה, וְאַחַר כָּךְ אֲנִי יוֹצֵא מֵחֶדֶר זֶה וְנִכְנָס לַחֶדֶר הַשֵּׁנִי, וְסוֹגֵר הַדֶּלֶת אַחֲרַי, אִם אַתָּה תָּבוֹא אֵצֶל הַדֶּלֶת, וְתִצְעַק אָבִי אָבִי וְכוּ', לֹא אֶשְׁמַע דְּבָרֶיךָ?!" אָבֶער וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ קֵבֶר פוּן אַ צַדִּיק אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר דֶער צַדִּיק אִיז יָא דָארְט אוּן הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ דָאס רֶעדְן אוּן גֶעוֵויין, וַוייל וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי ווִי אֵיינֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן אֵיין שְׁטוּב צוּם צְוֵוייטְן שְׁטוּב. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער: "פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי וֶוען אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין אַ צְוֵוייטֶע שְׁטוּב אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרַייעֶן 'טַאטֶע', וֶועל אִיךְ דִיר זִיכֶער הֶערְן, אַזוֹי וֶועט זַיין וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט; אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּ מַיין קֵבֶר אוּן דוּ וֶועסְט שְׁרַייעֶן 'טַאטֶע', וֶועל אִיךְ דִיר הֶערְן אוּן אִיךְ וֶועל דִיר הֶעלְפְן".

רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: "כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה נִשְׁמַע מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ כַּמָּה פְּעָמִים, שֶׁרָמַז לְכָל אֶחָד וְאֶחָד כַּמָּה

גְּדוֹלָה הַמַּעֲלָה שֶׁל מִי שֶׁיִּזְכֶּה לָבוֹא עַל קִבְרוֹ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא, כִּי בְּוַדַּאי יִשְׁמַע דְּבָרָיו, וְיַעֲזֹר וְיוֹשִׁיעַ לוֹ בְּכָל מַה דְּאֶפְשָׁר", אַז דֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אוּנְז און אוּנְז מְרַמֵּז גֶעוֶועזְן אַז וֶוען מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן וֶועט עֶר הֶערְן ווִי מִיר בֶּעטְן וְכוּ' און עֶר וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס; דֶער רֶבִּי הֶערְט אוֹיךְ אָן אַ קוֹל, דֶער עִיקָר עֶס זָאל זַיין מִיט אַן אֱמֶת.

**דֶערְפַאר**, וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיסְ'פוֹעֶלְ'ן פַאר דִיר אַ שִׁידוּךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פט) אַז דֶער צַדִּיק אִיז דֶער שַׁדְכָן; אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן פד) אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט ווִי עֶר פְרֶעגְט אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר זָאל טוּן פַאר פַּרְנָסָה, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דַיין פַּרְנָסָה אִיז, אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַ שַׁדְכָן"; דֶערְפַאר, וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן דַארְף מֶען זֶען אוֹיסְצוּנוּצְן דִי צַייט צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין בַּיים צִיּוּן פַאר זִיךְ, פַאר דִי מִשְׁפָּחָה און פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

**דֶער** אֵייבֶערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# לז

## זָאל אִיךְ פָּארְן אוֹיף אוּמַאן, אוֹיבּ מַיין טַאטֶע וֶועט הָאבְּן צַעַר פוּן דֶעם?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק סַיי אִין לִימוּד הַתּוֹרָה אוּן סַיי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין אַ יְשִׁיבָה גְדוֹלָה אִין אַמֶעריקֶע אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֵייסְן אַ מַתְמִיד אוּן אַ גוּטֶער בָּחוּר. אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג גֶעטְרַאכְט אַז עֶס אִיז צוּ שְׁוֶוער אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהָאפְּט אַז עֶס זָאל זִיךְ מַאכְן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט וֶוען אִיךְ וֶועל קֶענֶען אַלֶעס אוֹיפְגֶעבְּן. אָבֶּער זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ בְּלִיק אוֹיפְ'ן לֶעבְּן; אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שֶׁעצְן יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ. אִידִישְׁקֵייט אִיז גֶעוָוארְן גֶעשְׁמַאק בָּרוּךְ הַשֵׁם, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה; זַייט אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן בִּין אִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטִיגְן אוּן אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֵיין צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מַיין טַאטֶע וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: "דוּ קֶענְסְט טוּן וָואס דוּ ווִילְסְט, אָבֶּער אַז דוּ פְרֶעגְסְט מִיר זָאג אִיךְ דִיר אַז עֶס גֵייט מִיר וֵויי טוּן". מַיין טַאטֶע הָאט אַ שְׁוַואכֶע הַארְץ אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַ הַארְץ אַטַאקֶע לֹא עָלֵינוּ. אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען פָּארְן אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֲפִילוּ גֶעקוֹיפְט אַ טִיקֶעט.

ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל פָּארְן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט מְצַעֵר זַיין דֶעם טַאטְן אוּן צִי בַּיי מַיין פַאל זָאל אִיךְ פָּארְן אָדֶער נִישְׁט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ו' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מִצְוַת** כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוֹת אוּן אִיז פוּן דִי חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א), אָבֶּער דוּ דַארְפְסְט פַארְשְׁטֵיין אַז וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶעמָאלְט אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ - אִים מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בַּיים דַאוֶוענֶען: "מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בַמַּיִם וּמִי בָאֵשׁ וְכוּ'", אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט דוּרְכְאוֹיס דֶעם יָאר שְׁרַייבְּט מֶען אָן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי אוֹיךְ שְׁרַייבְּט מֶען אָן רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶעם בּוּדְזְשֶׁעט פוּנֶעם גַאנְצְן יָאר, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בֵּיצָה טז.).

**וָוען** עֶס וַוארְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוערְן מִשְׁפָּט נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס עֶס אִיז נָאר דָא צוּ בַּאקוּמֶען, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶס וַוארְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף, נֶעמְט מֶען דֶעם גְרֶעסְטְן לוֹיעֶר וָואס אִיז נָאר דָא אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אֲפִילוּ עֶס זָאל קָאסְטְן אַסַאךְ גֶעלְט וֶועט מֶען אַלֶעס טוּן צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם לוֹיעֶר וָואס קֶען אֶפְשָׁר רַאטֶעוֶוען דֶעם מֶענְטְשׁ; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם הַדִּין, דֶער צַייט וָואס "כָּל בָּאֵי עוֹלָם יַעַבְרוּן לְפָנֶיךָ כִּבְנֵי מָרוֹן, כְּבַקָּרַת רוֹעֶה עֶדְרוֹ, מַעֲבִיר צֹאנוֹ תַּחַת שִׁבְטוֹ, כֵּן תַּעֲבִיר וְתִסְפֹּר וְתִמְנֶה וְתִפְקֹד נֶפֶשׁ כָּל חָי, וְתַחְתֹּךְ קִצְבָה לְכָל בְּרִיּוֹתֶיךָ. וְתִכְתֹּב

אֶת גְּזַר דִּינָם" - דַארְף דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶער לוֹיעֶר, אֵיינֶער וָואס וֶועט אִים הֶעלְפְן נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת.

דֶער רֶבִּי - עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער לוֹיעֶר וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תח): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה, שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ ראשׁ הַשָּׁנָה; לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי".

דֶערְפַאר פָארְן מִיר צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַז דֶער רֶבִּי זָאל זַיין אוּנְזֶער לוֹיעֶר אוּן מֵלִיץ זְכוּת זַיין פַאר אוּנְז, אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ יָאר מִיט יְשׁוּעוֹת, אַ יָאר מִיט רְפוּאוֹת אוּן אַ יָאר מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט דוּ זָאלְסְט פָארְן וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס אוּמַאן אִיז; זֵיי מֵיינֶען אַז אוּמַאן אִיז אַ פְּלַאץ פוּן הוֹלֵלוּת, אַ פְּלַאץ פוּן לַייכְטְזִינִיגֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ' וְכוּ'. וַוייל לֵיידֶער אִיז אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶער נָאמֶען אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, כְּאִילוּ בַּיים רֶבִּי'ן אִיז אַ מָקוֹם פוּן קַלֵּי הַדַּעַת. דֶערְפַאר זֶענֶען עֶלְטֶערְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען זֵיי הֶערְן אַז זֵייעֶר קִינְד ווִיל פָארְן קַיין אוּמַאן, וַוייל קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט אַז זַיין קִינְד זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אִין אַ פְּלַאץ פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען הֶפְקֵר וְכוּ', אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דוּ וָואלְסְט אוֹיךְ מוֹרָא

גֶעהַאט וֶוען דוּ וֶוערְסְט גֶעוואוּיר אַז דַיין זוּן דְרֵייט זִיךְ אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף זֵיי לָשׁוֹן הָרַע.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז׳ - מִזְבּוּב וְעַכְבִּישׁ) אַז פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט הָאט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם גֶעשְׁרִיגְן: "אוֹיב דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט פַארְוָואס הָאסְטוּ מִיר בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, דוּ גֵיי אוּן זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן אַלְטִיטְשְׁקְן, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה; דָאס אִיז דִי עֵצָה פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם - עֶר לַאכְט אָפּ פוּן רֶבִּי'ן.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת פוּן זַיין טַאטֶע, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז זַיין טַאטֶע הָאט צוּגֶערֶעדְט רֶבִּי נָתָן'ס וַוייבּ אַז זִי זָאל זִיךְ גֶט'ן פוּן זַיין זוּן - רֶבִּי נָתָן; מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט אַז אַ טַאטֶע זָאל אַהֵיים נֶעמֶען זַיין טָאכְטֶער וְכוּ', אָבֶּער אַז אַ טַאטֶע זָאל צוּ רֶעדְן זַיין שְׁנוּר זִי זָאל אָפְּלָאזְן זַיין אֵייגֶענֶעם זוּן - דָאס אִיז אַן אוּמְדֶערְהֶערְטֶע זַאךְ. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, אוּן רֶבִּי נָתָנ'ס טַאטֶע פְלֶעגְט רוּפְן זַיין זוּן מִיט אַ ר' - "רֶבִּי נָתָן". רֶבִּי נָתָן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּאקְוֶועם אַז זַיין טַאטֶע רוּפְט אִים ר', פְלֶעגְט עֶר פְרֶעגְן זַיין טַאטֶע: "טַאטֶע, פַארְוָואס רוּפְסְטוּ מִיר רֶבִּי נָתָן?" הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן, דוּ בִּיסְט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער זוּן וָואס אִיז מִיר מְכַבֵּד".

זָעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ הָאט מֶען מְנִיעוֹת פוּן דִי עֶלְטֶערְן; זֵיי שְׁרַייעֶן אַז זֵיי וֶוערְן קְרַאנְק פוּן דִיר וַוייל דוּ בִּיסְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זֵיי מְכַבֵּד זַיין, דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן לְטוֹבָה.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זֶען צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; זָאג פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן אַז דוּ פָּארְסְט מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה אוּן זָאג זֵיי אַז דוּ וֶועסְט אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זֵייעֶר גֶעזוּנְט וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## לח

### פַארְוָואס הָאט אִיר מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אֵייעֶרֶע דְרָשׁוֹת מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה, דָאס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

אוֹיבּ אִיךְ מֶעג מְעוֹרֵר זַיין, ווִיל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז אִיר וָואלְט גֶעדַארְפְט שֶׁענֶער אוֹיפְנֶעמֶען פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּ אַייךְ. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען

דִי וָואךְ בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל אִין קֶעמְפּ אוּן אִיר זֶענְט בִּכְלַל נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר גֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** ווייס נִישְׁט וֶוער דוּ בִּיסְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר אִיבֶּער אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם.

**גֶעוֶוענְלִיךְ** פְּרוּבִּיר אִיךְ יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ גֶעבְּן שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, טו): "הֱוֵי מַקְדִּים בִּשְׁלוֹם כָּל אָדָם", מֶען זָאל יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאגְרִיסְן, נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אוֹיף רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי (בְּרָכוֹת יז.): "אָמְרוּ עָלָיו עַל רַבָּן יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי שֶׁלֹּא הִקְדִּימוֹ אָדָם שָׁלוֹם מֵעוֹלָם, וַאֲפִלּוּ נָכְרִי בְּשׁוּק", עֶר הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאגְרִיסְט אוֹיפְן גַאס, אֲפִילוּ אַ גוֹי.

**אָבֶּער** ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען דַארְף דַן זַיין יֶעדְן מֶענְטְשׁ לְכַף זְכוּת; אַסַאךְ מָאל קֶען פַּאסִירְן אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוֹיפְן גַאס אוּן אֵיינֶער קוּמְט אִים אַנְטְקֶעגְן אוּן גְרִיסְט אִים אָבֶּער דֶער אַנְדֶערֶער גְרִיסְט אִים נִישְׁט צוּרִיק אוּן יֶענֶער

טְרַאכְט שׁוֹין גְלַייךְ שְׁלֶעכְטְס: 'אַ חוּצְפָּה, אִיךְ גְרִיס אִים אוּן עֶר גְרִיסְט מִיר נִישְׁט צוּרִיק?!' אָבֶּער בֶּאֱמֶת וֶוען מֶען פְּרֶעגְט יֶענֶעם: "פַארְוָואס הָאסְטוּ אִים נִישְׁט צוּרִיק גֶעגְרִיסְט?" וֶועט עֶר עֶנְטְפֶערְן: "אִיךְ הָאבּ אִים בִּכְלַל נִישְׁט גֶעזֶען, וַוייל מַיין קָאפּ אִיז נִישְׁט דָא פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר". פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען אוֹיסְזֶען ווִי אַ מֶענְטְשׁ שְׁמֵייכְלְט וְכוּ', אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז עֶר בִּכְלַל נִישְׁט רוּאִיג וְכוּ'.

**דָאס** זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר; אִיךְ הַאלְט יֶעצְט בֶּעפָארְן אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ יָאר - שְׁנַת תשע"ח הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה. אִיךְ דַארְף מְסַדֵר זַיין דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה, מֵיידְל סְקוּל, יְשִׁיבָה; אִיךְ דַארְף אָנְגְרֵייטְן מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס, בָּאס דְרֵייוֶוערְס, וֶוער עֶס זָאל קָאכְן פַאר דִי קִינְדֶער, יֶעדֶעס קִינְד ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אִים אַרוֹיף בְּרֶענְגֶען עֶר זָאל מֶער שְׁטֵייגְן וְכוּ'. אוֹיךְ דַארְף אִיךְ עֶנְדִיגְן מִיט דִי קֶעמְפּ אוּן מֶען דַארְף בַּאצָאלְן אַלֶע חוֹבוֹת.

**נִישְׁט** אַלֶע עֶלְטֶערְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד; עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס מֵיינֶען אַז שְׂכַר לִימוּד אִיז אַ נְדָבָה זַאךְ, מֶען לֵייגְט עֶס דִי לֶעצְטֶע זַאךְ אוֹיפְן לִיסְט אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר מְזַלְזֵל אִין צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, מֶען מֵיינְט אַז דִי חֵדֶר וֶועט זִיךְ שׁוֹין אַן עֵצָה גֶעבְּן.

**נָאכְדֶעם** דַארְף אִיךְ אַרוּם גֵיין אָן אַ קָאפּ וואוּ אִיךְ קֶען שַׁאפְן גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע. אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אִיךְ צוּשְׁטֶעלְן אַ פְּלַאץ אִין אוּמַאן פַאר אַלֶע בָּחוּרִים אוּן אַבְרֵכִים יוֹצְאֵי יְשִׁיבָתֵינוּ אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְכוּ'

וְכוּ', וְיוֹתֵר מִמַּה שֶׁכָּתַבְתִּי כָּתוּב כָּאן; אִיז קֶען זַיין אַמָאל אַז אִיךְ לֵייג נִישְׁט צוּ קָאפּ צוּ בַּאמֶערְקְן אַז אַ אִיד אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אוּן וַוארְט אוֹיף מִיר.

**אַגַב,** דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר דִּבְרֵי תּוֹרָה (חֵלֶק ו', סִימָן מז) אוֹיף דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.) אַז רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי פְלֶעגְט בַּאגְרִיסְן יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ אַ גוֹי; זָאגְט עֶר, אַז הַיינְט אִיז עֶס נִישְׁט שַׁיָיךְ, וַוייל אוֹיב מִיר וֶועלְן זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן שְׁמוּעֶסְן מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ נָאר אִים צוּ בַּאגְרִיסְן, וֶועלְן מִיר נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין שׁוּל, עַיֵּין שָׁם.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט זִיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן זַיינֶע עִנְיָנִים, טְרַאכְט עֶר נִישְׁט: 'אֶפְשָׁר זֶענֶען שׁוֹין הַיינְט גֶעקוּמֶען צֶענְדְלִיגֶער מֶענְטְשְׁן בֶּעפָאר מִיר, אֶפְשָׁר הָאט דֶער אִיד נָאךְ נִישְׁט גֶעגֶעסְן, אֶפְשָׁר הָאט דֶער אִיד נָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט צַייט צוּ רֶעדְן אֵיין וָוארְט מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער?' וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אוּן עֶר מֵיינְט אַז חוּץ פוּן זַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז גָארְנִישְׁט דָא. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט מִיר דַן זַיין לְכַף זְכוּת.

**דֶער** עִיקָר בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת; וֶוען דוּ הָאסְט אַפָּאר אִיבֶּעריגֶע מִינוּט כַּאפּ אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן רֵיין וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים אִין וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אַרָאפּ אַ מֶענְטְשׁ.

דֶער אייבֶּערשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

# לט

## לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּרֶענְגְט אַלֶעס גוּטְס.

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַּארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַּארְ'ן רַאטֶעוֶוען מַיין לֶעבְּן. ווִי וָואלְט אִיךְ וֶוען גֶעוֶוען ווִי וָואלְט אִיךְ וֶוען אוֹיסְגֶעזֶען אָן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לֶערְנְט מִיר אוֹיס אַז אִיךְ קֶען זַיין אַ עֶרְלִיכֶע אִיד!!

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט דִי הַאטְלַיין, מִיט דִי חִיזוּק יוֹמִי, און מִיט דִי לַאנְגֶע שִׁיעוּרִים, און מִיט דִי נִיגוּנִים וָואס עֶפֶנְט אוֹיף מַיין הַארְץ יֶעדֶע מָאל וָואס אִיךְ הֶער עֶס אוֹיס!! (וָואס דָאס אִיז אַפָּאר מָאל אַ טָאג...)

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין זְכוּת פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן דִי תּוֹרָה און בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ מַאךְ אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן אַ סִיוּם הַשַּׁ"ס!! וָואס וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דֶערְפוּן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז מֶען מֵיינְט אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ בִּין נָאר גֶעמַאכְט פַּאר מִשְׁנָיוֹת... אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם מוֹהֲרַ"ש הָאט מִיר דֶערמָאלְט גֶעזָאגְט: "נֶעם דִי מַסֶכְתָּא וָואס דוּ לֶערְנְסְט אִין יְשִׁיבָה און זָאג בְּלַאט נָאךְ בְּלַאט" און אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט בָּבָא קַמָּא 101 מָאל!! און שְׁפֶּעטֶער הָאט מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן שַׁ"ס הָאבּ אִיךְ גֶעפָאלְגְט! עֶס הָאט טַאקֶע גֶענוּמֶען לֶענְגֶער ווִי אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אָבֶּער יִיַשֵׁר כֹּחַ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ הַאלְט שׁוֹין דָא!!

אִיךְ דַאנְק דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ בִּין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וָואס גְרֶעסֶער אוּן פָּשׁוּטֶער פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט דָא אִין עֶרְגֶעץ!!! אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ זְכוּת אִינֶעם בּוֹיעֶן דִי נֵייעֶ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִין אוּמַאן, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן גֶעלְט וַואלְגֶערְט זִיךְ נִישְׁט דָא אָבֶּער אִיךְ וֶועל זִיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן שִׁיקְן וִויפִיל אִיךְ קֶען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר יֶעדֶע חִיזוּק יוֹמִי אוּן פַאר יֶעדֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גִיבְּט!

נ. ב. אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵויים אַז מַיינֶע קְרוֹבִים הַאלְטְן מִיט יֶעדֶע נֵייעֶס פוּן דִי יְשִׁיבָה בֶּעט אִיךְ נִישְׁט צוּ לֵייגְן מַיין נָאמֶען בָּרַבִּים.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו

**וואויל אִיז דִיר אוּן וואויל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס תַּלְמוּד בַּבְלִי אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

**רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו** (עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב קעד)**:** "גַּם פֹּה נִמְצָא מִתְנַגֵּד אֶחָד", עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ דָא אַ מִתְנַגֵּד, "שֶׁבְּנוֹ הִתְחִיל קְצָת לְהִתְקָרֵב לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, וְלָמַד הַרְבֵּה גְּמָרָא וּפוֹסְקִים", וָואס זַיין זוּן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג, "וְעַתָּה מַבְרִיחִים אוֹתוֹ אַנְשֵׁי בְּלִיַּעַל, הַמְכַנִּים עַצְמָם בְּשֵׁם

חֲסִידִים, וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ מִלִּלְמֹד גְּמָרָא וּפוֹסְקִים, וְאוֹמְרִים שֶׁטּוֹב יוֹתֵר לְדַבֵּר עִמָּהֶם", אוּן דִי מִתְנַגְּדִים רֶעדְן אִים אָפּ פוּן לֶערְנֶען גְּמָרָא וּפוֹסְקִים, זֵיי זָאגְן אִים אַז עֶר זָאל עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי וִוי צוּ לֶערְנֶען, "וְאָבִיו צָעַק עַל בְּנוֹ הַנַּ"ל, אֲנִי נוֹתֵן לְךָ לֶאֱכֹל עַל מְנָת שֶׁלֹּא תִּלְמַד רַק דַּף גְּמָרָא אֶחָד בְּכָל יוֹם, לֹא יוֹתֵר! כִּי מִי שֶׁלּוֹמֵד כָּל הַיּוֹם הוּא בְּרֶסְלֶב'עֶר וְכוּ'", זַיין טַאטֶע שְׁרַייט אוֹיף אִים אַז עֶר זָאל אוֹיף הֶערְן צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ, וַוייל וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אוּן דֶער טַאטֶע זָאגְט אִים אַז עֶר גֵייט אִים אוֹיפְהֶערְן גֶעבְּן עֶסְן אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר מֶער וִוי אֵיין דַּף גְּמָרָא אַ טָאג; זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַ מוֹרָא'דִיגֶער לָשׁוֹן: "הַכְּלָל, שֶׁאֵין הַמִּתְנַגְּדִים עוֹמְדִים לִמְנֹעַ מִלִּלְמֹד סִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, רַק פְּנִימִיּוּת כַּוָּנַת הָרַע שֶׁבִּלְבָּם הוּא לְבַטֵּל מִיִּשְׂרָאֵל כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, כִּי יָדוּעַ לָכֶם מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בִּפְרָט בַּדּוֹר הַזֶּה, וְאֵין שׁוּם הַצָּלָה כִּי אִם עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, וְאֵין מִי שֶׁיַּבְנִים לִמּוּד הַתּוֹרָה וְקִיּוּם הַתּוֹרָה בָּעוֹלָם כְּמוֹ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עַל יְדֵי אֲמִתַּת דְּרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁגִּלָּה עַל יָדֵינוּ, וּבִסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דִי מִתְנַגְּדִים ווִילְן נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, נָאר זֵיי ווִילְן אוֹיסְרַייסְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, וַוייל עֶס אִיז דָאךְ בַּאווּאוּסְט פַאר אַייךְ דִי מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים פוּנֶעם דוֹר וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם וֶועג זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל אַרַיין בְּרֶענְגֶען לִימּוּד הַתּוֹרָה אִין דִי וֶועלְט, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אִיז זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה, שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמוֹד כָּךְ וְכָךְ, בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבֹר, וְכַיּוֹצֵא", דֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶר גֶעוָואלְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְדוּשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כַּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חוֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעבְּטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי עֶס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט:

"דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג)"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶערְנֶען, וַוייל תּוֹרָה אִיז דֶער עֵצָה אַז מֶען זָאל וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָפְּלָאזְן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין זִיווּג בְּקָרוֹב אוּן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן שַׁ"ס אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ אַ צֶלֶם אֱלֹקִים; דָאס מֵיינְט אִין אַלֶע בְּחִינוֹת - סֵיי בִּפְשְׁטוּת, מֶען בַּאקוּמְט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, אַ צֶלֶם אֱלֹקִים. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן דִי בַּאשֶׁערְטֶע זִיווּג אַזוֹי וִוי דֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט אַז וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה בַּאקוּמְט מֶען אַ צֶלֶם אֱלֹקִים.

**אַ** גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ אַז דוּ ווילְסְט זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין מִיטְ'ן אַרוֹיסְהֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם בִּנְיָן וָואס מִיר בּוֹיעֶן יֶעצְט אִין אוּמַאן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

# מ

## אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, וואוּ הֵייבּ אִיךְ אָן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר בִּיז יֶעצְט צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיר הָאט מַמָּשׁ גֶעטוּישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אִיךְ רֶעד בָּרוּךְ ה' צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ בֶּעט אִים יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס אִיךְ דַארְף אוּן אִיךְ מַאךְ זִיבֶּער צוּ זָאגְן מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אַז אִיךְ הָאבּ כִּמְעַט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט קֵיין בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וואוּ אָנְצוּהֵייבְּן, קֶענְט אִיר מִיר מַדְרִיךְ זַיין אוּן זָאגְן וָואס אוּן וִוי אַזוֹי אָנְצוּהוֹיבְּן לֶערְנֶען בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ח' אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ הָאבּ זַייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנד): "עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם", אוֹיף צְוֵויי גְרוּפֶּעס מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת, "עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים

שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים", אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעקֶענְט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּ מִיר אוּן זֵיי זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב גֶעוָוארְן, "וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי", אוּן אוֹיף דִי וָואס זֶענֶען מְקוֹרָב צוּ מִיר אוּן פָאלְגְן מִיר נִישְׁט; "כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", וַוייל עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לִיגְן מִיט דִי פִּיס צוּם טִיר, דָאס מֵיינְט וֶוען מֶען וֶועט שְׁטַארְבְּן - וָואס דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט דִי פִּיס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּם טִיר - אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְקוּקְן וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס אוּן עֶר וֶועט זַייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן, טְרַאכְטְנְדִיג: 'פַארְוָואס הָאב אִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן? וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט', אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט.

**וזאוֹיל** אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ פָאלְגְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת אוּן דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן מֶען טוּט דִי צְווֵיי עֵצוֹת, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים.

**אִיךְ** גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ מוֹהַרְא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה און מוֹהַרְא"ש הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיךְ וִויל, הָאבּ אִיךְ אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְצוּרֶעדְן מַיין הַארְץ, אַז אִיךְ וִויל זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד און עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט וְכוּ', זָאגְט מִיר מוֹהַרְא"ש: "זָאג מִשְׁנַיוֹת!" הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז מוֹהַרְא"ש הֶערְט נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג און אִיךְ דַארְף זִיךְ מֶער אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן בִּפְּרָטֵי פְּרָטִיּוֹת. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעפִילְט מִיט וֵוייטָאג און אִיךְ הָאבּ שִׁיעוּר אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין, הָאבּ אִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט: "מוֹהַרְא"שׁ, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד" און אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף מִיר וְכוּ' וְכוּ', זָאגְט מִיר מוֹהַרְא"ש - שׁוֹין מִיט אַ שְׁטְרֶענְגֶע טָאן - "דוּ הֶערְסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג דִיר? זָאג מִשְׁנַיוֹת! נָאר מִשְׁנַיוֹת, אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ און נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**דֶערְפַאר** פְּרֵיי אִיךְ מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַרָאפּ דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר (פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, פה:) וָואס אִיז מְגַלֶה וָואס עֶס וֶוערְט אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּן

דִי תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר זָאגְט דָאס מִיט טָעוּתִים (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עד).

**מוֹהֲרַא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הָרַב הַחָסִיד ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן צוּ זָאגְן פַאר זֵיי זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פּוּסְטֶע יוּנְגֶען, לֵיידִיגֶע מֶענְטְשְׁן. אוּן וֶוען זֵיי זֶענֶען מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, זַיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן סִימָנִים שׁוּלְחָן עָרוּךְ, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים.

**אֵיינְמָאל** הָאט אַ בָּחוּר גֶעפְרֶעגְט ר' לֵוִי יִצְחָק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס עֶר זָאל עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶענְטְשְׁן זָאגְן אִים: "עֶס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט" (נָאר גֶעדַאוְונְט), הָאט אִים ר' לֵוִי יִצְחָק גֶעזָאגְט: דוּ זָאג: "אִיךְ וֵויים גָארְנִישְׁט, דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר רֶבִּי הָאט מִיר אַזוֹי גֶעהֵייסְן טוּן".

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וֶועגְן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דוּ וֵוייסְט נִישְׁט ווִי אָנְצוּהֵייבְּן אוּן דוּ בֶּעטְסְ'ט מִיר אִיךְ זָאל דִיר אָנְוַוייזְן ווִי אוּן וָואס.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַן אוֹצָר פוּן פִינְף סְפָרִים: לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת אוּן סֵפֶר הַמִידוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט

(חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לִבָּבוֹ, וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: 'סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען'". אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסֶל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ אֶפְשֶׁר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ, אָבֶער דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן צִי דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא אָדֶער נִישְׁט, דוּ זָאלְסְט נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן בַּיים סוֹף, נָאךְ אַפָּאר מָאל, וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אַ אִינְגֶערְמַאן: "אִינְגֶערְמַאן, לֶערְן אַסַאךְ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, וַוייל צוּ אַ גוּף וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וֶועלְן דִי וֶוערִים אִין קֶבֶר נִישְׁט צוּקוּמֶען". נָאךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט פַאר זַיין הִסְתַּלְּקוּת: "אֲפִילוּ דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵרָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן אִין רֶבִּי'ן וֶועט עֶר הָאבְּן אַ תִּיקוּן"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַ כֹּחַ צוּ הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם.

אוֹיךְ מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶענְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, נִישְׁט סְתָם אַן עֶרְלִיכֶע אִיד נָאר

אַן עֶרְלִיכֶע איד אַזוֹי ווי איךְ מַיין אַן עֶרְלִיכֶע איד". אַזוֹי אויךְ הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "איךְ הָאבּ מֶער אַרוֹיס גֶעהַאט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן זַיינֶע שִׂיחוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן"; דִי שִׂיחוֹת וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**עֶס** אִיז כְּדַאי אַז דוּ זָאלְסְט קוֹדֶם לֶערְנֶען חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', דָארְט וֶועסְטוּ זֶען הֶערְלִיכֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט עֶס מְסַיֵּם זַיין זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען חֵלֶק א', וָואס דָארְט שְׁטֵייט גֶעשְׁרִיבְּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן אַלֶעס אַרוּם יֶעדֶע תּוֹרָה וְכוּ'.

**אוֹיךְ** מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט זַיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן כה) אַז דִי מַעֲשִׂיּוֹת וֶועקְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ פוּן שְׁלָאף; אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס שְׁלָאפְט שׁוֹין, זַיין נְשָׁמָה אִיז שׁוֹין פַארְשְׁלָאפְן בִּבְחִינַת 'אֲנִי יְשֵׁנָה', אָבֶּער דוּרְךְ דִי מַעֲשִׂיּוֹת וֶוערְט 'וְלִבִּי עֵר'.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען סֵפֶר הַמִּדּוֹת; אֵיינְמָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען דִי כְּתָב יַד פוּנֶעם סֵפֶר הַמִּדּוֹת אִין דִי הֶענְט פוּן זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי (וָואס עֶר אִיז אֵיינֶע פוּן דִי צְוֵויי עֵדִים וֶועם דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְ'ן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי) הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רֶבִּי נַפְתָּלִי זָאגְנְדִיג אוֹיפְן סֵפֶר: "מַיין לִיבֶּער הַארְצִיגֶער חַבֵר, מַיין לִיבֶּער גֶעטְרַייעֶר חַבֵר, אָט דֶער סֵפֶר הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ אִיד" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שעט; פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תרמט).

וויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק, גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; קוּמְט אוֹיס, אַז וֶוען אֵיינֶער לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַאן אִיז עֶר אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁייִכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## מא

**וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר צוּ פָאַרְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וואוּ עֶס אִיז דֶער מְקוֹר פוּנֶעם רֶבִּי'ן אַז מֶען דַארְף קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וואוּ שְׁרַייבְּט דָאס דֶער רֶבִּי, וֶוען אוּן צוּ וֶועם הָאט עֶר דָאס גֶעזָאגְט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְרֶעגְסְט וואוּ עֶס אִיז דֶער מְקוֹר אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל קוּמֶען קַיין אוּמַאן; אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אִיז דָא אַ גַאנְצֶע קַאפִּיטְל: "גֹּדֶל יְקָרַת רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלּוֹ" - צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן רֶבִּי'ן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיבֶּער דֶעם אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. קוּק אַרַיין דָארְט וֶועסְטוּ זֶען דִי לְשׁוֹנוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אִיבֶּער קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לְשׁוֹנוֹת וָואס קַיין שׁוּם צַדִּיק הָאט נִישְׁט גֶעזָאגְט.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעם, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֶעְדַּר", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן. "כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

"וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ",

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, 'אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם'", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זִיךְ זַייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

וֶוען עֶס וַוארְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ שְׁוֶוער'ן מִשְׁפָּט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ אַרוּם לוֹיפְן צוּ דִי גְרֶעסְטֶע לוֹיֶערְס זֵיי בֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן עֶפֶּעס טוּן פַאר אִים, זֵיי זָאלְן פְּרוּבִּירְן אִים מַצְדִיק צוּ זַיין. דֶער מֶענְטְשׁ קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן גָארְנִישְׁט קֶען אִים נִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן פָארְן צוּם גְרֶעסְטְן לוֹיֶער; וֶוען מֶען הַאלְט אִין אַזַא מַצָּב קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף קַיין גֶעלְט, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין חֲבֵרִים, אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף מִשְׁפָּחָה, מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ. מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ פַארְלִירְן, עֶס וַוארְט דָאךְ אוֹיף מִיר אַזַא שְׁוֶוערֶער מִשְׁפָּט וְכוּ' וְכוּ'', וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז עֶס וַוארְט אַ מִשְׁפָּט פוּן טוֹיט שְׁטְרָאף רַחְמָנָא לִצְלָן, דֶעמָאלְט וֶועט אַ מֶענְטְשׁ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט.

יֶעצְט פְרֶעג אִיךְ דִיר, עֶס וַוארְט אוֹיף אוּנְז אַלֶע אַ גְרוֹיסֶער מִשְׁפָּט. רֹאשׁ הַשָּׁנָה גֵייט מֶען אוּנְז אַלֶע מִשְׁפְּטְ'ן: "מִי יִחְיֶה, וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ, וּמִי בַמַּיִם וְכוּ'"; אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס וָואס מֶען הֶערְט דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יָאר הַשֵּׁם

יִשְׁמְרֵנוּ ווערט אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדְן טָאג וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן; יוּנְגֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן נֶעבֶּעךְ אָן עֶלְטֶערְן ה' יְרַחֵם, אַלֶע שְׁפִּיטֶעלֶער זֶענֶען לֹא עָלֵינוּ אָנְגֶעפִילְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; יֶעצְט לָאמִיר דִיר פְרֶעגְן: "עֶס אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען אוּנְז אַלֶע מְתַקֵן זַיין, לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ אַוֶועקְלֵייגְן אַלֶעס אִין דֶער זַייט אוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה?!"

קוּק וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז): "אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וֶועם דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן.

**דֶערְפַאר** קוּמֶען צוּ פָארְן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ווַייל אַלֶע ווִילְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אַלֶע ווִילְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל זֵיי מְתַקֵן זַיין.

**וֶוער** עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן;

פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אִיז דֶער צִיוּן בַּאלַאגֶערְט מִיט טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס וֵויינֶען אוּן שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שה): "אַנְדֶערֶע צַדִיקִים וָואלְטְן זִיךְ גֶעווּאוּנְטְשְׁן צוּ הָאבְּן אַזַא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וִוי בַּיי מִיר אִיז עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה"; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער ס"מ טוּט זַיינְס, עֶר גֵייט אַרוּם אוּן מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן אוּמַאן, פוּן תִיקוּן הַכְּלָלִי וְכוּ' וְכוּ', דָאס אִיז אַלֶעס וַוייל עֶס דַארְף בְּלַייבְּן אַ בְּחִירָה אוּן אַ נִסָיוֹן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ. אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל מַאכְט זִיךְ אַ פָּשׁוּט'עֶר חֶשְׁבּוֹן: 'עֶס קוּמְט יֶעצְט אַ לַאנְגֶע יָאר, אִיךְ דַארְף יְשׁוּעוֹת, אִיךְ דַארְף רְפוּאוֹת, אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה, נַחַת; דָא אִיז דָא אַ רֶבִּי וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ אִים וֶועט עֶר הֶעלְפְן, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטֵייעֶן מַיינֶע כְּלוֹמֶר'ישֶׁע חֲבֵרִים אוּן מִשְׁפָּחָה וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דֶעם, דַארְף אִיךְ קוּקְן וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר'; עֶר פַּאקְט זִיךְ אַיין אַ רֶענְצְל מִיט זַיינֶע וֶועשׁ אוּן אַנְטְלוֹיפְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# מב

## אין װעלכֶע סקול זָאל איך שיקן מיין טָאכטֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ ה' מַיין טָאכְטֶער (יֶעצְט 5 יָאר אַלְט) הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן סְקוּל אִין דִי קְהִילָה סְקוּל, זִי אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַבִּיסְל פַּארְמַאכְט אוּן וַויבַּאלְד אֵיינֶער פוּן מַיינֶע בַּאקַאנְטֶע הָאט גֶעהַאט גֶעשִׁיקְט אִין אַ קְלֵיינֶע סְקוּל אוּן מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען גִיבְּט זִיךְ דָארְט מֶער אָפּ מִיט דִי קִינְדֶער, הָאבְּן מִיר נָאךְ עֶטְלִיכֶע חֲדָשִׁים אִיר אַרִיבֶּערְגֶעלֵייגְט אִין דִי קְלֵיינֶע סְקוּל, זִי הָאט בָּרוּךְ ה' מַצְלִיחַ גֶעוֶוען דָארְט אוּן זִי הָאט זִיךְ הִיבְּשׁ גֶעעֶפֶנְט.

נָאכְן זַיין אִין דִי קְלֵיינֶע סְקוּל בְּעֵרֶךְ אַ יָאר, הָאבְּן מִיר אִיר צוּרִיק גֶעלֵייגְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סְקוּל, צוּלִיב עֶטְלִיכֶע סִיבּוֹת: 1) מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג פַּארְשְׁטֵיין מִיט דִי מִשְׁפָּחָה וָואס פִירְט יֶענֶע סְקוּל, 2) מִיר הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז אֶפְשַׁר אִיז אַ תּוֹעֶלֶת זִי זָאל גֵיין אִין אַ סְקוּל מִיט אַסַאךְ קִינְדֶער זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען מֶער אַנְטְווִיקְלֶען סאוֹשֶׁעלִי, 3) אוֹיךְ זֶענֶען מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אַז מִיר הָאבְּן אִיר נִישְׁט גֶעשִׁיקְט אִין דִי קְהִילָה סְקוּל. אָבֶּער פוּן אַזוֹי פִיל אַרַיין אוּן אַרוֹיס, אִיז זִי שׁוֹין צוּמִישְׁט גֶעוָוארְן, אוּן וַויבַּאלְד אִין דִי גְרוֹיסֶע מוֹסָד הָאט מֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערִיג אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אִיר, אִיז זִי שְׁטַארְק צוּרִיק גֶעפַאלְן, אוּן אִיז שְׁטַארְק פַּארְמַאכְט גֶעוָוארְן, אוּן נָאכְן זַיין אַ שְׁטִיק צַייט אִין דִי גְרוֹיסֶע מוֹסָד הָאט מֶען אִיר גֶעוָואלְט אָנְהֵייבְּן שִׁיקְן אוֹיף טֶערָאפִּי, דֶער ראֹש יְשִׁיבָה הָאט מִיר דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן מִיט מַיין מַאמֶע, מַיין מַאמֶע הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען זוּכְט נִישְׁט הַיינְט סְתָּם זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן אוּן צוּקְלַאפְּן קִינְדֶער, דֶערְפַאר זָאל זִי גֵיין אוֹיף טֶערָאפִּי. אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעטְרַאכְט דֶעמָאלְטְס אַז אֶפְשַׁר וָואלְט כְּדַאי גֶעוֶוען אִיר צוּרִיק צוּ לֵייגְן צוּם קְלֵיינֶעם מוֹסָד, הָאט מִיר דַאן דֶער ראֹש יְשִׁיבָה גֶעפְרֶעגְט וָואס מַיין מַאמֶע הַאלְט, הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט אַז זִי הַאלְט אַז אִיךְ זָאל אִיר לָאזְן, הָאבְּן מִיר אִיר

גֶעלָאזְט. לְמַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט מַיין טָאכְטֶער אַז זִי גֵייט מֶער נִישְׁט צוּ טֶערָאפִּי, אוּן אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעזֶען קַיין תּוֹעֶלֶת פוּן דִי טֶערָאפִּי.

יֶעצְט טְרַאכְטְן מִיר וַוייטֶער אַז עֶס וָואלְט אֶפְשָׁר כְּדַאי גֶעוֶוען אִיר צוּרִיק צוּ לֵייגְן צוּם קְלֵיינֶעם מוֹסָד, וואוּ מֶען גֶעט זִיךְ בֶּעסֶער אָפּ. אָבֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ דֶערְמִיט נִישְׁט דוּרְכְרֶעדְן מִיט מַיין מַאמֶע, וַוייל זִי קֶען נִישְׁט הֶערְן אַזַא זַאךְ. בַּיי אִיר אִיז דָא נָאר אֵיין רֶבִּי, אֵיין מוֹסָד, אֵיין קְהִילָה, אוּן גָארְנִישְׁט מֶער. עֶס זֶעט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס אַז זִי זָאל טְרַאכְטְן פוּן דִי טוֹבָה פוּנֶעם קִינְד. בַּיי אִיר אִיז דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל שִׁיקְן אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ נָאר אִין דִי קְהִילָה מוֹסָד. אָבֶּער מִיר זֶענֶען שְׁטַארְק מְסוּפָּק אַז אֶפְשָׁר אִיז יָא פַאר דִי טוֹבָה פוּן דָאס קִינְד צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם קְלֵיינֶעם מוֹסָד. בִּפְרַט הָאט מַיין וַוייבּ מוֹרָא אַז וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן אַרַיינְצוּגֵיין צוּ דִי קְלַאסְן וואוּ מֶען לֶערְנְט שׁוֹין מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיבּ נֶעמְט מֶען אִיר אַרוֹיס פַאר הִילְף - וִוי דִי שְׁטֵייגֶער אִין דִי גְרוֹיסֶע מוֹסְדוֹת, קֶען זִי וֶוערְן אַ גַאנְצֶע רַחְמָנוּת, אוּן אַ צוּקְלַאפְּטֶע קִינְד.

עֶס אִיז מִיר וִויכְטִיג צוּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה וָואס שְׁנֶעלֶער, וַוייל מֶען הֵייבְּט שׁוֹין אָן דִי נֵייעֶ סְקוּל יָאר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י"ד אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

## זָאלְסְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טוּן קַיין ווִילְדֶע זַאכְן.

**דֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן עז)**: "מִי שֶׁעוֹשֶׂה**

מַעֲשָׂיו בִּמְהִירוּת, בְּלִי יִשּׁוּב הַדַּעַת, נַעֲשֶׂה בַּעַל חוֹב", וָוער עֶס טוּט ווילְדֶע זַאכְן - אָן קֵיין יִשּׁוּב הַדַּעַת, וָוערְט אַ בַּעַל חוֹב; דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ נֶעמְסְט דַיין קִינְד אַרַיין אִין סְקוּל אוּן אַרוֹיס פוּן סְקוּל וְכוּ' כְּאִילוּ זֵיי זֶענֶען אַזוֹי ווי שְׁפִּילְצַייג, דָאס קֶען גוֹרֵם זַיין צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קֵיין שְׁפִּילְצַייג וָואס מֶען קֶען זֵיי יֶעדְן טָאג לֵייגְן אִין אַן אַנְדֶערֶער מוֹסָד; דָאס אַלֵיין אַז אִיר הַאלְט אִין אֵיין טוּישְׁן דָאס קִינְד פוּן אֵיין מוֹסָד צוּם צְוֵוייטְן דָאס מַאכְט אִיר פַארְמַאכְט אוּן עֶס וֶועט שָׁאטְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעפְרֶעגְט וָואס צוּ טוּן וְכוּ'; אִיךְ ווייס נִישְׁט וֶוער דוּ בִּיסְט אוּן וָואס אִיךְ הָאב דִיר גֶעזָאגְט וְכוּ', אָבֶער אֵיין זַאךְ אִיז זִיכֶער אַז דוּ זָאלְסְט גָארְנִישְׁט טוּן פַאר דוּ שְׁמוּעֶסְט עֶס דוּרְךְ מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, ווייל דוּ מַאכְסְט צוּ שְׁנֶעלֶע הַחְלָטוֹת; אַרוֹיס פוּן סְקוּל, אַרַיין אִין סְקוּל אוּן צוּרִיק אַרוֹיס וְכוּ'.

אִיךְ מֵיין אַז דוּ זָאלְסְט לָאזְן דַיין קִינְד אִין דִי קְהִילָה מוֹסָד אוּן דוּ מִיט דַיין ווייב זָאלְן גֶעבְן פַארְ'ן קִינְד אִין שְׁטוּב אַסַאךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט וָואס דָאס וֶועט אִיר הֶעלְפְן זִיךְ צוּ עֶפֶענֶען. קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גַארֶענְטִירְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוֹיב אִינְוֶועסְטִירְט מֶען אִין דִי קִינְדֶער, מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט זֵיי, מֶען לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ זֵיי אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט זֵיי זֵייעֶרֶע פְרַאגֶעס וְכוּ' דֶעמָאלְט וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

**דָאס** וָואס עֶלְטֶערְן בַּאשׁוּלְדִיגְן דִי מוֹסְדוֹת וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַז זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ ה׳ יְרַחֵם, דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג; וַוייל קִינְדֶער וָואס הָאבְּן אַ וַוארֶעמֶע הֵיים אוּן וַוארֶעמֶע עֶלְטֶערְן דַארְף דָאס זַיין גֶענוּג פַּארְ׳ן קִינְד צוּ וַואקְסְן גֶעזוּנְט; דֶער עִיקָר פוּן אַ קִינְד אִיז זַיין הֵיים אוּן זַיינֶע עֶלְטֶערְן. קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן ווִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְווֵייטְן וֶועט דָאס אִיבֶּער לָאזְן אוֹיף זֵיי אַ ווָאוּנְד, אַזוֹי אוֹיךְ קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן אַ שְׁטוּב וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין דֶרֶךְ אֶרֶץ וְכוּ׳, דִי עֶלְטֶערְן שְׁרַייעֶן אוּן שֶׁעלְטְן וְכוּ׳, דָאס לָאזְט אִיבֶּער אוֹיף דִי קִינְדֶער אַ ווָאוּנְד.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער תּוֹרָה; בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע יָארְן וָואס אִיךְ הָאבּ דִי יְשִׁיבָה וְכוּ׳ זֶע אִיךְ אַז דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן גוּטֶע שְׁטוּבֶּער - גוּטֶע שְׁטוּבֶּער מֵיין אִיךְ צוּ זָאגְן גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבֶּער, וָואס דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְווייטְן אוּן עֶס אִיז דָא לִיבְּשַׁאפְט פוּן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, מִיט אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער אִיז גְרִינְג צוּ אַרְבֶּעטְן וַוייל זֵייעֶר מֹחַ בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִיז גֶעזוּנְט, אָבֶּער קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף אִין אַ שְׁטוּב - אָדֶער מִיט אַ שְׁטוּב - וָואס אִיז נִישְׁט קֵיין שְׁטוּב - דָאס אִיז שׁוֹין אַ צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף צֶעקְלַאפְּט אוּן פַארְמַאכְט, בִּיז זֵיי זוּכְן זִיךְ שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים אוּן נֶעמֶען נָאכְדֶעם דְרָאגְס הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט מְשׁוּגָע מַאכְן דַיין קִינְד אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט יֶעדְן צְווייטְן

טָאג טוּישְׁן סְקוּל; זֶע צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין ווייבּ. קוֹיף דִיר גוּטֶע סְפִּיקֶערְס אוּן זֶע אַז עֶס זָאל גֵיין אַ גַאנְצְן טָאג מוּזִיק בַּיי דִיר אוּן שְׁטוּבּ אוּן וֶוען דוּ קוּמְסְט אַהֵיים זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דַיינֶע קִינְדֶער אִין אַ טֶענְצְל, ווייל שִׂמְחָה עֶפֶנְט אוֹיף דִי מֹחַ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י): "דַע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ, דֶעמָאלְט קֶען עֶר טְרַאכְטְן גְרֵאד אוּן עֶר קֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין פַארְמַאכְטְקֵייט; ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג, עֶר אִיז דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן - קֶען עֶר נִישְׁט טְרַאכְטְן גְרֵאד. דֶערְפַאר אַז דַיין קִינְד אִיז פַארְמַאכְט וְכוּ', זֶע צוּ זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט שִׂמְחָה, וֶועט אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן לְטוֹבָה.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער,

אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער". דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה וָואס דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן וֶועלְן נָאר דִיר דִינֶען. הֶעלְף מִיר אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, פְרֵיילִיכֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער מִיט שְׁטַארְקַייט, זֵיי זָאלְן זַיין בַּיי זִיךְ זֶעלְבְּסְט-זִיכֶער אוּן זֶעלְבְּסְט-שְׁטֶענְדִיג. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַיין קִינְד אִיז לֶעצְטְנְס זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן דֶערְשְׁלָאגְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, הֶעלְף מִיר אַז מַיין קִינְד זָאל אַרוֹיס גֵיין פוּן אִיר צֶעקְלַאפְּטְקַייט, זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶער אוֹיס מַיינֶע פְּשׁוּט'עֶ תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן גִיבּ מִיר קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין דָבוּק צוּ דִיר". לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת, ווייל תְּפִלּוֹת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען זֶעט חַנָּה - שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא'ס מַאמֶע, וֶוען זִי הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קִינְדֶער, הָאט זִי גֶעבֶּעטְן מִיט אַ גַדְלוּת הַמּוֹחִין. זִי הָאט גֶעבֶּעטְן (שְׁמוּאֵל-א א, יא): "וְנָתַתָּה לַאֲמָתְךָ זֶרַע אֲנָשִׁים"; זָאגְט דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת לא:): "מַאי זֶרַע אֲנָשִׁים? אָמַר רַב, גַבְרָא בְּגוּבְרִין", רַב זָאגְט, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן

אַז זי דַארְף גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אוֹיסְגֶעמִישְׁט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, "וּשְׁמוּאֵל אָמַר, זֶרַע שֶׁמּוֹשֵׁחַ שְׁנֵי אֲנָשִׁים, וּמָאן אִינוּן? שָׁאוּל וְדָוִד", שְׁמוּאֵל זָאגְט, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז זי דַארְף אַ קִינְד וָואס וֶועט זַאלְבְּן צְוֵויי קֶענִיגְן - שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ אוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ. "וְרַבִּי יוֹחָנָן אָמַר, זֶרַע שֶׁשָּׁקוּל כִּשְׁנֵי אֲנָשִׁים, וּמָאן אִינוּן, מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים צט, ו): מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן בְּכֹהֲנָיו וּשְׁמוּאֵל בְּקֹרְאֵי שְׁמוֹ", רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט, זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אַז זי וויל אַ קִינְד וָואס וֶועט זַיין אַזוֹי גְרוֹיס וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַ גַדְלוּת הַמּוֹחִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## מג

### טָאר מֶען טַאקֶע נִישְׁט טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וֶועגְן טְרִינְקֶען בְּרוֹינְפְּן אִין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶ שׁוּל בַּיי קִידוּשׁ (מִכְתָּב י); הָאבּ אִיךְ אוֹיף דֶעם עֶטְלִיכֶע הֶעָרוֹת.

א. דֶער רֶבִּי הָאט אַלֵיין גֶעגֶעבְּן שִׁירַיִים בְּרוֹינְפְּן פַאר רֶבִּי נָתָן אוּן רֶבִּי נַפְתָּלִי. [נִרְאֶה לִי מוּבָא בְּאַבְנֵיָה בַּרְזֶל].

ב. עַיֵין בְּלִיקוּטֵי עֵצוֹת אוֹת רִיקוּדִים בְּסוֹפוֹ בְּמַעֲלַת מַשְׁקָה הַמְּשַׂמֵּחַ בְּמִידָה לְשֵׁם שָׁמַיִם.

ג. עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז ר׳ אַבְרָהָם שְׁטֶערְנְהַארְץ, וָואס הָאט גֶעקֶענְט אוֹיסְנֶווייניג אוֹיפְן לָשׁוֹן סִפְרֵי רַבֵּינוּ, פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מְכַבֵּד זַיין וֶוער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים צוּ הֶערְן דִיבּוּרִים אוֹ כַּיוֹצֵא בָּזֶה, אֲפִילוּ אִינְמִיטְן וָואךְ - צוּ טְרִינְקֶען 96׳עֶר.

ד. בַּיי צַדִיקִים אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עִנְיָן צוּ טְרִינְקֶען בְּרָאנְפְן דַייקָא נָאךְ דִי פִּישׁ אוּן עֶס אִיז דָא אִין דֶעם גְרוֹיסֶע עִנְיָנִים [מוּבָא אֵצֶל רַבּוֹתֵינוּ מִקָאמַארְנָא אֵיזֶה יִחוּדִים בָּזֶה].

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, י״ד אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען קֵיין מַשְׁקָה הַמְּשַׂמֵּחַ, נָאר פַאר קִידוּשׁ אוּן הַבְדָלָה (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כו).

**אֵיינְמָאל** זֶענֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף יוֹם טוֹב אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטֵיילְט וַויין. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעגֶעבְן אִין אַ קְלֵיין בֶּעכֶער אַבִּיסְל וַויין פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן פַאר ר׳ נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גֶעזָאגְט: ״צֶעטֵיילְט זִיךְ דֶערְמִיט...״ מִיט

דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי זֵיי גֶעוָואלְט מְרַמֵז זַיין אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְרִינְקֶען קֵיין מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר (סֵפֶר מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, סִימָן מח).

**אֵיינְמָאל** שִׂמְחַת תּוֹרָה הָאט ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעטְרִינְקֶען אַבִּיסְל אַסַאךְ אוּן עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד צוּ דִי פִּיס פוּן רֶבִּי נָתָן אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ אִים: "אִיר זֶענְט מַיין גַאנְצֶע חַיוּת", הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אֱמֶת, עֶס אִיז רִיכְטִיג, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט טְרִינְקֶען אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה, נָאר פּוּרִים".

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז בַּיי חֲסִידִים אִיז טְרִינְקֶען אַ גְרוֹיסֶער עִנְיָן; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִי חֲסִידִים וָואס מַאכְן אַן עִיקָר פוּן טְרִינְקֶען וְכוּ'. אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אוּן גֶעזָאגְט, אַז דָאס הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען פוּן דֶעם אַז אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת הָאבְּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען רֶעדְן פוּן צַדִיקִים, בִּפְרַט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט דֶעמָאלְט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַז מֶען זָאל טְרִינְקֶען אַבִּיסְל ווַייל אַזוֹי אִיז מֶען גֶעזִיצְן אוּן פַארְבְּרֶענְגְט מִיט וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אָבֶּער אִין דִי הַיינְטִיגֶע צַייטְן - הָאט רֶבִּי נָתָן אוֹיסְגֶעפִירְט - אִיז נִתְמַעֲטוּ הַלְּבָבוֹת, וְנִתְרַבּוּ הַתַּאֲווֹת אוּן מֶען אִיז גֶעבְּלִיבְּן נָאר מִיטְן טְרִינְקֶען; דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי דָאס אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן אוּנְז.

**אֵיינְמָאל** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְטְרָאגְן זַייעֶרע פְּרַאזְנִיקֶעס [פְּרַאוֶועַרייֶען]", וַוייל בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר תּוֹרָה תְּפִילָּה אוּן רֶעדְן פוּן תַּכְלִית; דֶערְפַאר הָאט רֶבִּי נָתָן אוֹיךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְרִינְקֶען.

**מֶען** הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז עֶס זֶענֶען דָא חֲסִידִים וָואס פִירְן זִיךְ צוּ לֵייגְן אוּנְטֶער זֵייעֶר קִישְׁן אַ פְלַאשׁ בְּרוֹינְפְן אוּן וֶוען זֵיי וֶועקְן זִיךְ אוֹיף פְרֶעגְן זֵיי: "מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ נִישְׁט דָא?" אוּן זֵיי הֵייבְּן אָן טְרִינְקֶען בִּיז זֵיי וֶוערְן שִׁיכּוֹר אוּן שְׁלָאפְן נָאכְאַמָאל אַיין. וַוייל זֵיי זָאגְן אַז ווי לַאנְג מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ נִישְׁט דָא, דַארְף מֶען אֵיינְשְׁלֶעפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל אַז מֶען שְׁלָאפְט זִינְדִיגְט מֶען נִישְׁט. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה; נָאר מֶען דַארְף לֵייגְן אַ תְּהִילִים אוּנְטֶערְן קִישְׁן אוּן וֶוען מֶען וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן מֶען זֶעט אַז מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ אַלְץ נִישְׁט דָא, זָאל מֶען זָאגְן תְּהִילִים אוּן שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע".

**מוֹהַרְנַ"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט בְּשֵׁם ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז אִינֶעם קְלוֹיז אִין אוּמַאן וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט יָארְצַייט פְלֶעגְט מֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען תִּיקוּן (בְּרוֹינְפְן, אַזוֹי ווי עֶס אִיז דֶער מִנְהַג הָעוֹלָם), נָאר וֶוען אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט יָארְצַייט הָאט עֶר עוֹסֵק גֶעוֶוען דֶעם טָאג אִין תּוֹרָה אוּן אִין תְּפִילָּה אוּן גֶעגֶעבְּן אַסַאךְ צְדָקָה.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אַ גְרוֹיסֶער רֶעסְטוּרַאנְט וָואס דָארְט פְלֶעגְן דִי אָרִימֶעלַייט עֶסְן פַאר גָאר בִּילִיג. אוּן וֶוער עֶס הָאט גֶעהַאט יָארְצַייט פְלֶעגְט גֵיין צוּם בַּעַל הַבַּיִת פוּנֶעם רֶעסְטוּרַאנְט אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גֶעלְט אַז אִין דֶעם טָאג זָאל עֶר גֶעבְּן עֶסְן פַאר אַלֶע עֲנִיִּים בְּחִינָם. אוּן אַלֶע אָרִימֶעלַייט הָאבְּן שׁוֹין גֶעוואוּסְט אַז הַיינְט הָאט דֶער אוּן דֶער יָארְצַייט אוּן אַלֶע הָאבְּן אִים גֶעווּאוּנְטְשְׁן: "דִי נְשָׁמָה זָאל הָאבְּן אַן עֲלִיָּה" (מְקוֹר הַשִּׂמְחָה, שָׁם).

לַיידֶער זֶעט מֶען לֶעצְטְנְס אַז זֵייעֶר אַסאךְ אִינְגֶעלַייט טְרִינְקֶען זִיךְ אָן שַׁבָּת; זֵיי גֵייעֶן פוּן אֵיין שׁוּל צוּם צְוֵוייטְן אוּן זוּכְן וואוּ עֶס אִיז דָא פוּנֶעם בִּיטֶערְן טְרָאפְּן, מֶען גֵייט צוּ חֲבֵרִים אוּן מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ נִיבּוּל פֶּה אוּן צוּ בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַנְשְׁטָאט דֶער אִינְגֶערְמַאן זָאל אַהֵיים גֵיין צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער פַארְבְּרֶענְגֶען דִי אֵיינְמָאל אַ וָואךְ וָואס עֶר הָאט אַבִּיסְל צַייט צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, אַנְשְׁטָאט דֶעם גֵייט דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת אַוֶועק מִיטְן טְרִינְקֶען.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מֶדְרָשׁ שְׁמוּאֵל ה, ט): "רֶבִּי אָמַר, תָּמֵהַּ אֲנִי הֵיאַךְ בִּטְּלוּ חוֹנֵן הַדַּעַת בְּשַׁבָּת - אִם אֵין דֵּעָה תְּפִלָּה מִנַּיִן", רֶבִּי זָאגְט, אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ פַארְוָואס מֶען הָאט אַרוֹיס גֶענוּמֶען פוּן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע דַאוֶונֶען דִי בְּרָכָה פוּן חוֹנֵן הַדַּעַת, וַוייל אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דַאוֶונֶען? זָאגְן דָארְט דִי מְפָרְשִׁים (סֵפֶר חַיִּים

טוֹבִים לְהַגָּאוֹן רַבִּי חַיִּים פַּאלַאגִ׳י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה): ״וּבַעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, בְּדוֹרֵנוּ נִרְגָּשׁ זֶה יוֹתֵר, דְּכַמָּה וְכַמָּה בְּחוּל יֵשׁ לָהֶם דַּעַת נְכוֹנָה, וְאִילוּ בְּשַׁבָּת שִׁכְרוּתוֹ שֶׁל לוֹט וּמְאַבְּדִים הַדַּעַת, וְלֹא עוֹד, אֶלָּא דְּהַרְבֵּה יַיִן עוֹשֶׂה, וּמְבִיאָן לִידֵי חִילּוּל שַׁבָּת, וְזִמָּה, וְאֵין אָדָם חוֹטֵא אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס רוּחַ שְׁטוּת״, מֶען זֶעט אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן מֶענְטְשְׁן וָואס אִינְדֶערְוָואכְן הָאבְּן זֵיי שֵׂכֶל, זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף גֶעהֶערִיג וְכוּ׳, אָבֶּער שַׁבָּת טְרִינְקֶען זֵיי זִיךְ אָן אוּן זֵיי פַארְלִירְן זֵייעֶר שֵׂכֶל וְכוּ׳, עַיֵּין שָׁם.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְטְרִינְקֶען אוּן אַלֶעם פַארְלִירְן דוּרְכְדֶעם. מִיר דַארְפְן נָאכְמַאכְן דִי צַדִּיקִים מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן; מִיט זֵייעֶר תּוֹרָה וּתְפִלָּה, מִיט זֵייעֶר חֶסֶד ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר אֵיינְס כִּבְיָכוֹל מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# מד

## אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, און עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן.

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט און אִיךְ דַארְף כְּסֵדֶר הַאנְדְלֶען מִיט פְרוֹיעֶן, און עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זוּמֶער אִין קֶעמְפּ עַל מֵי מְנוּחוֹת, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג און עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גוּט. אָבֶער יֶעצְט בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, סַיי אוֹיף דִי גַאס און בִּפְרַט אִין גֶעשֶׁעפְט וואוּ אִיךְ גֶעפִין זִיךְ אַ גְרוֹיס חֵלֶק פוּן טָאג; וָואס קֶען אִיךְ טוּן עֶס זָאל מִיר נִישְׁט זַיין אַזוֹי שְׁוֶוער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוואוֹינְט אִין בְּרֶסְלֶב אוֹיפְן גַאס וואוּ דֶער מַארְק פְלֶעגְט זַיין, און עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן דִי פֶענְסְטֶער און פִירְהֶענְג פַארְמַאכְט; בְּדֶרֶךְ כְּלַל אִיז שְׁטֶענְדִיג דָא אַ רַעַשׁ וְכוּ' בַּיי

דֶער פְּלַאץ וואוּ דֶער מַארְק אִיז, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז רֶבִּי נָתָן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶּענְסְטֶער קוּקְן וָואס טוּט זִיךְ אִין גַאס. אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער אוּן אוּמְגֶעוֶוענְלִיכֶער רַעש, רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעזִיצְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעשְׁרִיבְּן זַיינֶע חִידוּשֵׁי תּוֹרָה אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי הוֹיכֶע קוֹלוֹת, הָאט עֶר אַרָאפּ גֶעלֵייגְט דֶעם פֶּעדֶער אוּן גֶעוָואלְט גֵיין קוּקְן וָואס גֵייט פָּאר, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ גֵיין קוּקְן, הָאט עֶר אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: "נָתָן נָתָן... אֵיין קוּק וֵוינִיגֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז פָּארְט בֶּעסֶער", אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק אַרָאפּ גֶעזֶעצְט. רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת, וַוייל עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז עֶס אִיז דִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה אַז דוּ זָאלְסְט יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם. פַאר דוּ גֵייסְט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ צוּ גֵיין צוּ דֶער אַרְבֶּעט בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אָפְּגֶעהִיטֶענֶע אוֹיגְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, סִימָן ט): "כְּשֶׁאָדָם יוֹצֵא לַשּׁוּק וּמִתְיָרֵא שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי הִרְהוּר עַל יְדֵי הָרְאִיָּה, שֶׁיִּרְאֶה נָשִׁים יָפוֹת, יֹאמַר הַפָּסוּק 'הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן', וְעַל יְדֵי זֶה יִנָּצֵל מֵרְאוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט מוֹרָא אַז עֶר וֶועט נִכְשָׁל וֶוערְן צוּ זֶען וָואס עֶר דַארְף נִישְׁט, זָאל עֶר זָאגְן דֶעם פָּסוּק

(יְשַׁעְיָה לג, ז): "הֵן אֶרְאֶלָּם צָעֲקוּ חֻצָה, מַלְאֲכֵי שָׁלוֹם מַר יִבְכָּיוּן", און אַזוֹי וֶועט עֶר זִיךְ קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן.

מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ זָאל עֶר לֵייגְן דִי הֶענְט אוֹיף דִי מְזוּזָה און בֶּעטְן אַ קוּרְצֶע תְּפִילָה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל צוּרִיק קוּמֶען בְּשָׁלוֹם, אִיךְ זָאל קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן וְכוּ'", און אַזוֹי וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין; וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע וֶועג צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, נָאר אַז מֶען בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז מִיר זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט און אַז מִיר קֶענֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א, כא) בֵּית שַׁמַאי און בֵּית הִלֵל קְרִיגְן זִיךְ וָואס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, דֶער הִימְל צִי דֶער עֶרְד, בֵּית שַׁמַאי הַאלְטְן אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶער הִימְל און נָאכְדֶעם דֶער עֶרְד, און בֵּית הִלֵל זָאגְן אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶער עֶרְד און נָאכְדֶעם דֶעם הִימְל, קוּמְט רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי און זָאגְט: "תְּמֵהַ אֲנִי אֵיךְ נֶחְלְקוּ אָבוֹת הָעוֹלָם עַל בְּרִיאַת שָׁמַיִם וָאָרֶץ, שֶׁאֲנִי אוֹמֵר שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא נִבְרְאוּ אֶלָּא כְּאִלְפָּס וְכִיסּוּי", אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ

אויף די גְרויסֶע צַדִיקִים - בֵּית שַׁמַאי און בֵּית הִלֵל וָואס קְרִיגְן זִיךְ וָואס אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, אִיךְ הַאלְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְד מִיט דִי הִימְל צוּזַאמֶען, אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיט אִיר דֶעקְל. מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, בֵּית שַׁמַאי הַאלְטְן אַז קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי הִימְלֶען, ווייל שָׁמַיִם וַוייזְט אויף רוּחְנִיוּת, צוּ וַוייזְן פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר 'שָׁמַיִם', זַיין אַ 'הִימְל מֶענְטְשׁ' - אוֹיסְגֶעטוּן פוּן דִי וֶועלְט, אוּן בֵּית הִלֵל זָאגְן: נֵיין, קוֹדֶם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְד, צוּ וַוייזְן אַז מֶען דַארְף זַיין דָא אויף דֶער עֶרְד, אוּן נָאכְדֶעם גֵייט מֶען צוּם הִימְל, קוּמְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי אוּן זָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי גַאנְצֶע מַחֲלוֹקֶה, מֶען קֶען זַיין דָא אויף דִי וֶועלְט אוּן זַיין אוֹיבְן - טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאוְוענֶען אוּן לֶערְנֶען. אוּן מֶען קֶען זַיין אוֹיבְן - זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאוְוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן זַיין אויף דֶער עֶרְד - חֲתוּנָה הָאבְן, הָאבְן קִינְדֶער אוּן זֵיי מְפַרְנֵס זַיין וְכוּ' וְכוּ'; דָאס הָאט מוֹהַרָא"ש אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּנְז, אַז מֶען קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אֲפִילוּ מֶען אַרְבֶּעט. אֲפִילוּ מֶען אִיז אַ גַאנְצְן טָאג פַארְנוּמֶען צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה - דָאךְ קֶען מֶען זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָארְט בַּיי דִי אַרְבֶּעט.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט מִיטְנֶעמֶען צוּ דַיין אַרְבֶּעט אַ זֶעקְל סְפָרִים; פַּאק דִיר אַיין אַ חוּמָשׁ מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹתְ'ל, אַ תְּהִילִים וְכוּ' אוּן וֶוען דוּ הָאסְט

אַן אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט זָאלְסְטוּ אַרַיין כַאפְּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת, אַ דַף גְמָרָא וְכוּ'. גֶעוֶועגְלִיךְ הָאבְּן נִישְׁט דִי בַּעֲלֵי בָּתִים לִיבּ צוּ זֶען ווִי זֵייעֶר אַרְבֶּעטֶער לֶערְנְט וְכוּ', אָבֶּער אַנְשְׁטָאט צוּ שְׁטֵיין ווִי אַ גוֹלֶם אוּן נָאכְקוּקְן יֶעדֶע פְרוֹי וְכוּ', זָאלְסְטוּ אַרַיין כַאפְּן אַ קַאפִּיטְל תְּהִילִים, אַ פָּסוּק חוּמָשׁ.

דִי תּוֹרָה זָאגְט אִין דִי תוֹכָחָה (דְבָרִים כח, לד): "וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה", זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם; מֶען זֶעט אַז אִינְגֶעלַייט וֶוערְן פָּשׁוּט מְשׁוּגָע פוּן קוּקְן שְׁמוּץ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז מֶען שְׁטֵייט אוּן מֶען קוּקְט נָאךְ פְרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ אָן קַיין בּוּשָׁה. עֶס אִיז דָא וָואס פַארְלִירְן נֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן זֵייעֶר שֵׂכֶל אוּן קֶענֶען שְׁטֵיין שָׁעוֹת אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ קוּקְן בַּיי אַ פֶענְסְטֶער, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר זֶען וְכוּ', וָואס בֶּאֱמֶת אִיז עֶס אֵיין גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, וַוייל מֶען הָאט גָארְנִישְׁט דֶערְפוּן, נָאר בִּזְיוֹנוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת רְאִיָּה, סִימָן ח): "מִי שֶׁעוֹצֵם עֵינָיו מֵרְאוֹת בְּרָע, עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹל מִבִּזְיוֹנוֹת", וֶוער עֶס הִיט זִיךְ זַיינֶע אוֹיגְן, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קַיין שְׁלֶעכְטְס, וֶוערְט נִיצוֹל פוּן בִּזְיוֹנוֹת; דָאס אַלֵיין דַארְף דִיר הֶעלְפְן בַּיישְׁטֵיין דַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אַז דוּ וֶועסְט טְרַאכְטְן אַז עֶס אִיז בֶּעסֶער זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן ווִי צוּ הָאבְּן נָאךְ אַ בִּזָּיוֹן.

שְׁטַארְק דִיר אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; דוּ זָאלְסְט

הַאלְטְן און אֵיין צוּריק גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן. וָואס זָאל אִיךְ טוּן - דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטֶס. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ שְׁטֵיי דָא אִין גֶעשֶׁעפְט וַוייל אִיךְ דַארְף אַהֵיים בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף אוֹיסְהַאלְטְן מַיין וַוייבּ און קִינְדֶער, מִיר וָואלְט בֶּעסֶער גֶעוֶוען צוּ זִיצְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער דָא, אִיךְ דַארְף מִיר פָּשׁוּט רַייסְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג און לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילּוֹת, וַוייל וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל וַוייל עֶס קוּמְט אַרוֹיס גְלַייךְ פוּן הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# מה

**זָאל אִיךְ וַוייטֶער זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען גְמָרָא?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיט"א,

קוֹדֶם אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דִי טֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּט מִיר חִיזוּק יֶעדְן טָאג.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַזוֹי, אִיךְ לֶערְן שׁוֹין דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט לוֹיט דִי מְהַלֵךְ הַלִימוּד וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט אוּנְז, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קַיין סַאךְ צַייט צוּ לֶערְנֶען. ווייל אִיךְ פְרֶעגְן צִי אִיךְ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן מַיין שִׁיעוּר אִין גְמָרָא אוּן נָאר זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, צוּ זָאגְן ווִי מֶער מִשְׁנָיוֹת? אָדֶער זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ זָאגְן ווֶיינִיגֶער מִשְׁנָיוֹת, אוּן אָנְהַאלְטְן מַיין שִׁיעוּר אִין גְמָרָא?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז דָאס אִיז נִישְׁט מַיין מְהַלֵךְ הַלִימוּד, נָאר דָאס הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן; קוּק אַרַיין אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן (סִימָן עו) וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמְמֵילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת

לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיין - אַז מֶען וִויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, נָאר מֶען זָאל בְּלוֹיז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל, אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד - לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, וַוייל אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אִיבֶּערְגֵיין

יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

"וְדַבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'.

"אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ וּמִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ אוּן עֶר וֶועט זוֹכֶה

זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ. עַיֵּין שָׁם.

דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד, דִי הָאבְּן זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען; דֶערְפַאר פְּרֵיי אִיךְ מִיר זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ לֶערְנֶען שִׁיעוּר עִיוּן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם): "גַּם צְרִיכִין לִלְמֹד אֵיזֶה שִׁעוּר בַּיּוֹם, בְּקְצָת עִיּוּן", אוֹיךְ דַארְף מֶען הָאבְּן אַ שִׁיעוּר אִין עִיוּן יֶעדְן טָאג; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין סַיי מִיט דַיין שִׁיעוּר אִין גְמָרָא וְכוּ' אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אִיבֶּעריִג צַייט זָאלְסְטוּ אַרַיין כַאפְּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר (הַקְדָּמָה, ה.) אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער זְ'רָעִים מ'וֹעֵד נָ'שִׁים נְ'זִיקִין קָ'דָשִׁים טָ'הֳרוֹת אִיז "זְמַן נָקַט"; הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אַ הֶערְלִיכֶער פְּשַׁט. אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת הַאלְט דִי צַייט אִין דִי הַאנְט - "זְמַן נָקַט". וַוייל וואו עֶר גֵייט נֶעמְט עֶר מִיט זִיךְ מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנָיוֹת, אַזוֹי הָאט עֶר אַסַאךְ צַייט.

**מוֹהַרְאַ"ש פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז מֶען קֶען וויסְן אוֹיף**
**אֵיינֶעם צִי עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ";**
**אוֹיב זֶעט מֶען אִים שְׁטֶענְדִיג מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת אִין דִי הַאנְט,**
**אִיז אַ סִימָן אַז עֶר דְרֵיידְט זִיךְ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## מו

### אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, זָאל אִיךְ נָאכְמַאכְן פָאַרְן קֵיין אוּמַאן?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר'ן אַרוֹיסְגֶעבְּן אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר דִי שִׁיעוּרִים און דָאס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס שִׁיעוּרִים הָאבְּן מִיר גֶעמַאכְט לֶערְנֶען אַסַאךְ מֶער ווִיפִיל אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט בֶּעפָאר, און אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דָאס מִיר גֶעבְּרֶענְגְט אָנְצוּהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיפְגֶעהֶערְט דָאס צוּ טוּן, ווַייל אִיךְ פְלֶעג דָאס נִישְׁט קֶענֶען עֶנְדִיגְן בְּמֶשֶׁךְ פְרַייטָאג און שַׁבָּת.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף גַאנְץ שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אַדַאנְק דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי שִׁיעוּרִים - חַסְדֵי הַשֵּׁם!

איך בין שוין חֲתוּנָה גֶעהַאט 13 יָאר און איך הָאב שוין גֶעטוּן אַלֶע סָארְט סְגוּלוֹת, אָבֶער איך בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט קִינְדֶער.

פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און פַארְגַאנְגֶענֶעם לַ"ג בָּעוֹמֶר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען מִיט מַיין וַוייבּ אִין מִירוֹן, אָבֶער בִּיז דֶערְוַוייל הָאבְּן מִיר נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה.

אִיךְ קֶען נִישְׁט מַחְלִיט זַיין צִי אִיךְ זָאל קוּמֶענְדִיגֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאכְאַמָאל פָארְן קַיין אוּמַאן אָדֶער נִישְׁט, ווייל אִיךְ בֶּעטְן אויבּ דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר הֶעלְפְן מַחְלִיט זַיין וָואס אִיךְ זָאל טוּן.

הַצְלָחָה רַבָּה.

נָאכְאַמָאל, אַ יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק יח):

"פַּעַם אַחַת הָיִיתִי עוֹבֵר מִמָּקוֹם לְמָקוֹם, וּמְצָאַנִי אָדָם אֶחָד, וְאָמַר לִי: רַבִּי, מִפְּנֵי מַה בַּעֲלֵי בָתִּים שֶׁל יִשְׂרָאֵל נֶעֱצָרִים עַל בָּנִים מִהְיוֹת לָהֶם?" אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט, אִיךְ בִּין אַמָאל גֶעוֶוען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט מִיר בַּאגֶעגְנְט און מִיר גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא: 'פַארְוָואס זֶענֶען מִיר אַז אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן הָאבְּן נִישְׁט קַיין

קִינְדֶער?' "אָמַרְתִּי לוֹ: בְּנִי, מִפְּנֵי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב אוֹתָם אַהֲבָה גְּמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶן, לְפִיכָךְ מְצָרְפָם כְּדֵי שֶׁיַּרְבּוּ רַחֲמִים לְפָנָיו", הָאב אִיךְ אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט זֵיי, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן גְלַייךְ קִינְדֶער אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אַסַאךְ בֶּעטְן צוּ אִים, "וְאָמַר לִי: רַבִּי, לֹא כֵן הוּא, אֶלָּא מִפְּנֵי שֶׁיֵּשׁ לָהֶם טִינָא בִּלְבָבָם, וְנוֹשְׂאִין הַרְבֵּה נָשִׁים שֶׁלֹּא לְשֵׁם פְּרִיָּה וּרְבִיָּה", הָאט דֶער מֶענְטְשׁ מִיר גֶעזָאגְט: עֶס אִיז נִישְׁט וֶועגְן דֶעם, עֶס אִיז וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי פֵיינְט ווייַּבאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט חֲתוּנָה לְשֵׁם שָׁמַיִם וְכוּ', "וְאָמַרְתִּי לוֹ: בְּנִי, הַרְבֵּה בַּעֲלֵי בָּתִּים יֵשׁ לָנוּ וַחֲמוּדִים הֵם, וְאֵין לָהֶם אֶלָּא אִשָּׁה אַחַת, וְאַף עַל פִּי כֵן הֵן נֶעֱצָרִים עַל בָּנִים מִהְיוֹת לָהֶם", הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס הָאבְּן חֲתוּנָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם וַוארְטְן זֵיי אוֹיף קִינְדֶער, "וְתֵדַע לְךָ שֶׁכֵּן הוּא, צֵא וּלְמַד מֵאַבְרָהָם אָבִינוּ וְשָׂרָה אִמֵּנוּ שֶׁהָיוּ עֲקָרִים שִׁבְעִים שָׁנָה וְחָמֵשׁ שָׁנִים, וְהִרְבּוּ רַחֲמִים עַד שֶׁבָּא יִצְחָק וְשָׂמְחוּ בּוֹ", אַ רְאַיָ' הָאסְטוּ - זָאגְט אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן שָׂרָה אִמֵּנוּ, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט לַאנְגֶע יָארְן אוֹיף קִינְדֶער, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹירְן יִצְחָק, "וְכֵן צֵא וּלְמַד מִן יִצְחָק וְרִבְקָה שֶׁהָיוּ עֲקָרִים עֶשְׂרִים שָׁנָה, וְהִרְבּוּ רַחֲמִים עַד שֶׁבָּא יַעֲקֹב וְשָׂמְחוּ בּוֹ", נָאךְ אַ רְאַיָ' הָאסְטוּ פוּן יִצְחָק אוּן רִבְקָה, וָואס זֵיי

הָאבְּן גֶעוַוארְט אַסאךְ יָארְן אוֹיף קִינְדֶער און זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדַאוְונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹירְן יַעֲקֹב, "וְכֵן צֵא וּלְמַד מֵרָחֵל שֶׁהָיְתָה עֲקָרָה אַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה מִשְּׁנֵי יְלָדִים, וְהִרְבְּתָה רַחֲמִים עַד שֶׁבָּאוּ שְׁנֵיהֶם לָהּ וְשָׂמְחָה בָּהֶן", וַוייטֶער זֶעט מֶען בַּיי רָחֵל וָואס זִי הָאט גֶעוַוארְט אַסַאךְ יָארְן אוֹיף קִינְדֶער און זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְּן גֶעוָוארְן און גֶעבּוֹירְן אִירֶע צְוֵויי קִינְדֶער, "וְכֵן צֵא וּלְמַד מֵחַנָּה שֶׁהָיְתָה עֲקָרָה תְּשַׁע עֶשְׂרֵה שָׁנָה וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים, וְהִרְבְּתָה רַחֲמִים עַד שֶׁבָּא שְׁמוּאֵל לָהּ וְשָׂמְחָה בּוֹ", אוֹיךְ זֶעט מֶען בַּיי חַנָּה - דִי מַאמֶע פוּן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא וָואס זִי הָאט אוֹיךְ גֶעוַוארְט אַסַאךְ יָארְן אוֹיף קִינְדֶער און זִי הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זִי אִיז גֶעהָאלְפְּן גֶעוָוארְן און גֶעבּוֹירְן שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא, "אֶלָּא עַל כָּרְחֵךְ צָרִיךְ אַתָּה לִתְפּוֹס בְּיָדְךָ מִידָּה הָרִאשׁוֹנָה שֶׁאָמַרְתִּי לְךָ מִתְּחִלָּה, מִפְּנֵי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אוֹהֵב אוֹתָם אַהֲבָה גְּמוּרָה וְשָׂמֵחַ בָּהֶן, לְפִיכָךְ מְצָרְפָן כְּדֵי שֶׁיַּרְבּוּ בְּרַחֲמִים לְפָנָיו"; זֶעט מֶען פוּן דָא - פִּירְט אוֹיס אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא - אַז דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז אַ מֶענְטְשׁ וַוארְט לַאנְג אוֹיף קִינְדֶער, דָאס קוּמְט וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט צוּ הֶערְן דֶעם קוֹל וִוי מֶען בֶּעט אִים.

**אִיךְ** וֵויים אַז דוּ הַאלְטְסְט עֶס שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס; דוּ הָאסְט שׁוֹין לַאנְג גֶעמֵיינְט אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין הָאבְּן אַ קִינְד, בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט גֶעטוּן סְגוּלוֹת וָואס צַדִיקִים הָאבְּן צוּגֶעזָאגְט, בִּפְרַט אַז דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן צוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, אַזוֹי אוֹיךְ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן

רֹאשׁ הַשָּׁנָה, לְמַעֲשֶׂה בִּיסְטוּ נָאכְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן אוּן דוּ פְרֶעגְסְט: 'וואוּ אִיז מַיין קִינְד?'

**וַויסְן** זָאלְסְטוּ אַז אַ יְשׁוּעָה דַארְף מֶען אוֹיסְוַוארְטְן אוּן אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין גֶעבֶּענְטְשְׁט צוּ וֶוערְן מִיט אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער; דוּ הָאבּ נָאר סַבְלָנוּת אוּן וֵויין אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**מֶען** זֶעט אִין דִי תּוֹרָה אַז לֵאָה הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ אוּן זִי הָאט גֶעהַאט דִי מֶערְסְטֶע קִינְדֶער מִיט אִים - מֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע וַוייבֶּער; וַוייל זִי הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כט, יז): "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת", אִירֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוֶוען וֵוייךְ פוּן אַסַאךְ וֵויינֶען.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צִי נִישְׁט אוּן דוּ ווילְסְט בֶּעטְן פוּן מִיר אַן עֵצָה; וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה, וֶוער דֶען אוֹיבּ נִישְׁט דוּ דַארְף קוּמֶען אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה; רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִשְׁפָּט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט זַיין מִיט אִים דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר. רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אַלֶעם וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיטְן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען: "בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יִכָּתֵבוּן, וּבְיוֹם צוֹם כִּפּוּר יֵחָתֵמוּן, כַּמָּה יַעַבְרוּן וְכַמָּה יִבָּרֵאוּן, מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בְקִצּוֹ וּמִי לֹא בְקִצּוֹ, מִי בָאֵשׁ וּמִי בַמַּיִם, מִי בַחֶרֶב וּמִי בָרָעָב, מִי בָרַעַשׁ וּמִי בַמַּגֵּפָה; נָאכְמֶער

הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהַרַ"ן, סִימָן תסו), אַז וֶוען דֶער חַזָן זָאגְט: "מִי, וּמִי, וּמִי", דָארְט אִיז מְרוּמָז אַלֶעס וָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אִינֶעם פִּיּוּט פוּן וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף; פְּרֶעג אִיךְ דִיר, אַז מִיר הָאבְּן אַ צַדִּיק פוּן צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק וָואס הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוּן עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר וֶועט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט וָואס עֶר קֶען - וָואס אִיז בִּכְלַל דִי סָפֵק?! אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט שֵׂכֶל קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, נָאר עֶר פָּארְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**אִיךְ** פְּרֶעג דִיר, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהַרַ"ן, סִימָן תח): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ, תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי"; דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה. נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים - זֶענְט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אִיז נָאךְ אַ שְׁאֵלָה צִי מֶען דַארְף קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן?!

**נָאךְ** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהַרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל, וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים

אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה - אִישׁ לֹא יֶעְדַּר, כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה. וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו - יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ. וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", וְזֶה נֶאֱמַר עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְּרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

**וְזַיכְן** זָאלְסְטוּ אַז דִי אַלֶע טוֹיזְנְטֶער אִידְן וָואס קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, קֵיינֶער קוּמְט נִישְׁט גְרִינְגֶערְהֵייט, יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ; נָאר וָואס דֶען, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען, קוּמְט מֶען אָן קַיין קֻשְׁיוֹת.

**עַתָּה** לְכִי אִיעָצֵךְ נָא עֵצָה, וּמַלְּטִי אֶת נַפְשֵׁךְ; קוֹיף דִיר אַ טִיקֶעט אוּן קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט זַיין אִין אוּמַאן זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען קַיין צַייט מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים. גֵיי נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם; אִין אוּמַאן אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן - חוּץ פוּן זִיצְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוּן וֵויינֶען צוּם

אײבּערשטן און זיך אויסבּעטן אַ גוט יאָר; אַ יאָר מיט בּרכות, אַ יאָר מיט ישועות און אַ יאָר מיט אַלעם גוטס.

**רַבִּי** אַבְרָהָם בֶּן רַבִּי נַחְמָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה פְּלֶעגְט זָאגְן: "אויב מען עַקשנ'ט זיך בּײַם צִיון קען מען אַלעם פּועל'ן"; דו זאָלסט זיצן בּײַם צִיון און בּעטן אַסאַך דעם אײבּערשטן אַז דו זאָלסט זוכה זײַן געהאָלפן צו ווערן מיט זֶרַע שֶׁל קַיָּמָא צוזאַמען מיט אַלע אידן וואָס וואַרטן אויף זייער ישועה.

**אַוַדַאי** אין אָנהייב איז זייער שווער, אָבער אַז מען איז אַן עַקשן און מען לאָזט נישט אָפּ די זאַך פון הִתְבּוֹדְדוּת. אֲפִילוּ מען שפּירט גאָרנישט, אַדְּרַבָּה - מען שפּירט ווי קיינער דאַרף מיר נישט, מיט דעם אַלעם גייט מען יעדן טאָג אויף אַ פּלאַץ וואו קיינער איז נישט דאָרט און מען שמועסט זיך אויס דאָס האַרץ מיטן אײבּערשטן, איז מען זוכה צו האָבּן אַ חַיִּים טוֹבִים; מען שפּירט אַ קִרְבַת אֱלֹקִים, וואָס דוד המלך זאָגט אויף דעם (תְּהִלִּים עג, כח): "וַאֲנִי קִרְבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב", ווען איך שפּיר אַ נאָנטקייט צום אײבּערשטן איז מיר גוט; דעמאָלט דאַרף איך שוין גאָרנישט.

**מוֹהֲרָא"ש** פְּלֶעגְט דערציילן פונעם הייליגן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז מען פלעגט הערן ווי ער זאָגט תְּהִלִּים מיט אַ מוֹרָא'דיגע זיסקייט; איינמאָל האָט מען געהערט ווי ער זאָגט דעם פּסוק (תְּהִלִּים עג, כה): "מִי לִי בַשָּׁמָיִם, וְעִמְּךָ - לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", האָט ער אַזוי געזאָגט: "מִי לִי

בַשָּׁמַיִם", וָועס הָאבּ אִיךְ אִין הִימְל? - אַלֶע זֶענֶען אַנְטְקֶעגְן מִיר, אָבֶּער "וְעִמְּךָ", אַז אִיךְ הָאבּ דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "לֹא חָפַצְתִּי בָאָרֶץ", דַארְף אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם; הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען מִיט אַ בֶּענְקְשַׁאפְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַזֶה, אִיךְ דַארְף נִישְׁט דַיין עוֹלָם הַבָּא, אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם - נָאר דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס".

**צוּ** דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ צוּקוּמֶען - אַז עֶר זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט דַארְפְן אוּן גָארְנִישְׁט וֶועלְן אוּן קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא זַיין, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## מז

**מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר נֶעגֶעטִיווּ.**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע בְּרִיוְון אוּן שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵק, אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אַזוֹיפִיל קֶען אִיךְ זָאגְן אַז אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוּן אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אוּן דָאס אַלֶעס אִיז אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מַיין לֶעבְּן!

דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן מִיר דִי כֹּחוֹת צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן, אִיךְ גֵיי דוּרְךְ אַסַאךְ שְׁוֶועריקַייטְן, אִיךְ זָאג עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַּאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אָבֶּער נָאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ הֶער שׁוֹין 10 יָאר, דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר נֶעגֶעטִיוו אוּן זִי הָאט בַּיי-פָּאלֶער; זִי קוּמְט פוּן זֵייעֶר אַ נֶעגֶעטִיוֶוע שְׁטוּב וואוּ מֶען רֶעדְט אַסַאךְ קֶעגְן מִיר, אִיךְ הַאלְט זִיךְ אָבֶּער מִיט אַייזֶערְנֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ הַאלְטְן אֵייבִּיג רוּאִיג, מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר טַאקֶע אַז זִי הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין הוֹיךְ וָוארְט פוּן מִיר, מִיר הָאבְּן נָאר אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט גֶעלְט אוּן חוֹבוֹת. בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ הָאבּ צְוֵויי לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ אוּן מַיין וַוייבּ הָאט בָּרוּךְ ה' אַ דְזְשַׁאבּ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' לְסֵדֶר כִּי תָבוֹא לְאוּמַאן, ט"ז אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

### אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶעבִּי'ן,

**דֶער רֶעבִּי זָאגְט** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קב): **"הַמַּאֲמִין בַּה', חַיָּיו טוֹבִים מְאֹד. כִּי אֲפִלּוּ כְּשֶׁעוֹבֵר עָלָיו חַס וְשָׁלוֹם אֵיזֶה צָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אֲזַי הוּא גַּם־כֵּן יָכוֹל לְהַחֲיוֹת אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי בּוֹטֵחַ בַּה' כִּי הַכֹּל לְטוֹבָה", אַ מֶענְטְשׁ וָואס**

לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה הָאט אַ גוּט לֶעבְּן; וַוייל אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, ווייסְט עֶר אוֹיךְ אַז אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר ווִיל, נָאר עֶר נֶעמְט אַלֶעס אָן לְטוֹבָה.

**מוֹהֲרָא"ש** זָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן אַ בָּחוּר וָואס דְרֵיידְט זִיךְ אַרוּם מִיט אַ קַשְׁיָא: "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נָאךְ נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ?" אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט אַ קַשְׁיָא: "פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ דַוְקָא אַזַא וַוייבּ?" אָבֶּער וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זִיךְ מְבַטֵל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר גְלֵייבְּט מִיט אֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווייסְט בֶּעסֶער וִוי אִים וָואס אִיז גוּט פַאר אִים; עֶר גְלֵייבְּט אַז: 'אוֹיבּ הָאבּ אִיךְ נָאךְ נִישְׁט מַיין שִׁידוּךְ אִיז דָאס גוּט פַאר מִיר', אוּן: 'אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא וַוייבּ אִיז דָאס גוּט פַאר מִיר אוּן אִיךְ דַארְף פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע מַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ טְרֶעפְן דָאס גוּטְס אִין אִיר'.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט נִישְׁט מֵיינֶען קַיין אֵיין רֶגַע אַז אַ צְווֵייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן פוּן דִיר אָדֶער אַ צְווֵייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע וַוייבּ וִוי דִיר - דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן, וַוייל אַז דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיט דִי פְּרוֹי וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן, וָואלְסְטוּ זִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ צְווֵייטֶע פְּרוֹי וָואס דוּ מֵיינְסְט אַז זִי אִיז גוּט פַאר דִיר.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט פַּיינְט אַ מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר ווִיל עֶר אִים הַרְגֶ'ענֶען אוּן צוּנֶעמֶען זַיין לֶעבְּן; וֶועגְן דֶעם אַרְבֶּעט עֶר שְׁטֶענְדִיג מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן פוּן זַיין לֶעבְּן, פוּן זַיין ווַייבּ אוּן פוּן זַיינֶע קִינְדֶער. עֶר רֶעדְט אַיין פַאר'ן מֶענְטְשׁ אַז אַ צְוֵוייטֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן פוּן אִים, אַ בֶּעסֶערֶע ווַייבּ, בֶּעסֶערֶע קִינְדֶער, אַ בֶּעסֶערֶע דְזִשַׁאבּ וְכוּ'.

עֶס אִיז דָא אַ וָוארְט אִין קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ "עֵירוּב טוֹב וָרַע"; מוֹהֲרַא"שׁ הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז אַלֶע הוֹיכֶע ווֶערְטֶער אִיז פַאר אוּנְז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוּן מִיר קֶענֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין. ""עֵירוּב טוֹב וָרַע" מֵיינְט, אַז פוּן וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן הָאט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת אִיז גֶעשֶׁען אַן "עֵירוּב טוֹב וָרַע" - יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט: 'בַּיי מִיר אִיז שְׁלֶעכְט אוּן בַּיי יֶענֶעם אִיז גוּט'; מֶען מֵיינְט אַז דִי "טוֹב" אִיז בַּיי יֶענֶעם, אוּן דֶער "רַע" אִיז בַּיי מִיר. אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל טְרַאכְטְן: 'בַּיי מִיר אִיז בָּרוּךְ הַשֵׁם גוּט אוּן בַּיי יֶענֶעם ווֵייס אִיךְ נִישְׁט אוּן אִיךְ ווִיל נִישְׁט ווִיסְן', טְרַאכְט מֶען דִי גַאנְצֶע צַייט: 'פַארְוָואס בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט גוּט?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַזַא ווַייבּ וְכוּ'?' אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס מֶען הָאט, אוּן אַז מֶען הָאט נִישְׁט מַחֲלוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט רַחֲמָנָא לִצְלַן, דְרֵייְדְט מֶען זִיךְ אַרוּם אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן.

אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד גֵייט שְׁטֶענְדִיג אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל; עֶר טַאנְצְט אוּן זִינְגְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף

אַלֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים. אִיךְ הָאב גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד אַ תַּלְמִיד "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אַ מוֹרָא'דִיגֶער וָוארְט; עֶס אִיז דָא אַן אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם, אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם; בַּיי מִיר". אוּן עֶר זִינְגְט דָאס מִיט זַיין ווייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס הָאט אַלֶע חֵן אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס קֶען קוֹים דוּרְךְ שְׁטוּפְּן דִי וָואךְ אוּן קוֹים וָואס עֶר הָאט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, מִיט דֶעם אַלֶעם גֵייט עֶר אַרוּם אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אוּן זִינְגְט: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם; בַּיי מִיר". דֶערְפַאר זֶע דוּ אוֹיךְ צוּ זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "אַלֶעס אִינְאֵיינֶעם אִיז נִישְׁט דָא בַּיי קֵיינֶעם, אוֹיסֶער בַּיי אֵיינֶעם; בַּיי מִיר" - וֶועסְטוּ הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אִים אוּן לוֹיבְּט אִים, זָאגְט עֶר פַאר דִי מַלְאָכִים: 'קוּקְטְס אָן דֶעם אִיד, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוּן עֶר דַאנְקְט מִיר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס גוּטְס מֵיינְט'. אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט ווִי אֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיף זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס שְׁלֶעכְטְ'ס מֵיינְט'".

אִיךְ בֶּעט דִיר, זַיי פְרֵיילִיךְ מִיט דַיין ווייבּ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן; דֶערְמַאן זִיךְ וֶוען דוּ

בִּיסְט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעוָואלְט לֶעבְּן, הָאסְט נָאר גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן; יֶעצְט הָאסְט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ הָאסְט צְוֵויי לִיבְּטִיגֶע קִינְדֶער, זַיי פְרֵיילִיךְ! טְרַאכְט נִישְׁט: 'מֶע, מַיין וַוייבּ אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע, אוּמְבַּא'חֵן'ט וְכוּ', זִי אִיז נֶעגֶעטִיוו וְכוּ'', נָאר זוּךְ אוֹיף וִוי דוּ קֶענְסְט טְרֶעפְן אִין אִיר אַ נְקוּדָה טוֹבָה אוּן זַיי אִיר דַן לְכַף זְכוּת. מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד אַהֵיים אוּן עֶס אִיז אַ שָׁאד פַּאר דִי פָּאר יָאר וָואס מִיר לֶעבְּן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ קְרִיגְן אוּן בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## מח

### ווִי אַזוֹי אִיז דִי תְּפִלִין מְשַׁעְבֵּד דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר מַסְבִּיר זַיין, עַל פִּי חֲסִידוּת בִּכְלַל אוּן עַל פִּי חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב בִּפְרַט, דָאס וָואס מֶען זָאגְט בַּיי דִי לְשֵׁם יִחוּד בַּיים לֵייגְן תְּפִלִּין: "וְצִוָּנוּ לְהָנִיחַ עַל הַיָּד לְזִכְרוֹן זְרוֹעַ הַנְּטוּיָה, וְשֶׁהִיא נֶגֶד הַלֵּב לְשַׁעְבֵּד בָּזֶה תַּאֲוַת וּמַחְשְׁבוֹת לִבֵּנוּ לַעֲבוֹדָתוֹ

יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. וְעַל הָרֹאשׁ נֶגֶד הַמֹּחַ, שֶׁהַנְּשָׁמָה שֶׁבְּמֹחִי עִם שְׁאָר חוּשַׁי וְכֹחוֹתַי כֻּלָּם יִהְיוּ מְשֻׁעְבָּדִים לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ", ווי אַזוֹי אַרְבֶּעט דָאס? ווי אַזוֹי זֶענֶען דִי תְּפִלִּין מְשַׁעְבֵּד דִי הַארְץ און קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

מֶען זָאגְט אִין דֶעם נוּסָח פוּן לְשֵׁם יִחוּד פַאר מֶען טוּט אָן דִי תְּפִילִין: "וְצִוָּנוּ לְהָנִיחַ עַל הַיָּד לְזִכְרוֹן זְרוֹעַ הַנְּטוּיָה, וְשֶׁהִיא נֶגֶד הַלֵּב לְשַׁעְבֵּד בָּזֶה תַּאֲוַת וּמַחְשְׁבוֹת לִבֵּנוּ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. וְעַל הָרֹאשׁ נֶגֶד הַמֹּחַ, שֶׁהַנְּשָׁמָה שֶׁבְּמֹחִי עִם שְׁאָר חוּשַׁי וְכֹחוֹתַי, כֻּלָּם יִהְיוּ מְשֻׁעְבָּדִים לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ", מִיר טוּעֶן אָן דִי תְּפִילִין צוּ מְשַׁעְבֵּד זַיין אוּנְזֶער הַארְץ און אוּנְזֶער מֹחַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרְא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, מֶען קֶען הֶערְן ווי מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר מַצְלִיחַ וַוייל עֶר הָאט גָאלְדֶענֶע הֶענְט", "דֶער אִיז מַצְלִיחַ וַוייל עֶר הָאט אַ אַייזֶערְנֶע קָאפּ"; מֶען פַארְגֶעסְט אָבֶּער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט דִי גַאנְצֶע הַצְלָחָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר גֶעבְּט פַּרְנָסָה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, און עֶס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן

מִיט גָאלְדֶענֶע הֶענְט אָדֶער אַ אַייזֶערְנֶע קָאפּ. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פִּירְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ט, יא): "לֹא לַחֲכָמִים לֶחֶם, וְגַם לֹא לַנְּבֹנִים עֹשֶׁר וְגוֹ'"; מִיט דֶעם טַייטְשְׁט מוֹהַרָא"שׁ דֶעם מַאֲמָר חַזַ"ל (סַנְהֶדְרִין מו.): "שְׁכִינָה מַה לָשׁוֹן אוֹמֶרֶת, קַלַּנִי מֵרֹאשִׁי, קַלַּנִי מִזְּרוֹעִי", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קְלָאגְט דֶער קָאפּ טוּט מִיר וֵויי, דִי הֶענְט טוּעֶן מִיר וֵויי, "עֶס טוּט מִיר וֵויי צוּ הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז אַ 'גוּטֶע קָאפּ' בְּרֶענְגְט הַצְלָחָה, אָדֶער 'גוּטֶע הֶענְט' בְּרֶענְגְט עֲשִׁירוּת", נִישְׁט דֶער אַייזֶערְנֶע קָאפּ מַאכְט רַייךְ, אוּן נִישְׁט דִי גָאלְדֶענֶע הֶענְט מַאכְט גֶעלוּנְגֶען, נָאר אַלֶעס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר טוּעֶן מִיר אָן תְּפִילִין אוֹיף דִי הֶענְט אוּן אוֹיף דִי קָאפּ, מִיר בִּינְדְן צוּ אוּנְזֶער הֶענְט אוּן קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דוּרְכְדֶעם טוּעֶן מִיר וַוייזְן אַז אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס אִיז פְּשַׁט פוּן מְשַׁעְבֵּד זַיין אוּנְזֶער הַארְץ אוּן אוּנְזֶער קָאפּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר בִּינְדְן זִיךְ צוּ צוּ אִים, אוּן מִיר וַוייזְן אַז מִיר קֶענֶען גָארְנִישְׁט טוּן אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיר קֶענֶען נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין וִוי גְרוֹיס דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין אִיז אוּן וִוי פְרֵיילִיךְ מִיר דַארְפְן זַיין וֶוען מִיר זֶענֶען זוֹכֶה אָנְצוּטוּן תְּפִילִין; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ל:): "אַבַּיֵי הֲוָה יָתִיב קַמֵּיהּ דְּרַבָּה, חַזְיֵיהּ דַּהֲוָה קָא בָּדַח טוּבָא, אֲמַר: "וְגִילוּ בִּרְעָדָה" כְּתִיב! אֲמַר לֵיהּ: אֲנָא תְּפִלִּין מַנַּחְנָא", אַבַּיֵי אִיז גֶעזֶעצְן פַאר רַבָּה אוּן רַבָּה הָאט גֶעזֶען אַז אַבַּיֵי אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: עֶס שְׁטֵייט דָאךְ

(תְּהִלִּים ב, יא): "וְגִילוּ בִּרְעָדָה"? הָאט אִים אַבַּיֵי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ וַוייל אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטוּן תְּפִילִין"!

דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפִּילְט בַּיי רֶבִּי יִרְמְיָה; רַבִּי יִרְמְיָה הֲוָה יָתֵיב קַמֵּיהּ דְּרַבִּי זֵירָא, חַזְיֵיהּ דַּהֲוָה קָא בָּדַח טוּבָא, אֲמַר לֵיהּ: "בְּכָל עֶצֶב יִהְיֶה מוֹתָר" כְּתִיב, אֲמַר לֵיהּ: "אֲנָא, תְּפִלִּין מַנַּחְנָא", עֶר אִיז גֶעזִיצְן פַּאר רֶבִּי זֵירָא אוּן רֶבִּי זֵירָא הָאט גֶעזֶען אַז רֶבִּי יִרְמְיָה אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: עֶס שְׁטֵייט דָאךְ (מִשְׁלֵי יד, כג): "בְּכָל עֶצֶב יִהְיֶה מוֹתָר"? הָאט אִים רֶבִּי יִרְמְיָה גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ הָאבּ אָן דִי תְּפִילִין"!

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט דֶעם וָואס עֶר טוּט אָן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג; דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען דָאס אָבֶּער נִישְׁט נֶעמֶען, עֶר קֶען נִישְׁט זֶען וִוי אַ אִיד בִּינְדְט זִיךְ צוּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג. וָואס טוּט עֶר? עֶר וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן מַאכְט אַז עֶר זָאל הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת - זֶה בְּכֹה וְזֶה בְּכֹה, צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם קוּמְט עֶר מִיט אַן אַנְדֶערֶע שְׁלַייעֶר, אַלֶעם מִיטְ'ן צִיל צוּ צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ; עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת: 'וֶוער דַארְף מַיין תְּפִילִין? וֶוער דַארְף מַיין דַאוֶונֶען? אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ דָאךְ אַזוֹי סַאךְ גֶעזִינְדִיגְט וְכוּ' וְכוּ'", אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל קוּמֶען יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט נָאר אוֹיס.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ו:): "אָמַר רַבִּי יִצְחָק: כָּל הָרָגִיל לָבֹא לְבֵית הַכְּנֶסֶת וְלֹא בָא יוֹם אֶחָד, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַשְׁאִיל בּוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נִישְׁט אִין שׁוּל פְּרֶעגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער "וואוּ אִיז דֶער איד? פַארְוָואס אִיז עֶר נִישְׁט גֶעקוּמֶען?" אוֹיבּ אִיז עֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט רַחְמָנָא לִצְלָן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְהֵיילְן, אוֹיבּ אִיז עֶר פַארְנוּמֶען מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

**אֲפִילוּ** אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען עֶר זִיךְ אִין אֵיין מִינוּט צוּרִיק קֶערְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה, שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, קוּמְט עֶר אָן בִּיזְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין; דֶערְפַאר קֶען אִים גָארְנִישְׁט אָפְּהַאלְטְן פוּן צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**ווֹאוֹיל** אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אָן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דֶעם, עֶר טַאנְצְט זִיךְ אוּנְטֶער בִּשְׁעַתְ'ן אָנְטוּן דִי תְּפִילִין; בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶען אַז בְּשַׁעַת עֶר הָאט גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה בַּיים אָנְטוּן דִי תְּפִילִין הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעטַאנְצְן, מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס הָאט יֶעצְט גֶעווּאוּנֶען אַ רִיזְן סוּמֶע גֶעלְט.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מד:): "כָּל הַמֵּנִיחַ תְּפִילִין מַאֲרִיךְ יָמִים", וֶוער עֶס טוּט אָן תְּפִילִין וֶועט הָאבְּן אֲרִיכַת יָמִים; אוּן אַז מֶען לֵייגְט תְּפִילִין אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מג:): "רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב אוֹמֵר, כָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ תְּפִילִין

בְּרֹאשׁוֹ, וּתְפִילִין בִּזְרוֹעוֹ, וְצִיצִית בְּבִגְדוֹ, וּמְזוּזָה בְּפִתְחוֹ - הַכֹּל בְּחִזּוּק שֶׁלֹּא יֶחֱטָא", וֶוער עֶס טוּט אָן תְּפִילִין וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## מט

### זָאל אִיךְ טוּן דֶעם שִׁידוּךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

רֵאשִׁית כָּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַּארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁלִיכְקֵייט אוּן גוּטֶע מִידּוֹת וָואס דִי שִׁיעוּרִים הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין מִיר. דָאס אִיז אוֹיסֶער דִי גֶעשְׁמַאקְקֵייט פוּן עֶס אוֹיסְהֶערְן.

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פוּן אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶ שְׁטוּבּ, עֶס אִיז שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס מֶען הֶערְט אוֹיס שִׁידּוּכִים פַאר מִיר, אוּן דֶערְוַוייל אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען מַיין בַּאשֶׁערְטֶער. אִיךְ בִּין מִשְׁתַּדֵּל זִיךְ מְחַזֵּק צוּ זַיין אִין אֱמוּנָה אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען מַיין חָתָן, אוּן אִיךְ וַוארְט מִיט סַבְלָנוּת.

יֶעצְט הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ שִׁידּוּךְ וָואס זֶעט אוֹיס אוֹיבְּן אוֹיף זֵייעֶר גוּט, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אָבֶּער וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען ווִיסְן אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע מַיין רִיכְטִיגֶער שִׁידּוּךְ, בִּפְרַט אַז דֶער בָּחוּר גְלֵייבְּט אִין..., וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דֶער שִׁידּוּךְ אִיז טַאקֶע גוּט פַאר מִיר?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַוֶועקְגֶעבְּן פוּן אֵייעֶר טֵייעֶרֶע צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן שְׁאֵלוֹת.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, י"ט אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווִיסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אוּנְז מְחַזֵּק אוּן מְחַיֶּ' אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן פוּן אַלֶעם וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן אוּן אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נב): דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹי דַארְף עֶס צוּ זַיין, "וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ, כִּי מֵעֹצֶם גְּדֻלָּתוֹ וְרוֹמְמוּתוֹ, שֶׁהוּא מְרוֹמָם מְאֹד מִדַּעְתֵּנוּ, עַל כֵּן בְּוַדַּאי אִי אֶפְשָׁר שֶׁנָּבִין וְנַשִּׂיג בְּשִׂכְלֵנוּ הַנְהָגָתוֹ יִתְבָּרַךְ, וְעַל כֵּן בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיוּ עָלָיו יִתְבָּרַךְ קֻשְׁיוֹת, כִּי כָּךְ נָאֶה וְיָפֶה לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה מְרוֹמָם וְנִשָּׂא מִדַּעְתֵּנוּ, שֶׁעַל יְדֵי זֶה קָשֶׁה הַקֻּשְׁיוֹת כַּנַּ"ל, וְאִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ, אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ", אוּן דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקַייט, אַז עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל אוֹיבּ מִיר וָואלְטְן אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען וָואלְט דָאךְ גֶעוֶוען זַיין שֵׂכֶל אַזוֹי ווִי אוּנְזֶער שֵׂכֶל - חַס וְשָׁלוֹם; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז דֶער שֵׁיינְקַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן אִים נִישְׁט. אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**יֶעדֶער** מֶענְטְשׁ הָאט אַ קַשְׁיָא, אָנְגֶעפַאנְגֶען פוּן אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל וָואס הָאבְּן אַ קַשְׁיָא פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ, זֵיי טְרַאכְטְן: 'פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט גוּט, יֶעדֶער אֵיינֶער טְרֶעפְט זַייעֶר שִׁידוּךְ, פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ?' נָאכְדֶעם אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט אַ קַשְׁיָא פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה; פַארְוָואס אִיז דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֶעזוּנְט? וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער אַז מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֶעבְּט מֶען אַ חַיִים טוֹבִים.

**"לָמָּה?"** - יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם, אַ גּוֹי פְרֶעגְט פַארְוָואס, אָבֶער אַ אִיד פְרֶעגְט נִישְׁט פַארְוָואס, נָאר אַ אִיד גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לוֹ", וואוּיל אִיז פַאר אַ אִיד וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, נָאר עֶר חַזֶר'ט שְׁטֶענְדִיג: "שֶׁכָּכָה לוֹ" - וִוי אַזוֹי? אָט אַזוֹי! אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט אַזוֹי אִיז גוּט.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט'ס אַייךְ אוּן דֶערְהַאלְט'ס אַייךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת מִיט אֱמוּנָה פְשׁוּטָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ צוּבְּרֶענְגֶען אֵייעֶר שִׁידוּךְ פְּלוּצְלִינְג אוּמְגֶערָאכְטְן; אִיךְ וֵוייס אַז אִיר זֶענְט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וַוייל אִיר ווִילְט שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיר ווִילְט אָנְהֵייבְּן אַ לֶעבְּן אוּן אִיר זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג וִוי אַזוֹי, וֶוען אוּן מִיט וֶועם וְכוּ', דָאךְ בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, וַוייל אָט אָט קוּמְט אֵייעֶר יְשׁוּעָה.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס וֶוער עֶס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ דֶעם לֶעבְּט אַ חַיִים טוֹבִים, דִי עֵצָה הֵייסְט "הִתְבּוֹדְדוּת"; דָאס הֵייסְט, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל יֶעדְן טָאג גֵיין

אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער שְׁטֶערְט אִים נִישְׁט און דָארְט זָאל עֶר זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. טוּט'ס אוֹיךְ דִי עֵצָה, דֶערְצֵיילְט'ס פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ, רֶעדְט'ס צוּ אִים אוֹיף דִי שְׂפְּרַאךְ וָואס אִיר זֶענְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, וֶועט אִיר זִיכֶער זֶען בְּקָרוֹב אֵייעֶר יְשׁוּעָה.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "וּבְחָנוּנִי נָא בְּזֹאת, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און בֶּעטְן אוֹיף אַ זַאךְ פֶּערְצִיג טֶעג, וֶועט עֶר עֶס זִיכֶער בַּאקוּמֶען". דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, שְׁטַארְקְט אַייךְ און וַוארְט אוֹיס, וֶועט אִיר זֶען אַז אֵייעֶר שִׁידוּךְ וֶועט אָנְקוּמֶען.

בִּיז דֶערְוַוייל גֵייט אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, וַוייל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ אֵיינֶעם וָואס גֵייט אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, בִּפְרַט וֶוען מֶען זוּכְט אַ שִׁידוּךְ קוּקְט מֶען אוֹיף דֶעם זֵייעֶר שְׁטַארְק.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר פְֿרֶעגְט, צִי אִיר זָאלְט מַאכְן אַ שִׁידוּךְ אוֹיבּ דֶער בָּחוּר גְלֵייבְּט אִין ...., עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט דֶעם בָּחוּר וְכוּ'.

שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין תְּפִילָה וְהִתְבּוֹדְדוּת וֶועט אִיר זֶען אַ יְשׁוּעָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# נ

## אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט מַסֶכֶת קִידוּשִׁין, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק!

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בְּסִייַעְתָּא דִשְׁמַיָא הָאבּ אִיךְ הַיינְט גֶעפְּרַאוֶועט אַ סִיוּם אוֹיף מַסֶכֶת קִידוּשִׁין בִּזְכוּת דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס לֶערְנְט אוֹיס אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען מֶען זָאגְט גְמָרָא שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ אָפּ דָא דָארְט אוּן מֶען פַארְשְׁטֵייט אַבִּיסְל.

אוֹיף דֶעם וֶועג הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט דְרֵיי בְּלַאט אַ טָאג, אוּן בָּרוּךְ ה' אַז הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט אַ סִיוּם מִיט מוּזִיק!

אַשְׁרֵיכֶם אַז אִיר פַארְשְׁפְּרֵייט דִי אֱמֶת'עֶ עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים פוּנֶעם רֶבִּי'ן! דוּרְךְ אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעוָואסְן זֵייעֶר אַסַאךְ; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוֹבֵעַ זַיין עִתִּים לַתּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט אַ מַסֶכְתָּא, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'נְ'ס דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואלְט אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ מַסֶכְתָּא. אוּן נָאר אַ דַאנְק דִי גְרִינְגֶע צוּגַאנְג וָואס מֶען שְׁפִּירְט בַּיים לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, שְׁפְּרִינְגְט מֶען אַרַיין אִינֶעם לֶערְנֶען אוּן מֶען הָאקְט שְׁטִיקֶער. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט אַגַדְתָּא שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ אַבִּיסְל אָפּ דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט.

דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע אוּן אֱמֶת'עֶר שִׁיטָה אִין אַלֶע אַסְפֶּעקְטְן, בִּפְרַט אִינֶעם הַיינְטִיגְן שְׁוַואכְן דוֹר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אֵייעֶר שִׁיטָה וָואס אִיר נֶעמְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אַז מֶען נֶעמְט אָן יֶעדְן מֶענְטְשׁ וִוי אַזוֹי עֶר זֶעט אוֹיס, אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ אִיז גְלַייךְ מִיט

דֶער וָואס גֵייט מִיט שְׁמוֹנָה בְּגָדִים אוּן שְׁווִיצְט אַזְש בִּיז חַלָשׁוּת אוּן מַאכְט אַ רוֹשֶׁם פוּן אַ מְקַדֵּשׁ שֵׁם שָׁמַיִם...

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זַאךְ וָואס דָאס דֶערְהַאלְט הַיינְט דָאס אִידִישְׁקַייט; בְּקִיצוּר, חַזֵק וֶאֱמָץ.

אוֹיךְ אִיז זַייעֶר חָשׁוּב אַז אִיר רֶעדְט נִישְׁט אָפֶּענֶערְהֵייט קֶעגְן סְמַארְטְפָאוּנְס זִיךְ צוּ זָארְגְן אוֹיף יֶענֶעמְ׳ס פְּרָאבְּלֶעמֶען, נָאר דוּרְךְ אַ שֵׂכֶל׳דִיגֶער וֶועג, אַז עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ הָאבְן אַ סְמַארְטְפָאוּן כְּדֵי צוּ לֶעבְן אַ גוּטֶע פְרֵיילִיכֶע אוּן רוּאִיגֶע לֶעבְּן.

נָאכְאַמָאל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ!

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ׳ אֱלוּל, שְׁנַת תשע״ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ אִיד צִי עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ לֶערְנֶען. עֶר אִיז פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַהֵיימְצוּבְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה אוּן עֶר אִיז פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג מִיט זַיין אַרְבֶּעט, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: אֲפִילוּ דוּ אַרְבֶּעטְסְט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט קוֹבֵעַ זַיין אַ בַּאשְׁטִימְטֶע צַייט צוּ לֶערְנֶען, דָאךְ זָאלְסְטוּ זֶען אַרוֹיס צוּ כַאפְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם

לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אֵיינֶע פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁאֵלוֹת וָואס מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" בְּפַּשְׁטוּת זֶעט אוֹיס אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צִי עֶר הָאט קוֹבֵעַ גֶעוֶוען אַ צַייט יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען, אָבֶּער דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט אַנְדֶערְשׁ, אַז מֶען פְרֶעגְט אִים צִי עֶר הָאט אַרָאפּ גֶע'גַנְבֶ'עט צַייט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, טְרָאץ אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, וַוייל קֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גְזֵלָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כג) "וְקָבַע אֶת קֹבְעֵיהֶם נָפֶשׁ", זֶעט מֶען אַז דָאס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן גַנְבֶ'נֶען; אִיז פְּשַׁט, אַז מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה?" צִי עֶר הָאט אַרוֹיס גֶעכַאפְּט אִין זַיין פַארְנוּמֶענֶעם טָאג אַפָּאר מִינוּט פַאר תּוֹרָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפד).

אַז מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת זֶעט מֶען אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבֶּעריגֶע מִינוּט כַאפְּט עֶר אַריין נָאךְ אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, נָאךְ אַ דַף גְמָרָא; וואוּ עֶר גֵייט אוּן וואוּ עֶר שְׁטֵייט נֶעמְט עֶר מִיט זִיךְ אַ זֶעקְל סְפָרִים, אַ מִשְׁנַיוֹתְ'ל, אַ תְּהִילִימְ'ל, אַ חוּמָשְׁ'ל, דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג פוּן זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען, וַוייל דָאס קֶען מֶען אֵייבִּיג טוּן - צִי מֶען הָאט פַּרְנָסָה צִי נִישְׁט, צִי מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת צִי נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ'; דָאס הֵייסְט רִיכְטִיג קוֹבֵעַ זַיין עִתִּים לַתּוֹרָה.

זֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט בְּלוֹיז וֶוען עֶר אִיז אוֹיסְגֶערוּט אוּן נָאר וֶוען אַלֶעס קְלַאפְּט - וֶועט עֶר אֵייבִּיג הָאבְּן תֵּירוּצִים נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען; הַיינְט קְלַאפְּט נִישְׁט דָאס, מָארְגְן

קְלַאפְּט נִישְׁט יֶענְץ, אָבֶער וֶוען מֶען לֶערְנְט לוֹיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) מֶען קוּקְט נִישְׁט צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט גְלַייךְ יֶעדֶעס וָוארְט צִי מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט גְלַייךְ יֶעדֶע זַאךְ, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ד): "אַל תֹּאמַר לִכְשֶׁאֶפָּנֶה אֶשְׁנֶה, שֶׁמָּא לֹא תִפָּנֶה", זָאג נִישְׁט 'וֶוען אִיךְ וֶועל הָאבְּן צַייט אוּן נִישְׁט זַיין פַּארְנוּמֶען, דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען', ווייל עֶס קֶען זַיין אַז דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט אוּן עֶס קֶען זַיין אַז יֶעדֶעס מָאל וֶועסְטוּ הָאבְּן אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים, נָאר יֶעצְט כָאפּ אַרַיין אַבִּיסְל תּוֹרָה.

בְּנוֹגֵעַ סְמַארְט-פָאוּן וְכוּ'; אִיךְ זָאג נָאר וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, ווִי עֶר הָאט גֶעווֵיינְט אוּן גֶערֶעדְט אַזוֹי סַאךְ צוּ זַיינֶע אִינְגֶעלַייט אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט חָרוּב מַאכְן זֵייעֶרֶע שְׁטוּבֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער וְכוּ'; בִּיזְנֶעס אִיז בִּיזְנֶעס, אָבֶער אִין שְׁטוּבּ אִיז נִישְׁט גוּט צוּ הָאבְּן אַ קָאמְפְּיוּטֶער וְכוּ'. וִויפִיל פְרוֹיעֶן אוּן יוּנְגֶע וַוייבְּלֶעךְ שְׁרַייבְּן מִיר אוּן וֵויינֶען צוּ מִיר אַז אִיךְ זָאל זֵיי מַדְרִיךְ זַיין, אִיךְ זָאל זֵיי זָאגְן צִי זֵיי זֶענֶען מְחוּיָב צוּ לֶעבְּן מִיט אַ מַאן וָואס אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ זַיין סְמַארְט-פָאוּן וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# נא

## אִיז דֶער בָּחוּר מַיין שִׁידוּךְ?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ זָאגְן אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעגֶעבְּן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער, עֶס הָאט מִיר מוֹרָא'דִיג מְחַזֵק גֶעוֶוען.

דֶעם זוּמֶער בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בָּחוּרִים. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶע'מָשָׁל'ט אַז אֵיין בָּחוּר אִיז מַיין שִׁידוּךְ, נִישְׁט וַוייל עֶר אִיז שֵׁיין אוּן קָאאל, נָאר וַוייל אִיךְ הֶער וִוי מַיינֶע בְּרוּדֶער רֶעדְן וֶועגְן זַיינֶע גוּטֶע מִידוֹת אוּן וִוי סַאךְ עֶר לֶערְנְט.

אִיךְ וֵויס אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַ גוּטֶע זַאךְ, אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן אִים, אִיךְ וֵויס אָבֶּער נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ טְרַאכְט פוּן אִים בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶה

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.**

**שְׁטַארְקְטְס אַייךְ אוּן וֶוערְטְס נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס אִיר גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער; עֶס אִיז אַ זַאךְ וָואס פַּאסִירְט בַּיי אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ. אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

ער זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ עֶרְלִיכֶע מַאן מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דִי אוֹיסְזֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט אַלֶעס; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תִּקּוּנֵי זוֹהַר, תִּיקּוּן כא, דַף ס:) אַז אַ שׁוֹטֶה קוּקְט אוֹיף דִי לְבוּשׁ מִיט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אָנְגֶעטוּן, אָבֶער אַ חָכָם קוּקְט וָואס טוּט זִיךְ אוּנְטֶער דֶעם לְבוּשׁ; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן אַ שִׁידוּךְ דַארְף מֶען בְּעִיקָר קוּקְן צִי דֶער בָּחוּר הָאט גוּטֶע מִידוֹת, צִי עֶר אִיז אַ וַתְּרָן אָדֶער אַ כַּעְסָן; זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל צֶעטֵיילְן זִיךְ אַ יוּנְגֶע פָּארְפָאלְק וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מְבָרֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי מִידוֹת, מֶען הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיפְן אוֹיסְזֶען.

נִישְׁט יֶעדֶע בָּחוּר וָואס דְרֵייְדְט זִיךְ דָא אִין יְשִׁיבָה אִיז אַ תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה וְדַ"ל; אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיר זָאלְט הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער מַאן אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. קִינְדֶער וָואס וֶועלְן נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן ה', קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען אוּן טוּן חֶסֶד.

וֶוען מֶען בֶּעט פַאר אַ שִׁידוּךְ טָאר מֶען נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'אִיךְ דַארְף דֶעם שִׁידוּךְ'; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פַארְצֵיילְן (מוֹעֵד קָטָן יח:) רָבָא הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט וִוי אַ בָּחוּר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "תִּזְדַמֵּן לִי פְּלָנִיתָא", אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט דִי מֵיידְל, הָאט רָבָא גֶעזָאגְט פַאר דֶעם בָּחוּר: "לֹא תִיבָּעִי רַחֲמֵי הָכִי", מֶען טָאר נִישְׁט בֶּעטְן

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'אִיךְ דַארְף דֶעם אוּן דֶעם שִׁידוּךְ'; וֶועט מֶען פוּן דִי גְמָרָא אַז מֶען טָאר נִישְׁט בֶּעטְן דַוְקָא אוֹיף אַ גֶעווִיסֶע שִׁידוּךְ, וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

**אִיר** זָאלְט זִיךְ נָאר חַבֶר'ן מִיט גוּטֶע מֵיידְלֶעךְ - וֶועט אִיר הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן; ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וֶוער אִיז אַ גוּטֶע מֵיידְל אוּן וֶוער נִישְׁט? אַז מֶען קוּקְט אוֹיפְן מוֹיל. אַ גוּטֶע מֵיידְל רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג אֵיידְל, זִי מַאכְט נִישְׁט אַוֶועק אַ צְוֵוייטְן, זִי טְשֶׁעפֶּעט נִישְׁט קֵיינֶעם, זִי רֶעדְט צוּ אִירֶע טִיטְשֶׁערְס מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וֶוער רֶעדְט נָאךְ צוּ טַאטֶע מַאמֶע - רֶעדְט זִי אֵיידְל וְכוּ', מִיט אַזֶעלְכֶע מֵיידְלֶעךְ זָאלְט אִיר זִיךְ חַבֶר'ן, אָבֶּער אַז אִיר הֶערְט מֵיידְלֶעךְ רֶעדְן פוּן נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן, זָאלְט אִיר אַוֶועק גֵיין פוּן זֵיי, וַוייל עֶס וֶועט אֵייךְ אוֹיךְ שָׁאטְן.

**וֶועט** צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים אוּן וָואס אִיר דַארְפְט זָאלְט אִיר נָאר בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט אַלֶע שְׁפְּרַאכְן אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מִדְרָשׁ דְבָרִים רַבָּה ב, טו): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ שְׁטוּרֶם ווִינְט אוֹיפְן וַואסֶער אוּן אַ שִׁיף אִיז פַארְבְּלָאנְדְזֶשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ ווַייטֶע שְׁטָאט, אוֹיפְן שִׁיף הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען בְּלוֹיז אֵיין אֵיינְצִיגֶער אִיד מִיט אַסַאךְ גוֹיִם, וֶוען דֶער שִׁיף אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי פְרֶעמְדֶע מְדִינָה זֶענֶען אַלֶע גוֹיִם צוּגֶעקוּמֶען בֶּעטְן פוּן דֶעם אִיד עֶר זָאל זֵיי גֵיין קוֹיפְן עֶסְן, הָאט דֶער אִיד זֵיי גֶעפְרֶעגְט מִיט וואוּנְדֶער: "אִיךְ בִּין דֶען בַּאקַאנְט דָא, אַז אִיר אַלֶע קוּמְט מִיר בֶּעטְן אִיךְ זָאל קוֹיפְן עֶסְן?" הָאבְּן אַלֶע גוֹיִם

אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן צוּ דֶעם אִיד אוּן גֶעזָאגְט: "אַ אִיד אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, אַ אִיד הָאט אֵייבִּיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זִיךְ".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוּנְז אַלֶעמָאל אוֹיס אוּן מִיר זֶענֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶערְפַאר זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס אִיר דַארְפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## נב

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָׁה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטַ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְקֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן דוּרְכְפֶעלֶער אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָׁה. לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַ שְׁמוּעֶס פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה ווִי אַזוֹי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֵייגְט אַרָאפּ דִי הַארְבְּקַייט אוּן דִי עֶקֶלְדִיגְקַייט פוּן דִי עֲבֵירָה, אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק וָואס הַאלְט שׁוֹין אָן אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

וָואס אִיז דִי עֵצָה אִיךְ זָאל עֶס קֶענֶען אָנְהַאלְטְן וַוייטֶער אוּן נִישְׁט נָאכְאַמָאל דוּרְךְ פַאלְן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זְייסְן** זָאלְסְטוּ אַז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה, אַזוֹי וַוייט אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיז חַיָּיב מִיתָה. "רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", רַבִּי יִצְחָק אוּן רַבִּי אַמִּי זָאגְן, אַז וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה אִיז אַזוֹי וִוי עֶר אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכַת דָּמִים. "רַב אַסִּי אָמַר, כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", רַב אַסִּי זָאגְט, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

**נָאכְדֶעם** וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט בְּלַייבְּן דִי טִיפּוֹת צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּ אִים, אַזוֹי וִוי דֶער רַבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קמא) אַז דִי אַלֶע טִיפּוֹת וָואס מֶען אִיז מוֹצִיא לְבַטָּלָה וְכוּ' גֵייעֶן נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט, זֵיי זֶענֶען אִים מְלַוֶּה וְכוּ'. אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע צַעַר אוּן בּוּשָׁה פַאר'ן מֶענְטְשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן.

**אוּן** זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (וַיְחִי רִיט:) "אָמַר רַבִּי יְהוּדָה לֵית לָךְ חוֹבָא בְּעָלְמָא דְלָא אִית לֵיהּ תְּשׁוּבָה בַּר מֵהַאי, וְלֵית לָךְ לְחַיָּיבָא דְלָא חֲמָאן אַפֵּי שְׁכִינְתָּא בַּר מֵהַאי", עֶס אִיז

נִישְׁט דָא קַיין עֲבֵירָה וָואס עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט דֶערוֹיף קַיין תְּשׁוּבָה אוֹיסֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - וָואס אוֹיף דֶעם הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית; דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אַזוֹי אַזוֹי הָארְבּ, וַוייל פוּן יֶעדֶע טִיפָּה וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מוֹצִיא לְבַטָלָה קֶען וֶוערְן אַ קִינְד, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי דֶער מֶענְטְשׁ הַרְגֶ'עט זַיינֶע קִינְדֶער. דָאס אִיז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אֵיין מָאל וְכוּ', כָּל שֶׁכֵּן אַז אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אַסַאךְ מָאל, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער רוֹצֵחַ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה, אוּן דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט".

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר נְקוּדוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

**א)** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. עֶר זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסן דָאס הַארְץ; דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, דֶערְצֵיילְן וואו דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט אִים אַלְץ אַרָאפּ אוּן וִויפִיל מָאל עֶר מַאכְט שׁוֹין אָפּ אַז עֶר גֵייט זַיין גוּט, פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה.

**דֶערְפַאר** טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוים אוּן שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפּ'ס, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפּ פַאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוַת נָאוּף פְלַאקֶערְט אִין מִיר. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר; אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין קוּקְן שְׁמוּץ אוּן נָאכְדֶעם קוּם אִיךְ צוּ צוּ טוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְרָאכְן, דָאס לֶעבְּן אִיז מִיר נִמְאָס.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ; הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ. דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט אוֹיף מִיר בְּרוֹגֶז, אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען, אִיךְ רֶעד זִיךְ אַיין אַז דוּ דַארְפְסְט מִיר נִישְׁט וְכוּ'", אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער אִין וָואס דוּ לִיגְסְט.

**ב)** זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי"; דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען (קַאפִּיטְל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ). דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רה) אַז וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא) אַז אַסַאךְ צַדִיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט מַשִׂיג זַיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִׂיג זַיין, אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן אוּן אַ טֵייל צַדִיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, אָבֶּער מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן; יֶעדְן טָאג זָאלְסְט זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי נָאךְ תְּפִילַת שַׁחֲרִית, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

**ג)** זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן

אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ, אוּן אוֹיב דוּ הָאסְט נָאךְ אַפָּאר מִינוּט לֵייג אוֹיךְ צוּ רַשִׁ"י. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן יט) אַז שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית.

**ד)** אוֹיךְ זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וַוייל מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ. אוּן "מִשְׁנֶה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "נְשָׁמָה" - וְוִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן אוּן עֶר וֶוערְט רֵיין. מִשְׁנַיוֹת הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי וְוִי מֶען זֶעט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם וָוארְט 'מִשְׁנָה' אִיז (תְּהִלִּים ל, ד): הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי, אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וְואוּ עֶר אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיין גֶעפַאלְן.

**אוֹיב** קֶענְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ; אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, מַאכְט דָאס דֶעם מֶענְטְשׁ לוֹיטֶער אוּן עֶס גֶעבְּט אִים צוּרִיק דֶעם מֹחַ. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶערִיסְן זַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה, וַוייל דִי זֶרַע קוּמְט פוּנֶעם מֹחַ אוּן אַז מֶען זִינְדִיגְט וֶוערְט דֶער מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט וְכוּ', אָבֶער אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַ קְלָארְן מֹחַ.

**ה)** זֶע אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג; וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא

אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דֶער נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; דֶערְפַאר אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## נג

**אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ חוֹבוֹת, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְגֵיין דֶערְפוּן?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אוֹיס כְּסֵדֶר אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, אוֹיךְ לֵיין אִיךְ דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה דֶערְמִיט.

אִיךְ ווֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ דִי לֶעצְטֶע צְווֵיי חֲדָשִׁים זֵייעֶר אַסַאךְ חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט פַאר דֶעם אוּן דָאס נֶעמְט מִיר מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים. וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר אָפְּצוּצָאלְן אֵיין חוֹב, קוּמְט אַרוֹיף צְווֵיי פְּרִישֶׁע. יֶעצְט קוּמְט דִי יָמִים טוֹבִים, אִיךְ ווִיל פָּארְן אוֹיף אוּמַאן, אוּן אוֹיךְ דַארְף אִיךְ קוֹיפְן אַ נַייעֶ סוּכָּה, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה צוּ דִי נְשָׁמָה. אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי חוֹבוֹת אָבֶּער דֶערְווַייל זֶע אִיךְ נָאכְנִישְׁט דִי יְשׁוּעָה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶה וּמְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער עִיקָר וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז אִיז, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט ווִי אַזוֹי מִיר ווִילְן. אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת זָאלְן מִיר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשִׂמְחָה.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קיב): "יֵשׁ עֲבֵירָה שֶׁעָנְשָׁהּ שֶׁל עֲבֵירָה הַהִיא שֶׁיְהֵא בַּעַל חוֹב תָּמִיד", עֶס אִיז דָא עֲבֵרוֹת וָואס דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ בַּעַל חוֹב; דָאס אִיז דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וַוייל דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פַארְשְׁטָאפְּט דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס וַוארְפְט אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ קַטְנוּת הַמֹחַ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אַז עֶר מוּז בָּארְגְן גֶעלְט אוּן צוּם סוֹף בְּלַייבְּט עֶר נֶעבֶּעךְ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב.

דִי עֵצָה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן אַלֶע חוֹבוֹת אִיז, אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען וֵויינְט זִיךְ אוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בֶּעט אִים אַז מֶען זָאל אַרוֹיס קְרִיכְן דֶערְפוּן. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ יֶעדְן טָאג עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן גֶעבְן גְרוֹיס שֶׁפַע אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען בַּאצָאלְן

אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת. אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ קוּרְצֶע תְּפִילָה וָואס דוּ זָאלְסְט מִתְפַּלֵל זַיין:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין קַטְנוּת אוּן פוּן מַיין דַחְקוּת מִיט וָואס אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק; אִיךְ הָאבּ מִיר צוּגֶעבְּרֶענְגְט אִיךְ זָאל אַרַיינְפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת דוּרְךְ מַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ טוּ, בִּפְרַט דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה וָואס אִיז אַזַא גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז וֶוער עֶס אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה אִיז חַיָיב מִיתָה. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן מַיינֶע חוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ'.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס קוּמְט יֶעצְט יוֹם טוֹב אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט. אִיךְ דַארְף אַ סוּכָּה, אִיךְ דַארְף קוֹיפְן ד' מִינִים אוּן אַלֶע צָרְכֵי יוֹם טוֹב, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע יוֹם טוֹב אוּן אִיךְ זָאל קֶענֶען קוֹיפְן פַאר מַיין וַוייבּ שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער אוֹיף יוֹם טוֹב", אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֵייג צוּ דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט דִיר.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בֶּעטְסְט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶערְוַוייל זֶעסְטוּ נָאךְ נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, בֶּעט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנֶה, יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ אוּן עֶר הָאט עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, זָאל עֶר נָאכְאַמָאל בֶּעטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כז יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ וְקַוֵּה אֶל ה'"; דֶערְפַאר, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט שׁוֹין אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר אוּן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שֶׁפַע אוֹיף יוֹם טוֹב.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר זַיין רֶבִּי - רֶבִּי נָתָן - דִי סוּכָּה; אַ גַאנְץ עֶרֶב סוּכּוֹת הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיף דִי סוּכָּה, עֶס זָאל זַיין שֵׁיין אוּן שְׁטַארְק. בַּיינַאכְט בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז מֶען שְׁפִּירְט אַן אַנְדֶערֶע טַעַם אִין דִי סוּכָּה וֶוען מֶען הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט דָאס אוֹיף צוּ שְׁטֶעלְן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: דָאס הָאסְטוּ נָאךְ נִישְׁט פְּרוּבִּירְט, צוּ בֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הַטְעִמֵנוּ טַעַם סוּכָּה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי סוּכָּה", וָואס פַאר אַ טַעַם מֶען שְׁפִּירְט דֶעמָאלְט; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ דָאס נָאכְמַאכְן, דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר אַ סוּכָּה; אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיצְן אִין דִי סוּכָּה אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט וְכוּ'", וֶועסְטוּ זֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן גָאר אַן אַנְדֶערֶער יוֹם טוֹב.

גֶעדֶענְק אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן: "שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט, דְרֵיי שְׁלִיסְלֶען לִיגְן נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מַפְתֵּחַ שֶׁל גְּשָׁמִים, מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה, וּמַפְתֵּחַ שֶׁל תְּחִיַּית הַמֵּתִים", דִי שְׁלִיסְל פוּן רֶעגְן, קִינְדֶער אוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, "בְּמַעֲרָבָא אָמְרֵי, אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה", אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאגְט מֶען אַז אוֹיךְ דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה; זֶעט מֶען אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיבּ** דוּ ווִילְסְט בְּאֱמֶת בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת, גֶעבּ אִיךְ דִיר אַן עֵצָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: גֵיי נָאךְ גֶעלְט יֶעדְן טָאג אוּן אַזוֹי זָאלְסְטוּ צוּבִּיסְלֶעךְ בַּאצָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת; אֵיי װֶועסְטוּ זָאגְן אַז עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז אַ בּוּשָׁה אִיז צוּ זַיין אַ גַנָב, אַ בּוּשָׁה אִיז װֶוען מֶען בָּארְגְט גֶעלְט אוּן מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט, וָואס אִין אַזַא פַאל וֶוערְט מֶען אָנְגֶערוּפְן (תְּהִלִּים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם".

**עַל** פִּי הַלָּכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) **אוֹיבּ** הָאט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין גֶעלְט מֶעג עֶר גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ אַלֵיינְס; מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן װֶוען מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט: "אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר מִיר", נָאר מֶען זָאגְט: "אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר אַ אָרִימֶע מִשְׁפָּחָה"; מִמָּה נַפְשָׁךְ, וֶועט יֶענֶער אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין אַז דוּ גֵייסְט נָאךְ גֶעלְט פַאר דִיר וֶועט עֶר דִיר גֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע נְתִינָה, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז דָאךְ זִיכֶער גוּט. (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִין שְׁטוּבּ אִיז אוֹיךְ נִישְׁט כְּדֵי צוּ זָאגְן

אַז מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ, מֶען זָאגְט אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַאר אַ חַבֵר וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב וְדַ"ל).

עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס וֶועלְן עֶנְדֶערְשׁ בָּארְגְן גֶעלְט ווִי אֵיידֶער גֵיין נָאךְ גֶעלְט, וַוייל זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ פוּן מֶענְטְשְׁן; קוֹדֶם דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז וֶוען דוּ גֵייסְט נָאךְ גֶעלְט וֵוייסְט נִישְׁט יֶעמֶער אַז דוּ גֵייסְט פַאר דִיר, עֶר טְרַאכְט אַז דוּ נֶעמְסְט צוּזַאם פַאר אַ אָרִימֶע מִשְׁפָּחָה, אוּן צְוֵוייטְנְס, שֶׁעמֶען דַארְף מֶען זִיךְ צוּ זַיין אַ גַנָב. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס בָּארְגְן גֶעלְט אוּן זֵיי צָאלְן נִישְׁט צוּרִיק - דָאס אִיז אַ בּוּשָׁה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם" אַ רָשָׁע בָּארְגְט אוּן בַּאצָאלְט נִישְׁט, עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה אוּן אַ בִּזָיוֹן אַז אִינְגֶעלַייט זֶענֶען שׁוּלְדִיג פַאר אַ צְוֵוייטְן גֶעלְט אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג.

דָאס הָאב אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גֶעלְט אוּן מֶען דַארְף גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט. בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז אִיךְ בָּארְג נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר מִיר, אִיךְ פָאלְג וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כב): "עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען זַיין שׁוּלְדִיג פַאר זִיךְ, ווִי צוּ זַיין שׁוּלְדִיג פַאר אַ צְוֵוייטְן"; אִיךְ הָאב אוֹיפְגֶעבּוֹיט אַ יְשִׁיבָה, אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ מֵיידְל סְקוּל וְכוּ', וָואס הָאט מִיר שׁוֹין אָפְּגֶעקָאסְט אִיבֶּער אַ מִילְיָאן דָאלֶלער, בָּרוּךְ הַשֵׁם אִיךְ הָאב עֶס בַּאצָאלְט אָן קַיין עֲשִׁירִים אוּן אָן קַיין נְגִידִים, נָאר פוּן גֵיין נָאךְ גֶעלְט אוּן מִיט דִי הִילְף פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס הֶעלְפְן מִיר.

**מוֹהֲרָא"ש** הָאט מִיט אוּנְז גֶעלֶערְנְט עֵצוֹת אִין לֶעבְּן וָואס אָן דֶעם קֶען מֶען רַחְמָנָא לִצְלָן וֶוערְן אַ גַנָב, אַ רָשָׁע און וָואס נִישְׁט; מַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט לוֹיבּ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן מוֹהֲרָא"ש, אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט שֵׂכֶל; מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן: "וֶוען אֵיינֶער זָאל עֶפֶענֶען אַ פַאבְּרִיק ווּאוּ מֶען פַארְקוֹיפְט שֵׂכֶל, וָואלְט עֶר גֶעמַאכְט יֶעדֶע מִינוּט מִילְיָאנֶען דָאלֶלער, נָאר עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ פַאבְּרִיק פוּן שֵׂכֶל"; אִיךְ זָאג דִיר אַז עֶס אִיז יָא דָא אַ פַאבְּרִיק ווּאוּ מֶען טֵיילְט שֵׂכֶל, נֶעם דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"ש און לֶערְן זֵיי, וֶועסְטוּ וִויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין לֶעבְּן און נִישְׁט פַארְפַאלְן וֶוערְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע אוֹיף יוֹם טוֹב און דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע חוֹבוֹת.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.**

## נד

### זָאל אִיךְ מַאכְן אַ סְלִיוְו (sleeve) אָפְּצוּפַאלְן וָואג?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל זָאגְן אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זַייט אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּן דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפֶנְט אַ נַייעֶ וֶועלְט מַמָשׁ.

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן 36 יָאר אַלְט אוּן אִיךְ לַייד אוֹיף צוּקֶער אוּן הוֹיךְ קָאלֶעסְטֶערָאל. לֶעצְטֶע מָאל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיים דָאקְטֶער הָאט עֶר מִיר גֶעשִׁיקְט פַאר אַ טֶעסְט אוּן עֶס אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אַז מַיין לֶעבֶער אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוַואךְ.

דֶער דָאקְטֶער הָאט מִיר מַצִּיעַ גֶעוֶוען אַז כְּדַאי אוֹיסְצוּמַיידְן פוּן דַארְפְן נֶעמֶען שְׁטַארְקֶע מֶעדֶעצִינֶען דַארְף אִיךְ פַארְלִירְן אַסַאךְ פוּנְט. אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט שׁוֹין אַפָּאר מָאל אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַ פַּארְנוּמֶענֶע סֵדֶר הַיּוֹם, אוּן אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ סְטְרֶעס וָואס גֶעבְּט מִיךְ נִישְׁט אַ גֶעהֶערִיגֶע וֶועג זִיךְ צוּצוּשְׁטֶעלְן צוּ אַ נָארְמַאלֶע סֵדֶר.

יֶעצְט הָאט דֶער דָאקְטֶער מַצִּיעַ גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אַ sleeve אָבֶער אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא דֶערְפוּן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ, וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת נִישְׁט צוּ זַיין דֶעפְּרֶעסְט. וַוייל אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע

קְרֶענְק קוּמֶען וַוייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "גַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֲלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע אוּן וַוייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק דִיר אוּן זַיי פְרֵיילִיךְ; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר, אוּן אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גוֹי.

**דֶער** הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלָאזְט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶה וּמְחַזֵּק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", אוּן מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶ' גֶעוֶוען";

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַסַאךְ מָאל קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן

מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְש זָאל וֶוערְן זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, און מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מְחַזֵק זַיין מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַ אִיד!

**עֶס** אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד מִיטְן נָאמֶען ר' אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶער אִיד און אִיז שְׁטֶענְדִיג אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל - אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס אַרַיין צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל בַּיי אִים אִין שְׁטוּב; וֶוען זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אַהֲרֹן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ פְרֵיילִיךְ, הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט?!" פְלֶעגְט עֶר אִיר עֶנְטְפֶערְן: "דוּ גְלֵייבְּסְט דָאךְ אַז עֶס וֶועט נָאךְ זַיין גוּט אַמָאל, נוּ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט, יֶעצְט טַאקֶע הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אָבֶער עֶס וֶועט נָאךְ זַיין זֵייעֶר גוּט, און דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ דָאךְ הָאבְּן מִיט וָואס זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן, בָּארְג אִיךְ שׁוֹין אוֹיס אַבִּיסְל פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט".

**אִיךְ** וֵויים נִישְׁט צִי דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דֶעם שְׁמֵייכְל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ קֶען אִיךְ נִישְׁט פַארְגֶעסְן; שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַזַא שְׁמֵייכְל, אַז מֶען הָאט גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז עֶס גֵייט אִים מוֹרָא'דִיג גוּט, און עֶר הָאט אַלֶעס וְכוּ', וָואס וֶוער עֶס וֵוייסְט אִיז דִי מַצָב גֶעוֶוען פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן, און עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֵיין בִּיטֶערֶע יְסוּרִים מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ, אַזוֹי וִוי

מוֹהֲרַא"ש שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה: "לֹא הָיָה לִי יוֹם אֶחָד טוֹב בְּזֶה הָעוֹלָם - בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא כְּלָל, וּמַמָּשׁ בָּכִיתִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם מֵרֹב צַעַר וְעַגְמַת נֶפֶשׁ שֶׁסְּבָבוּנִי מִבַּיִת וּמִחוּץ", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן אָן קַיין גוּזְמָא, אִיךְ פְלֶעג וויינֶען יֶעדְן טָאג מַיין גַאנְץ לֶעבְּן פוּן דִי יְסוּרִים וָואס אִיז אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער - סַיי פוּן אִינְדְרוֹיסְן און סַיי פוּן שְׁטוּבּ; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְזֶען אוֹיף אִים פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אוּן וֶוען מוֹהֲרַא"ש הָאט גֶעזֶען אַן אִינְגֶערְמַאן אָדֶער אַ בָּחוּר וָואס אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, פְלֶעגְט עֶר אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן; דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְמַאכְן אוּן דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער שְׁטְרֶעבְן - צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן אַרוּם גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

**אַוַדַאי** אִיז בֶּעסֶער אַז דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס דוּ עֶסְט, אוּן דוּ זָאלְסְט גֵיין אוֹיף אַ שְׁטְרֶענְגֶע דִיעֶטֶע, אָבֶּער אוֹיבּ עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט דֶעמָאלְט דַארְפְסְטוּ מַאכְן דֶעם סְלִיי"וְ, וַוייל עֶס אִיז אַ סַכָּנָה וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# נה

## בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט אִין מַיין חֲסִידוּת.

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גוּטְן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף אֵייעֶרֶע הֶערְלִיכֶע רַייכֶע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים. זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ מַמָּשׁ גֶעוָוארְן אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ.

אִיךְ וִויל אַבִּיסְל אוֹיסְדְרוּקְן מַיינֶע גֶעפִילְן צוּ אַייךְ, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן. אִיךְ בִּין אַ ... חָסִיד, אַ טַאטֶע פוּן צְוַויי קִינְדֶער. אִיךְ וֵויים נִישְׁט צִי אִיר קֶענְט זִיךְ אוֹיס מִיט דִי ... חֲסִידוּת, בַּיי אוּנְז דֶער וָואס רֶעדְט פוּן בְּרֶסְלֶב, אָדֶער עֶפְנְט בְּרֶסְלֶבֶ'ע סְפָרִים, וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעפְּרֶעגְט. פַארְוָואס? וַוייל עֶס אִיז דָא דֶעם רֶבִּינְ'ס שְׁמוּעֶסְ'ן אוּן יֶעדֶער מוּז וֶוערְן מְחוּזָּק נָאר דוּרְךְ דֶעם. אִיךְ מַאךְ עֶס נִישְׁט אַוֶועק חַס וְשָׁלוֹם, וָואס זָאל מֶען אָבֶּער טוּן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם?

מִיר גֵייט נִישְׁט אָן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן וֶועגְן מִיר. אָבֶּער וֶוען מַיין וַוייבּ הֶערְט דִי וָוארְט 'בְּרֶסְלֶב' פָּארְט אַרוֹיף אִיר בְּלוּט צוּם קָאפּ, אוּן עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַזוֹי אָנְצוּגֵיין וֶוען עֶס בְּלַייבְּט נָאר צְווִישְׁן מִיר אוּן בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז אִיךְ אַלֵיינְס הָאבּ אוֹיךְ אַ סָפֵק אוֹיבּ דִי גַאנְצֶע זַאךְ וָואס אִיךְ וֶוער מְקוּרָב צוּ בְּרֶסְלֶב אִיז אֱמֶת אָדֶער נִישְׁט, אֶפְשָׁר אִיז עֶס נָאר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ אַנְטְלוֹיפְן פוּן מַיין חֲסִידוּת. אָבֶּער מִצַּד שֵׁנִי, דוּרְךְ דֶעם הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ, לֵיינְט דֶעם בְּרִיוו אוֹיךְ צְווִישְׁן דִי שׁוּרוֹת, אוּן גֶעבְּט מִיר אַפָּאר עֵצוֹת וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּ'ן אוּן גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן דֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים: "אַזַאנְס אוּיס צוּ טְרַאכְטְן אוּיף מִיר? אַז אִיךְ בִּין פוּן כַּת ... רַחְמָנָא לִצְלַן?" רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן וִוי דֶער רֶבִּי וֵויינְט, אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען.

רֶבִּי נָתָן הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וֵויינְט, 'וָואס גֵייט דִיר אָן וָואס יֶענֶער זָאגְט? הָאט עֶר גֶעזָאגְט אוּיף דִיר אַז דוּ בִּיסְט פוּן כַּת ...., וּבְכֵן - וָואס גֵייט עֶס דִיר אָן?!' אָבֶער שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַוֶועק אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוָואלְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין דִי וֶועלְט, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע הִתְנַגְּדוּת, מֶען הָאט גֶע'רוֹדְפְ'ט רֶבִּי נָתָן מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע רְדִיפוֹת, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ שׁוֹין פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט, נִישְׁט וַוייל יֶענֶער הָאט גֶערֶעדְט אוּיף אִים, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז צוּלִיבּ דִי מַחְלוֹקֶת אוּן דִי לָשׁוֹן הָרַע וָואס מֶען רֶעדְט אוּיף אִים, וֶועלְן מֶענְטְשְׁן נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אִים, אוּן עֶס וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן דִי עֵצוֹת".

**לְגַבֵּי** וָואס זָאג אִיךְ דִיר דָאס? דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים זָאגְן מִיר דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר; זֵיי ווִילְן זַיין מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, זֵיי זֶעעֶן אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ זֵיי, אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר, אַז פוּן וֶוען דוּ הֶערְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּיסְטוּ גֶעוָוארְן אַן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ, דוּ גֵייסְט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער זֵיי וֵוינֶען אַז זֵיי הָאבְּן מְנִיעוֹת - אֵיינֶער פוּן דִי וַוייבּ, אַ צְוֵוייטֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ', דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן לָשׁוֹן הָרַע אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע וָואס דָאס הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, אַ פְּלַאץ פוּן הוּלְטַייעֶס חַס וְשָׁלוֹם, אוּן וֶוער ווִיל אַז זַיין קִינְד זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אוֹיף אַזָא פְּלַאץ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כַּךְ כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְט מֶען נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס טוּט דָאס וָואס זֵיי זָאגְן אַז אִיךְ טוּ, אוּן אוֹיף אַזָא אֵיינֶעם דַארְף מֶען קְרִיגְן.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ז' - מְזַבּוּב וְעַכְבִּישׁ)

אַז פַאר זַיין נְשָׁמָה אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט הָאט דֶער ס"מ גֶעשְׁרִיגְן צוּם בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה: "אוֹיבּ דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, פַארְוָואס הָאט מֶען מִיר בַּאשַׁאפְן?" הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי נְשָׁמָה מוּז אַרָאפְּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, גֵיי זוּךְ דִיר אַן עֵצָה", אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען מִיט אַן

אַלְטִיטְשְׁקֶער אַן אַיינְגֶעבוֹיגֶענֶער, זֵיי הָאבְּן גֶעלַאכְט און גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַן עֵצָה, און דִי נְשָׁמָה קֶען שׁוֹין אַרָאפּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

**וָואס** אִיז דִי עֵצָה פוּנֶעם ס"מ? עֶר לַאכְט פוּן רֶבִּי'ן; וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: "מַחְלוֹקֶת" - מֶען וֶועט קְרִיגְן אוֹיף אִים, און אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶס הָאט זִיךְ דֶעמָאלְט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ מַחְלוֹקֶת אוֹיפְן רֶבִּי'ן וָואס הַאלְט נָאךְ אָן בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג; מֶען זֶעט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, אַ בָּחוּר'ל אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן זָאל גֵיין צוּ וָואס פַאר אַ רֶבִּי'לֶע עֶס זָאל נָאר זַיין, וֶועט מֶען אִים אַרוֹיף קוּקְן, און מֶען וֶועט זִיךְ טְשַׁאטְשְׁקֶען מִיט אִים, אָבֶער אַזוֹי וִוי מֶען וֶוערְט גֶעוְואוֹיר אַז אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, וֶוערְט גְלַייךְ אַ פַּייעֶר; דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה הֵייבְּט אָן קְרִיגְן אוֹיף אִים, און מֶען קוּקְט אִים אַרָאפּ וְכוּ'; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען וֶוערְט גֶעוְואוֹיר אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ אִין "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" דֶעמָאלְט אִיז שׁוֹין מַמָּשׁ עֶק וֶועלְט; מֶען וַוארְפְּט אִים אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה, און אוֹיב אִיז עֶר אַ אִינְגֶערְמַאן נֶעמְט מֶען זִיךְ אִיבֶּער זַיינֶע בֵּיינֶער, מֶען הֶעצְט אוֹיף דִי וַוייבּ וְכוּ' וְכוּ'.

**אִיךְ** וָואלְט דִיר גֶע'עֵצָה'ט אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, הַאלְט זִיךְ וַוייטֶער בַּיי דַיין רֶבִּי, און מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחְלוֹקֶת, עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ מַאכְן אַ פַּייעֶר וָואס

וֶועט צוּבְרֶעכֶנֶען אַז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה זָאל זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף דַיינֶע בֵּיינֶער. מֶען קֶען זַיין מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אָן דֶעם וָואס מֶען לֶעבְּט זִיךְ אָפּ אַלְץ בְּרֶסְלֶב'עֶר, נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - הֵייבּ אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו)׃ מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, זוּנְטָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג זָאלְסְטוּ וַוייטֶער גֵיין מִיט דִי פַּרְשָׁה בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען סוֹף וָואךְ, וֶועסְטוּ הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם. נָאכְדֶעם מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת - הֵייבּ אָן פוּן אָנְהֵייבּ מַסֶכֶת בְּרָכוֹת, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים, בִּיז דוּ וֶועסְט מְסַיֵים זַיין סֵדֶר זְרָעִים, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ סֵדֶר מוֹעֵד. אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין גְמָרָא; אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, זָאג וַוייטֶער דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה יט.)׃ "אָמַר רָבָא, לְעוֹלָם לִיגְרֵים אִינִישׁ, וְאַף עַל גַּב דְּמִשְׁכַּח, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַאי קָאָמַר, שֶׁנֶּאֱמַר (תְּהִלִּים קיט, כ)׃ 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה'", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ עֶר פַארְגֶעסְט וָואס עֶר לֶערְנְט אוּן אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט. נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת

סג.): "לִיגְמַר אִינִישׁ, וַהֲדַר לִיסְבַּר", קוֹדֶם דַארְף מֶען אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ צוּ פַארְשְׁטֵיין.

זֶע זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן; אַז דַיין שְׁפְּרַאךְ אִיז אִידִישׁ, זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף אִידִישׁ, אַז דַיין שְׁפְּרַאךְ אִיז עֶנְגְלִישׁ, זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף עֶנְגְלִישׁ. זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן סַיי וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, אוּן סַיי זַאכְן וָואס דוּ וַוארְטְסְט צוּ גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## נו

**פַארְוָואס דֶערְמַאנְט מֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיט זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַבִּיסְל צַייט נָאךְ מַיין אַרְבֶּעט בַּיי מִיר אִין אָפִּיס צוּ לֵיינֶען אֵייעֶרֶע בְּרִיוְון, אוּן אִיךְ בִּין אִינְגַאנְצְן שָׁאקִירְט גֶעוָוארְן. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט גֶעלֵיינְט וָואס אִיר זֶענְט דוּרְךְ אִין אָנְהֵייבּ פוּן אֵייעֶרֶע וֶועגְן. אִיר שְׁרַייבְּט דָארְט אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט מוֹחֵל פַּאר וְכוּ', אוּן אִיךְ וַויין מִיט מִיט אַיךְ. גְלֵייבְּט מִיר אִיךְ שְׁרַייבּ מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן. אִיךְ

הָאבּ אֵיינְמָאל גֶעהֶערְט עֶפֶּעס װעגְן אֵייעֶרע רְדִיפוֹת אָבֶּער אִיךְ הָאבּ מִיר נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט װי וַוייט עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען.

אַגַב, יֶעצְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ עֶפֶּעס לִכְאוֹרָה. פַאר אַ שְׁטִיק צַייט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אַמֶעריקֶע װען מַיין שְׁוָואגֶער הָאט חַתוּנָה גֶעמַאכְט, (אִיךְ הָאבּ דָאס דֶערְמַאנְט אִין דִי אַנְדֶערֶע בְּרִיוו, אִיךְ וַוארְט נָאךְ אוֹיף אַן עֶנְטְפֶער אוֹיבּ מֶעגְלִיךְ), אוּן אִיר הָאט דֶעמָאלְט גֶעמַאכְט אַ קִידוּשׁ פַאר אֵייעֶר נֵיי גֶעבּוֹירֶענֶע טָאכְטֶער תִּחְיֶ'. דַאן בִּין אִיךְ אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה צוּם קִידוּשׁ, אוּן גְלַייךְ װען אִיךְ בִּין אַרוֹיף דִי טְרֶעפּ פוּן דִי יְשִׁיבָה הָאבְּן אַ טֵייל בָּחוּרִים אוּנְז (מַיינֶע שְׁוָואגֶערְס זֶענֶען אוֹיךְ מִיט גֶעקוּמֶען) אָנְגֶעקוּקְט מִיט אַזַא מִין בְּלִיק, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז מֶען אִיז אוּנְז חוֹשֵׁד מִיט נִישְׁט גוּטֶע כַּוָונוֹת (אַזוֹי הָאט אֵיינֶער פוּן דִי מִשְׁפָּחָה דָאס אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט). דֶערְנָאךְ װען מִיר זֶענֶען אַרַיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, הָאט אִיר אוֹיךְ עֶפֶּעס אַזוֹי מָאדְנֶע אוּנְז אָנְגֶעקוּקְט (עַל כָּל פָּנִים לְפִי הַנִּרְאֶה), נָאר נָאךְ וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז מִיר זֶענֶען מִשְׁפָּחָה, הָאט אִיר מִיט אַזַא רוּאִיגְקַייט (שִׁחְרוּר) אוּנְז מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ מַאכְן קִידוּשׁ.

יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער בְּלָאזְן אֵייעֶרע דְּרָשׁוֹת אַרַיין אִין מִיר אַ רוּחַ חַיִּים, "כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה". זָאל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ גֶעזוּנְטֶע לַאנְגֶע יָארְן לְהַגְדִּיל תּוֹרָה וּלְחַזֵּק לְבָבוֹת נִשְׁבָּרִים, עֲדֵי נִזְכֶּה לְבִיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

אִיךְ הָאבּ אַ קְלֵיינֶע שְׁאֵלָה, פַארְוָואס דֶערְמַאנְט מֶען אִין בְּרֶסְלֶב דִי נָאמֶען פוּן רֶבִּי'ן מִיט זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען: "רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיְיגָא", אַזוֹי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען עֶפֶּעס אַ תְּפִילָה וָואס אִיר גֶעט פַאר אֵיינֶעם מִיט מוֹהֲרָא"שְׁ'ס נָאמֶען אוֹיךְ בֶּן זַיין מַאמֶע. נָאךְ דִי הִסְתַּלְּקוּת זָאגְט מֶען נִישְׁט בֶּן דֶעם טַאטְנְ'ס נָאמֶען?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נִצָּבִים-וַיֵּלֶךְ, כ"ג אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶפֶּענֶען אַ יְשִׁיבָה וואוּ מֶען לֶערְנְט מִיט דִי בָּחוּרִים אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אוּן וואוּ מֶען בַּאקְט אַרֵיין אִין דִי בָּחוּרִים אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָטֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי זָאלְן וויסְן אַז וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה אוּן מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה אִיז נִישְׁט דָא צוּ וֶועם צוּ גֵיין, נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

**פַּארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ בַּאצָאלְט פַאר דֶעם אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ בִּזְיוֹנוֹת אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער; מֶען הָאט מְבַזֶה גֶעוֶוען מִיר מִיט מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', מֶען הָאט אוּנְז גֶע'רוֹדְפְ'ט עַד לְחָרְמָה, נִישְׁט אֵיין מָאל הָאט מֶען גֶעוָוארְפְן פַּאשְׁקֶעוִוילְן אוֹיף מִיר, אַלֶע גַאסְן זֶענֶען גֶעוֶוען וַוייס דוּרְךְ דִי פַּאשְׁקֶעוִוילְן, (אַגַב, מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט: "פַאר יֶעדֶע פַּאשְׁקֶעוִויל וֶועט זַיין נָאךְ אַ תַּלְמִיד"). בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גֶעטְרַייעֶ תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע צֶעטְלֶעךְ.

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען נֶעמְט צוּזַאם אַלֶע פַּאשְׁקֶעוִוילְן וָואס זֵיי וַוארְפְן קֶעגְן מִיר, זֶענֶען זֵיי אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ גֶעדַאנְק, זֵיי וֶועלְן וַוארְפְן דִי פַּאשְׁקֶעוִוילְן עֶטְלִיכֶע מִינוּט

פַאר'ן זְמַן כְּנִיסַת הַשַׁבָּת, וָואס דֶעמָאלְט הָאט דָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט קַיין צַייט אוֹיפְצוּהֵייבְּן צֶעטְלֶעךְ. וְכַךְ הַוָה, זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעוָוארְפְן צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער כִּתְבֵי פְּלַסְתֵּר קֶעגְן מִיר, אָבֶער מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אַרוֹיס אִין דִי גַאסְן אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַלֶע צֶעטְלֶעךְ. דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט, נָאר גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען וַוארְפְט צֶעטְלֶעךְ בְּלַייבְּט עֶס פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר אַפָּאר וָואכְן וְכוּ'.

**בְּקִיצוּר**, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז פַאשְׁקֶעוִוילְן אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, הָאבְּן זֵיי אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן קוּנְטְרֵסִים אַנְטְקֶעגְן מִיר, אוּן דָאס אַרוּם גֶעלֵייגְט אִין אַלֶע שׁוּלְן פְּרַייטָאג נָאכְמִיטָאג אוֹיף דִי טִישְׁן, כְּדֵי וֶוען דֶער עוֹלָם וֶועט קוּמֶען שַׁבָּת אִין שׁוּל וֶועלְן זֵיי דָאס לֵיינֶען אוּן אַזוֹי וֶועט וֶוערְן אַ שְׁטוּרֶעם; לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זִיךְ דִי בָּחוּרִים שְׁנֶעל דֶערְוואוּסְט פוּן דֶעם, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אִין אַלֶע שׁוּלְן פַאר שַׁבָּת אוּן דָאס צוּזַאם גֶענוּמֶען.

**וֶוען** זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אִין דִי שׁוּלְן, זֶענֶען זֵיי אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פְּלַאן אַז מֶען וֶועט דָאס אָנְגְרֵייטְן אִין שׁוּל אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ אוּן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען וֶועט מֶען עֶס אוֹיסְטֵיילְן.

**דוּ** קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער דוּרְכְאוֹיס דִי פָּאר יָאר; אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אִין גַאס, מֶען הָאט מִיר נָאכְגֶעשְׁרִיגְן, מֶען הָאט מִיר בַּאזִינְגֶען - קִינְד אוּן קֵייט, אַלֶע קִינְדֶער פְלֶעגְן מִיר נָאכְשְׁרַייעֶן

וְכוּ'; מֶען הָאט אַרוּם גֶעשִׁיקְט בְּרִיוְון פַאר אַלֶע שְׁכֵנִים אִין אִידִישׁ אוּן אִין עֶנְגְלִישׁ אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ מַיין וַוייב תִּחְיֶ'; מֶען הָאט גֶעמַאכְט הַפְגָּנוֹת קֶעגְן מִיר אוֹיף אַן אוֹפְן וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען, אַז מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן זָאלְן גֵיין צוּזַאמֶען שְׁרַייעֶן אִין דִי גַאסְן קֶעגְן אַ מֶענְטְשׁ; חוּץ מִזֶה, יֶעדְן צוּפְרִי אִין דִי צַייט וֶוען דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אִין חֵדֶר אִיז פָארְגֶעקוּמֶען הַפְגָּנוֹת פוּן פְרוֹיעֶן, מֶען הָאט אָפְּגֶעוַוארְט מַיין וַוייב תִּחְיֶ' אוּן אִיר פַארְשֶׁעמְט טָאג נָאךְ טָאג, אוּן קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען וְכוּ'; אַזוֹי אוֹיךְ הָאט מֶען אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסָד וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט.

**אִיךְ** הָאבּ אַבִּיסְל מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען, וַוייל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעוִויסְט וִוי וַוייט מֶען הָאט מִיר גֶע'רוֹדְפְ'ט. וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז נִישְׁט אַלֶעס אִיז פַּאסִיג צוּ שְׁרַייבְּן וְכוּ', אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן, (אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן פַאר מִיר אַ סֵפֶר, וואוּ אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעשְׁרִיבְּן וָואס אִיךְ בִּין אַלְץ אַרִיבֶּער פוּן וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - יֶעדְן טָאג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלִיטְן; וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעלֵיינְט הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן טְרֶערְן פוּן זַיינֶע אוֹיגְן, דוּ קֶענְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן).

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס מֶען רוּפְט דֶעם רֶבִּי'ן בַּיי זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען 'בֶּן פֵיגָא' אוּן נִישְׁט בֶּן שִׂמְחָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים רוּפְן בַּיים זַיין מַאמֶע'ס

נָאמֶען, ווייל עֶר הָאט זֵייעֶר מַכִּיר טוֹב גֶעוֶוען פַאר זַיין מַאמֶע אַז זִי הָאט אִים אוֹיפְגֶעצוֹיגְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶער רֶבִּי'ס טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִּיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען רוֹב צַייט גָלוּת לַיידְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּנֶען אִין שְׁטוּבּ, נָאר דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע, פֵיגָא דִי צַדֶיקֶת - זִי הָאט מְגַדֵל גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן הָאט זִי אִים אָנְגֶעטוּן אַ קַאפְּל אוּן אוֹיךְ הָאט זִי אִים גְלַייךְ אָפְּגֶעשְׁנִיטְן דִי הֶענְט; זִי פְלֶעגְט אִים נֶעמֶען כְּסֵדֶר צוּם קֶבֶר פוּן אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן דָארְט וֵויינֶען אַז דֶער קִינְד זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים רוּפְן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא.

**יֶעדֶעם** מָאל מֶען אִיז מַזְכִּיר אַ נָאמֶען פוּן אַ צַדִּיק בְּרֶענְגְט מֶען אוֹיף זִיךְ יְשׁוּעוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב, סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שְׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִין לְהָבִיא שִׁינּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע"; דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, זָאל מֶען בֶּעטְן בִּזְכוּת הַצַּדִּיקִים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּבִזְכוּת הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי מֶען קֶען זָאגְן בִּזְכוּת מוֹהַרַ"ש, אָן מַזְכִּיר זַיין דֶעם טַאטֶע'נְס נָאמֶען; וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה, מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן צַדִּיקִים אַז וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט נָאר דֶעם נָאמֶען פוּן דִי שְׁטָאט וואוּ דֶער צַדִּיק הָאט גֶעוואוֹינְט,

אָדֶער ווי דֶער צַדִיק לִיגְט אִיז מֶען שׁוין מְעוֹרֵר רַחֲמֵי שָׁמַיִם. לְמָשָׁל אַז מֶען דֶערְמַאנְט דֶעם שְׁטָאט 'בַּארְדִיטְשׁוּב' פּוּעֶלְ'ט מֶען שׁוין אַ יְשׁוּעָה בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

**בְּאֱמֶת** אִיז דָאס אַ חַזַ"ל; עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁנָה יוֹמָא ג, א) אַז יֶעדְן צוּפְרִי וֶוען מֶען הָאט גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבָּן תָּמִיד שֶׁל שַׁחַר, אִיז מֶען אַרוֹיף אוֹיבְן אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ קוּקְן צִי עֶס וֶוערְט שׁוין טָאג, אוֹיב הָאט דֶער מְמוּנֶה גֶעזֶען אַז עֶס וֶוערְט שׁוין לִיכְטִיג, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "הֵאִיר פְּנֵי כָּל הַמִזְרָח, עַד שֶׁבְּחֶבְרוֹן", עֶס אִיז שׁוין לִיכְטִיג בִּיז חֶבְרוֹן; וָואס עֶפֶּעס הָאט עֶר גֶעדַארְפְט זָאגְן אוֹיף אַזַא וֶועג אַז עֶס אִיז שׁוין לִיכְטִיג בִּיז חֶבְרוֹן, זָאג סְתָּם אַזוֹי: 'עֶס אִיז שׁוין לִיכְטִיג', נָאר זָאגְט דֶער בַּרְטְנוּרָא: "כְּדֵי לְהַזְכִּיר זְכוּת אָבוֹת, מַזְכִּירִין חֶבְרוֹן", דֶער מְמוּנֶה הָאט גֶעוָואלְט מְעוֹרֵר זַיין דִי זְכוּת פוּן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, הָאט עֶר דֶערְמַאנְט דֶעם שְׁטָאט 'חֶבְרוֹן' וָואס דָארְט לִיגְן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים. זֶעט מֶען אַז וֶוען מֶען זָאגְט נָאר דִי נָאמֶען פוּן דִי שְׁטָאט וואוּ דֶער צַדִיק לִיגְט וֶוערְט שׁוין לִיכְטִיג אִין אַלֶע וֶועלְטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# נז

## װען איז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה די פַּרְשִׁיוֹת וְזֹאת הַבְּרָכָה און בְּרֵאשִׁית?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ ה' אַז יֶעצְט װערְט די עֶרְשְׁטֶע יָאר אִין מַיין לֶעבְּן װָאס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעװֶוען פַּאקְטִישׁ צוּ עֶנְדִיגְן יֶעדֶע װָאךְ די פַּרְשָׁה שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם!

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר די חִיזּוּק. און אִיךְ קֶען זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען פִינְף און נַיינְצִיג פְּרָאצֶענְט פוּן װָאס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט, אַרַיינְגֶערֶעכְנְט אוֹיךְ שְׁװֶערֶע פַּרְשִׁיוֹת, װי לְמָשָׁל תְּרוּמָה און תְּצַוֶּה װִי אַזוֹי מֶען בּוֹיעֶט דֶעם מִשְׁכָּן, און פַּרְשַׁת וַיִקְרָא װאוּ מֶען לֶערְנְט אִיבֶּער די קָרְבָּנוֹת. אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אַזוֹי שְׁװֶער און אִיךְ װֶעל דָאס קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, און בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעװֶוען דָאס צוּ לֶערְנֶען און פַארְשְׁטֵיין.

אִיךְ הָאבּ גֶעװָאלְט פְרֶעגְן װָאס אִיךְ טוּ מִיט די פַּרְשִׁיוֹת וְזֹאת הַבְּרָכָה און בְּרֵאשִׁית? אִיךְ װֶעל עֶס נִישְׁט קֶענֶען עֶנְדִיגְן אוּם שִׂמְחַת תּוֹרָה.

אוֹיךְ װִיל אִיךְ װִיסְן אוֹיבּ דָאס זָאגְן די װֶערְטֶער פוּן רַשִׁ"י הֵייסְט אַ הֶפְסֵק אִינְמִיטְן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת הַאֲזִינוּ, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**וזאוי"ל** אִיז דִיר אוּן וואוי"ל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אוּן דוּ בִּיסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל - זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**אִין** שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילַךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם) פוּנֶעם הֵיילִיגְן ווילְנֶער גָאוֹן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶועןְ אַבִּיסְל; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף יָאר אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אַז מֶען הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תוֹרָה.

**וזאוי"ל** אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיךְ רַשִׁ"י; אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (שָׁם, סְעִיף ב): "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגּוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סַיי תַּרְגּוּם אוּן סַיי מִיט רַשִׁ"י. דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י; מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן שַׂר שָׁלוֹם פוּן בֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט:

"וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָש מִיט רַשִׁ"י, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט זִיצְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אִין דִי הֵיכָל פוּן רַשִׁ"י", אוֹיךְ שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז לֶערְנֶען חוּמָש רַשִׁ"י יֶעדֶע וָואךְ אִיז מְסוּגָל צוּ הָאבְּן אֱמוּנָה.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן צַדִיקִים אוֹיף דֶעם לָשׁוֹן וָואס שְׁטֵייט אִין מְחַבֵּר: "וִירֵא שָׁמַיִם יִקְרָא תַּרְגוּם, וְגַם פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י", אַ יְרֵא שָׁמַיִם זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין סַיי מִיט תַּרְגוּם אוּן סַיי מִיט רַשִׁ"י, אַז לֶערְנֶען רַשִׁ"י מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ יְרֵא שָׁמַיִם.

מֶען זָאגְט נָאךְ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשָׂכָר דֹּב מִבֶּעלְזָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, אַז אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָש מִיט רַשִׁ"י, אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז אִין דֶעם טָאג וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַיינְגֶעפִירְט אַ סֵדֶר פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָש מִיט רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְן וָואךְ, אוּן אַזוֹי הָאבְּן אַלֶע רֶבִּי'ס פוּן חַבַּ"ד זִיךְ גֶעפִירְט, אוּן אַזוֹי פִירְן זִיךְ הַיינְט אוֹיךְ חַסִידֵי חַבַּ"ד, יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען חוּמָש רַשִׁ"י אַיינְגֶעטֵיילְט אוֹיפְן וָואךְ, וַוייל דָאס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם.

וָוען מֶען אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן מֶען לֶערְנְט רַשִׁ"י, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק. פַארְקֶערְט, דִי מִצְוָה אִיז צוּ לֶערְנֶען

חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י. בִּכְלַל דַארְף מֶען ווִיסְן אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז מַפְסִיק אִיז מֶען יוֹצֵא, אַזוֹי ווִי מֶען זֶעט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם): "מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת אֵין צְרִיכִים לַחֲזוֹר וְלִקְרוֹת הַפָּרָשָׁה בְּשַׁבָּת", אַ מְלַמֵד וָואס לֶערְנְט דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה מִיט דִי קִינְדֶער דַארְף נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, ווַייל עֶר הָאט דָאס שׁוֹין גֶעלֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז מַפְסִיק אוּן אֲפִילוּ מֶען זָאגְט עֶס נִישְׁט מִיט קַיין טַעֲמִים (טְרָאפְּן) אִיז מֶען יוֹצֵא לְכַתְּחִילָה.

עֶס אִיז יָדוּעַ דֶעם סִיפּוּר בַּיי סַאטְמַאר'ע חֲסִידִים אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְווֵיי זוּן - דֶער 'עֲצֵי חַיִים' אוּן דֶעם בַּעַל 'דִבְרֵי יוֹאֵל', ווֶען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין, אַז זֵיי זָאלְן גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן זֵיי גֶעזָאגְט דִי ווֶערְטֶער: "קִינְדֶערְלֶעךְ, פִילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י (לֶערְנְט אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י), אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע גְאוֹנִים וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווִיסְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט, ווַייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י".

אַזוֹי אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע מְנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט חוּסְט וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם אִיז גֶעוֶוען רָב, אוּן דֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם, דֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ

יְשִׁיבָה פוּן עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע עֶר זָאל בַּאזוּכְן זַיין יְשִׁיבָה, זֶען וִוי פְלַייסִיג זֵיי לֶערְנֶען אוּן וִוי עֶרְלִיךְ זֵיי פִירְן זִיךְ אוֹיף. רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אִיז טַאקֶע אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אִין דִי יְשִׁיבָה זֶען דִי בָּחוּרִים, וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם גֶעפְרֶעגְט: "נוּ, וָואס זָאגְט אִיר אוֹיף מַיינֶע בָּחוּרִים?" הָאט אִים רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם!" הֶערְנְדִיג דָאס אִיז דֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְוואוּנְדֶערְט, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ? אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע: "רֶבִּי, פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַזוֹי?!" הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וַוייל זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ רַשִׁ"י!" דֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, הָאט עֶר נָאךְ גֶעפָארְשְׁט בַּיי זַיינֶע תַּלְמִידִים אוֹיבּ זֵיי עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז נִישְׁט, וַוייל דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פַארְהֶער פְלֶעגְט פָארְקוּמֶען פְרַייטָאג צוּפְרִי, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען קַיין צַייט וֶוען צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, הָאט שׁוֹין דֶער עֲרוּגַת הַבּוֹשֶׂם פַארְשְׁטַאנֶען אַז רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע וֵוייסְט וָואס עֶר רֶעדְט, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶעפִירְט אִין זַיין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל פַארְהֶערְן זוּנְטָאג, אוּן מֶען זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פוּן וֶוען מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה; מֶען קֶען שׁוֹין מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֵיינֶען וְזֹאת הַבְּרָכָה, מֶען דַארְף

נִישְׁט וואַרְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה. אוֹיךְ קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ, מֶען דַארְף נִישְׁט וואַרְטְן בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, בִּפְרַט הֵיי יָאר וֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה גֶעפַאלְט אוֹיס פְרַייטָאג, אוּן עֶס בְּלַייבְּט אִיבֶּער נָאר שַׁבָּת צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ שׁוֹין אָנְצוּהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת יֶעדְן טָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם.

עֶס אִיז דָא אַסַאךְ וָואס הַאלְטְן נִישְׁט אַזוֹי, אָבֶּער אַזוֹי הָאב אִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהַרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. מוֹהַרָא"שׁ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם אַז מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, בִּפְרַט וֶוען שִׂמְחַת תּוֹרָה גֶעפַאלְט אוֹיס אַזוֹי וִוי דִי יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה - פְרַייטָאג, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן מֶען לֵיינְט שׁוֹין בַּיי מִנְחָה פַּרְשַׁת נֹחַ.

**ווייל** אִיז פַאר דֶעם וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת וֶועט עֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## נח

### אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט 40 מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית, וְוי לַאנְג דַארְף אִיךְ יֶעצְט וַוארְטְן אוֹיף מַיין שִׁידוּךְ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָּאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן זִיךְ מִיט כַאפְּן מִיט דִי חַבְרָיָא קַדִישָׁא, דִי בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶער גֶענוּמֶען צוּ לֶערְנֶען פֶּערְצִיג טֶעג מַסֶכֶת תַּעֲנִית. בָּרוּךְ הַשֵׁם דִי קוּמֶענְדִיגֶע עֶרֶב שַׁבָּת אִיז דִי פֶּערְצִיגְסְטֶע טָאג.

ווייל אִיךְ בֶּעטְן, אוֹיבּ עֶס אִיז מֶעגְלִיךְ, אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר שְׁרַייבְּן פּוּנְקְטְלִיךְ דִי סֵדֶר הַדְבָרִים ווי אַזוֹי אוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט צוּגֶעזָאגְט, כְּדֵי אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵק זַיין אוּן וַוארְטְן מִיט גֶעדוּלְד אוֹיף מַיין יְשׁוּעָה.

אִילוּ פִּינוּ מָלֵא שִׁירָה כַּיָם וְכוּ' קֶען אִיךְ נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַּארְ'ן אַריינְלֵייגְן אִין מִיר דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר הַיָקָר לִי מְאֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית, פֶּערְצִיג טֶעג בִּרְצִיפוּת

- פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דוּ הָאסְט גֶעטוּן דִי סְגוּלָה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, אַז וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית פֶערְצִיג טֶעג בִּרְצִיפוּת פוּן ט"ו אָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיז עֶר מַבְטִיחַ אַ שִׁידוּךְ.

גֶעוֶוען אִיז דָאס זוּמֶער שְׁנַת תשע"א, מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אִין קֶעמְפּ "מַחֲנֶה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב" - עֶלֶענְוִויל נְיוּ יָארְק, דִי דְרִיטֶע יָאר פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶנְט דִי יְשִׁיבָה. דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין חָתָן אִין יְשִׁיבָה, ווייל מֶען הָאט זֵייעֶר מְבַזֶה גֶעוֶוען דִי יְשִׁיבָה, אוּן מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף דִי יְשִׁיבָה וְכוּ' וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה פַאר אַן אֵיידֶעם. יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אֵיינֶעם, אוּן יֶענֶער הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער בָּחוּר לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב, הָאט יֶענֶער גְלַייךְ אַרָאפְּגֶעהַאקְט דֶעם טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ פְּלֶעג כְּסֵדֶר פְרֶעגְן מוֹהֲרָא"שׁ: "וָואס וֶועט דָא זַיין, קֵיינֶער וויל נִישְׁט נֶעמֶען אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה?!" אוּן מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט מִיר עֶנְטְפֶערְן: "וֶועסְט נָאךְ זֶען, עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דִי מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן נָאר וֶועלְן בָּחוּרִים פוּן דַיין יְשִׁיבָה", דֶעמָאלְט הָאט דָאס אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי מוֹהֲרָא"שׁ וויל מִיר סַךְ הַכֹּל מְחַזֵק זַיין וְכוּ', וַוייל בִּמְצִיאוּת, אַז עֶס זָאל טַאקֶע אַזוֹי זַיין הָאט מֶען דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרַאכְטְן, אָבֶּער הַיינְט צוּ טָאגְס זֶעט מֶען וָואס הֵייסְט אַ

בְּרָכָה פוּן אַ צַדִיק; צֶענְדְלִיגֶער שִׁידוּכִים זֶענֶען גֶעוָוארְן נָאר וַוייל דִי מֵיידְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ אֵיינְגֶ'עקְשְׁנְ'ט אַז זֵיי ווִילְן נָאר אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה, וַוייל זֵיי הֶערְן דִי דְרָשׁוֹת פוּן יְשִׁיבָה, אוּן זֵיי הֶערְן ווִי אַזוֹי דִי בָּחוּרִים וַואקְסְן אוֹיף מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת, מִיט שֵׂכֶל, וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער וְכוּ'.

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְמָאלְט גֶעשְׁרִיבְּן בְּרִיוְון פַאר מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז דִי בָּחוּרִים וֵוייְנֶען צוּ מִיר זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ', אוּן מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר גֵייט קוּמֶען חֲמִשָׁה עָשָׂר בְּאָב אִין קֶעמְפּ מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען שִׁידוּכִים. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען אִין קֶעמְפּ, אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה לִכְבוֹד חֲמִשָׁה עָשָׂר בְּאָב, בַּיי דִי דְרָשָׁה הָאט מוֹהַרְאַ"שׁ גֶעזָאגְט אַזוֹי: "אִיךְ זָאג צוּ פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיבֶּעצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, יֶעדֶער בָּחוּר וָואס וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען גַאנְץ מַסֶכֶת תַּעֲנִית - פוּן חֲמִשָׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָׁנָה, זָאג אִיךְ צוּ אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ גְלַייךְ נָאךְ רֹאשׁ הַשָׁנָה"; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, כַּאֲשֶׁר אָמַר כֵּן הָיָה, עֶס הָאט זִיךְ גְלַייךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען שִׁידוּכִים אֵיינְס נָאכְן צְוֵוייטְן, אוּן אַלֶע זֶענֶען חַתָנִים גֶעוָוארְן אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן זֵיי הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

**עֶס** זֶענֶען גֶעוֶוען אַפָּאר בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ גְלַייךְ דֶערְמָאלְט, אִין אָנְהֵייבּ הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט קוּשְׁיוֹת - "וָואס הֵייסְט? וואוּ אִיז מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזָאגְט מַסֶכֶת תַּעֲנִית פֶערְצִיג מָאל?!" לְמַעֲשֶׂה, שְׁפֶּעטֶער

וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען אַז זֵייעֶר כַּלָּה אִיז נָאךְ גֶעוֶוען יוּנְג וְכוּ'.

**דֶערְפַאר** אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג מַסֶכֶת תַּעֲנִית - פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאלְסְטוּ זַיין זִיכֶער אַז דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב אַ חָתָן וֶוערְן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פז): "דַּע, שֶׁכַּוָּנַת אֱלוּל הֵם תִּקּוּן לִפְגַם הַבְּרִית", חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ פַארְרֶעכְטְן פְּגַם הַבְּרִית, "וְלִפְעָמִים, מֵחֲמַת זֶה הַפְּגָם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זִווּגוֹ, כִּי מֵאַחַר שֶׁנָּטָה מִזִּוּוּגוֹ קָשֶׁה לוֹ לִמְצֹא אֶת זִוּוּגוֹ", וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, "וַאֲפִילוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוּגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין זַיין שִׁידוּךְ, עֶר הָאט שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוֹיבּ אִיז עֶר פּוֹגֵם בִּבְרִית וֶועט זִיךְ זַיין וַוייבּ קְרִיגְן מִיט אִים וְכוּ'. זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְחֹדֶשׁ אֱלוּל שֶׁאָז יְכוֹלִין לְתַקֵּן זֶה", חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען פַארֶעכְטְן וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בַּפְּגַם הַבְּרִית, "אֲזַי מוֹצֵא זִוּוּגוֹ, וְהִיא אֵינָהּ כְּנֶגְדּוֹ, רַק כִּרְצוֹנוֹ", דֶערְפַאר אִיז מֶען דֶעמָאלְט זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ.

**זָאגְט** דֶער רֶבִּי אַז דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק וואוּ עֶס שְׁטֵייט וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֱלִיעֶזֶר וֶוען עֶר הָאט אִים בַּאפוֹילְן אַז עֶר זָאל גֵיין זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק (בְּרֵאשִׁית כד, ח): "וְ'אִם לֹ'א "תֹאבֶה הָאִשָּׁה" לָ'לֶכֶת

אַ׳חֲרֵיךָ״; אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק אִיז אֱלוּל, אוּן אִינְמִיטְן שְׁטֵייט דִי וֶוערְטֶער ״תַּאֲוַת הָאִשָּׁה״, דָאס קוּמְט אוּנְז וַוייזְן אַז אֱלוּל אִיז מְסוּגָל צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, ווייל אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען גֶעבְּט זִיךְ אוּנְטֶער פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען וויל גָארְנִישְׁט, מֶען ווִיל נָאר טוּן דֶעם רְצוֹן הַשֵּׁם, דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ אוּן צוּ הָאבְן שָׁלוֹם בַּיִת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט בְּקָרוֹב אַ חָתָן וֶוערְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, אָמֵן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## נט

### וואו רֶעדְט דֶער רֶבִּי פוּן גֵיין פְּרִי אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד שׁוֹין בְּעֶרֶךְ 20 יָאר, אוּן אִיךְ קוּם שׁוֹין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן פוּן יָאר תשס״ד. דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶערְן אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אִין אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט ווִי אִיר זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן אוּן שִׂיחוֹת הָרַ״ן, אוּן אִיךְ קֶען עֶס כִּמְעַט אוֹיסְנְווֵיינִיג. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעלֶערְנְט כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אוּן אַבִּיסְל לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת.

איר זָאגְט אַפָּאר מָאל בַּיי דִי שִׁיעוּרִים אַז אַן עַם הָאָרֶץ גֵייט אִין מִקְוֶה פְרַייטָאג פַארְ'ן זְמַן. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט אַ שַׁיְיכוּת זַיין פַארְשְׁלֶעפְּט אוּן גֵיין שְׁפֶּעט אִין מִקְוֶה, מִיטְ'ן זַיין אַן עַם הָאָרֶץ? אִיךְ הָאבּ אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן רֶעדְן פוּן מִקְוֶה פְרַייטָאג בִּכְלַל. אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ אִיר עֶנְטְפֶערְט מִיר.

תּוֹדָה רַבָּה פַאר דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ה' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - בְּעִיקָר שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן נִישְׁט סְתָּם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַן עֶרְלִיכֶע אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; ווּאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן דוּ זָאגְסְט לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת, וַוייל נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים הָאט מֶען אַ שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר ווּאוּ עֶס שְׁטֵייט אַז דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֵיין אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת פְרִי; עֶס ווּאוּנְדֶערְט

מִיר פַארְוָואס דוּ פְרֶעגְסְט דָאס, וַוייל דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ קֶענְסְט שׁוֹין אוֹיסְנְווייניג חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן. קוּק וִוי רֶבִּי נָתָן פַארְצֵיילְט דֶעם סִיפּוּר וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מְגַלֶּה זַיין דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפד): דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מְגַלֶּה זַיין דֶעם "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" אִיז גֶעוֶוען עֶרֶב שַׁבָּת, שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן: "דַּרְכּוֹ הָיָה תָּמִיד לֵילֵךְ לַמֶּרְחָץ סָמוּךְ אַחַר חֲצוֹת, וְעַכְשָׁיו יָשַׁב וְדִבֵּר עִמָּנוּ עַד סָמוּךְ לָעֶרֶב", גֶעוֶוענְלִיךְ פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי גֵיין גְלַייךְ נָאךְ חֲצוֹת אִין מִקְוֶה לְכָבוֹד שַׁבָּת, אוּן זִיךְ אַרָאפּ לֵייגְן שְׁלָאפְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, אָבֶער דָאס מָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמוּעֶס'ט מִיט אוּנְז בִּיז מַמָּשׁ פַאר'ן זְמַן.

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה פְּרִי, וַוייל אַז מֶען גֵייט שְׁפֶּעט פַאר'ן זְמַן קֶען מֶען נִכְשַׁל וֶוערְן מִיט חִילּוּל שַׁבָּת; קוּק וָואס דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה שְׁרַייבְּט (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רס, סְעִיף קָטָן א): "וּמְאֹד יֵשׁ לִזָּהֵר שֶׁלֹּא יָבוֹא עַל יְדֵי מִצְוַת הָרְחִיצָה לַחֲשַׁשׁ חִילּוּל שַׁבָּת, וּבַעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים הַרְבֵּה נִכְשָׁלִין בָּזֶה בִּימֵי הַחֹרֶף כְּשֶׁהַיָּמִים קְצָרִים, שֶׁיּוֹשְׁבִין כִּמְעַט עַד שֶׁחֲשֵׁכָה, וְאַף אִם גָּמַר אֶת עֶצֶם הָרְחִיצָה בְּהֶתֵּר, גַּם כֵּן מִזְדַּמֵּן אִיסּוּר לְיָדוֹ, שֶׁפְּעָמִים הוּא סוֹרֵק אֶת רֹאשׁוֹ בְּסוֹף, שֶׁהִיא מְלָאכָה דְאוֹרַיְיתָא - בְּשַׁבָּת"; קוּק נָאךְ וִוי עֶר זָאגְט דָארְט אַז וֶוער עֶס קֶען מוֹחֶה זַיין זָאל מוֹחֶה זַיין, וַוייל דָאס גֵיין אִין מִקְוֶה קוּמְט אוֹיס אַ מִצְוָה הַבָּאָה בַּעֲבֵירָה. חוּץ מִזֶּה, אוֹיב מֶען הָאט קִינְדֶער, אוּן מֶען ווִיל זֵיי נֶעמֶען אִין מִקְוֶה כְּדֵי זֵיי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אִין מִקְוֶה

וְכוּ׳, טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין פַאר׳ן זְמַן, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז דִי מִקְוֶה זֵייעֶר אָנְגֶעפִילְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ גֵיין דֶעמָאלְט מִכַּמָּה טַעֲמִים.

**דֶער** הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער ר׳ אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ״מִקְוֶה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶער צוּ וָואס מִקְוֶה קֶען צוּ בְּרֶענְגֶען קֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע מִצְוָה צוּ בְּרֶענְגֶען״.

**דֶערְפַאר**, וואוּיל אִיז פַאר׳ן מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִזְהָר צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוֹבֵל׳ט זִיךְ אִין מִקְוֶה, דֶעמָאלְט - אִין יֶענֶע רֶגַע טוֹבֵל׳ט מֶען אוֹיבְן אִין הִימְל זַיין נְשָׁמָה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, הַמְתָּקַת הַדִּינִים, סִימָן כב): ״עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה״.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# ס

## קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אֲפִילוּ וֶוען מֶען וויל הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ רִיזִיגְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן פַאר אַלֶע עֵצוֹת פוּנֶעם רֶבִּי'ן, עֶס הָאלְט מִיר מַמָּשׁ בַּיים לֶעבְּן אוּן אִיךְ שֶׁעפּ חַיוּת פוּן דֶעם יֶעדֶע מִינוּט פוּן טָאג.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז בִּנְוֹגֵעַ "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בְּמֻתָּר לָךְ". אִין דִי פְּלַאץ וואוּ אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעוואַקְסְן אִיז מֶען זֵייעֶר פַארְנוּמֶען מִיט "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בְּמֻתָּר לָךְ", מֶען אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אַז מֶען מוּז זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן דִי תַּאֲווֹת, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער קוֹיפְט זִיךְ אַ שֵׁיינֶע קַאר אָדֶער אַ שֵׁיינֶע הוֹיז אִיז עֶר שׁוֹין אָפְּגֶעפְרֶעגְט, מֶען קוּקְט אִים אָן ווִי אֵיינֶער וָואס אִיז נָאר פַארְנוּמֶען מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אוּן מֶען קוּקְט אִים אַרָאפּ.

אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען בִּיטֶע אַרָאפְּנֶעמֶען אַפָּאר מִינוּט מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה הַאלְט אִיבֶּער דִי נוֹשֵׂא.

יְיַשֵׁר כֹּחַ אוּן הַצְלָחָה רַבָּה

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א', ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט

(חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמ): "זֵיי זָאלְן מִיר הֶערְן אֵיין תּוֹרָה מִיט דֶעם נִיגוּן אוּן מִיטְן טַאנְץ, וָואלְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען"; וַוייל וֶוער עֶס הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער, זַיינֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת - וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ, שְׁרֵייט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דָארְט. מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַּאר אֵיינֶעם וָואס הָאט נָאךְ נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וָואס דֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּט אוּנְז. דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג.

וְזֵיסְן זָאלְסְטוּ אַז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הָאט נִישְׁט צוּ טוּן צִי מֶען הָאט אַ שֵׁיינֶע קַאר אוּן אַ שֵׁיינֶע דִירָה, צִי נִישְׁט; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז אֵיינֶער וָואס גֵייט דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אֲפִילוּ עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער, וַוייל צוּפְרִי דַארְף עֶר לוֹיפְן בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, בַּיינַאכְט אִיז עֶר זֵייעֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אִינְמִיטְן טָאג וֶוען עֶר אִיז אַריין גֶעטוּן אִין פַּרְנָסָה וְכוּ' - דָאךְ גֵייט עֶר אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ. אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז אֵיינֶער וָואס רֶעדְט אֵיידְל, עֶר שְׁרֵייט נִישְׁט, עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט וְכוּ', עֶר רֶעדְט שֵׁיין אִין שְׁטוּב, עֶר רֶעדְט אֵיידְל צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, עֶר מַאכְט פְרֵיילִיךְ זַיין וַוייבּ, עֶר שְׁטַארְקְט אִיר אוּן אִיז אִיר מְחַזֵק - דֶער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נַארִישְׁקַייטְן, יָא שֵׁיינֶע קַאר, נִישְׁט

שֵׁיינֶע קַאר, יָא שֵׁיינֶע הויז נִישְׁט שֵׁיינֶע הויז, דָאס גֶעבְּט גָארְנִישְׁט צוּ צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער איד אָדֶער נִישְׁט. אַ שֵׁיינֶע קַאר און אַ שֵׁיינֶע הויז אִיז נִישְׁט קַיין מוֹתָרוֹת, מוֹתָרוֹת אִיז טַייטְשׁ וֶוען מֶען לֶעבְּט אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט אִיז אַלֶעם אִיבֶּעריג. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווייסְט אַז אַלֶעם וָואס עֶר הָאט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ און אוֹיף וָואס עֶר הָאט, דֶעמָאלְט אִיז עֶס נִישְׁט קַיין מוֹתָרוֹת.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין לֶעבְּן, עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב, וֶוערְט "גָאט" - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיין שְׁטוּב, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם 'א' דֶעם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם בְּלַייבְּט אִיבֶּער 'גְט', און עֶס וֶוערְט אַ גֶט רַחְמָנָא לִצְלָן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה שֶׁזָּכוּ - שְׁכִינָה שְׁרוּיָה בֵּינֵיהֶן, לֹא זָכוּ - אֵשׁ אוֹכְלָתָן"; אַ מַאן און וַוייבּ וָואס זֶענֶען זוֹכֶה, זֵיי לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן זֵיי אַ גוּטֶע לֶעבְּן, אָבֶּער אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם זֵיי נֶעמֶען אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן, מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם יו"ד פוּן אִישׁ און דִי הֵ"א פוּן אִשָּׁה, בְּלַייבְּט אִיבֶּער אֵשׁ מִיט אֵשׁ און זֵיי וֶוערְן פַארְבְּרֶענְט. (עַיֵּין בְּרַשִׁ"י שָׁם)

אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט, אוֹיבּ מַאכְט עֶר אַ בְּרָכָה, עֶר דַאנְקְט

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט מֶעג עֶר הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם. פַארְקֶערְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן אַלֶע גוּטֶע עֶסְן נָאר אַז מֶענְטְשְׁן זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם אוּן אִים דַאנְקֶען, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ח, י): "וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹהֶיךָ, עַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ". אַזוֹי אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר אִין גְמָרָא, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְרֶעגְן אַ קַשְׁיָא (בְּרָכוֹת לה.): אֵיינְמָאל שְׁטֵייט (תְּהִלִּים כד, א): "לַה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ", דִי וֶועלְט בַּאלַאנְגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בַּיי אַ צְוֵוייטֶע פְלַאץ שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קטו, טז): "וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן דִי עֶרְד פַאר דִי מֶענְטְשְׁן? עֶנְטְפֶערְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: "כָּאן קוֹדֶם בְּרָכָה, כָּאן לְאַחַר הַבְּרָכָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ בְּרָכָה דֶעמָאלְט וֶוערְט עֶס דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס זַאךְ, עֶר מֶעג דָאס עֶסְן אוּן הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַ גַּנָּב.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואס טוּט זִיךְ מִיט: "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ"; דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים): "קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ" מִתְקַיֵּם עַל פִּי שְׁנֵי דְּרָכִים; אוֹ שֶׁמְּמָאֵס בְּמוּתָּרוֹת, וְלִפְעָמִים בְּהֵפֶךְ - כַּמְּבֹאָר בְּשֻׁלְחָן עָרוּךְ שֶׁמַּשְׁבִּיעַ עַצְמוֹ מִן הַהֶתֵּר כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבֹא לִידֵי אִיסּוּר, וְהַכֹּל לְפִי מַה שֶּׁהוּא אָדָם בְּאוֹתָהּ שָׁעָה, וּבִלְבַד שֶׁיִּהְיֶה כַּוָּנָתוֹ לַשָּׁמַיִם, וְהַיְינוּ גַּם כֵּן קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ, שֶׁעַל יְדֵי הַמֻּתָּר הוּא מְקַדֵּשׁ עַל עַצְמוֹ שֶׁלֹּא יָבֹא לִידֵי אִיסּוּר, וְגַם אִם עָשָׂה לְכַוָּנָה זוֹ, הֲוֵי עֲבוֹדָה לַשֵּׁם בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ

שְׁמוֹ, וּמְקַדֵּשׁ עַצְמוֹ, וְהָבֵן, עַיֵּין שָׁם, מֶען קֶען עֶס מְקַיֵּים זַיין אוֹיף צְווייי וֶועגְן, אָדֶער אַז מֶען אִיז מְמָאֵס אִין אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע זַאכְן וְכוּ', אָדֶער פַארְקֶערְט, מֶען טוּט אַלֶעס וָואס מֶען מֶעג טוּן - בְּהֶיתֵּר, אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ קַיין עֲבֵירוֹת; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג מְקַיֵּים צוּ זַיין קַדֵּשׁ עַצְמְךָ בַּמֻּתָּר לָךְ אַז מֶען זָאל טוּן אַלֶעס וָואס מֶען מֶעג טוּן בְּהֶיתֵּר, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ טוּן עֲבֵירוֹת.

**אַנְשְׁטָאט** צוּ שְׁטֵיין אוּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַוֶועקְרַייסְן פוּן זִיךְ אַלֶע תַּעֲנוּגִים וְכוּ', דַארְף מֶען שְׁטֵיין אוּן זוּכְן:

'וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן צוּ וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לד, טו): "סוּר מֵרָע וַעֲשֵׂה טוֹב", עֶס אִיז דָא צְווייי דְּרָכִים ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען פְּשַׁט אִין דֶעם פָּסוּק, אֵיין וֶועג אִיז דֶער דֶּרֶךְ הַמּוּסָר - מֶען זָאל קוֹדֶם אַרְבֶּעטְן אָפּ צוּ טוּן פוּן זִיךְ דֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען עוֹסֵק זַיין אִין עֲשֵׂה טוֹב. נָאכְדֶעם אִיז דָא דִי וֶועג פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים - מֶען זָאל קוֹדֶם עוֹסֵק זַיין אִין עֲשֵׂה טוֹב, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס וֶוערְן סוּר מֵרָע, זֵיי לֶערְנֶען פְּשַׁט אִינֶעם פָּסוּק אַזוֹי: סוּר מֵרָע - ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דַיין שְׁלֶעכְטְס, ווִי אַזוֹי? דוּרְךְ וַעֲשֵׂה טוֹב, ווַייל אַז מֶען צִינְדְט אָן אַ לִיכְט אִין אַ טִינְקֶעלֶע שְׁטוּב וֶוערְט לִיכְטִיג, אוּן דִי טִינְקֶלְקֵייט גֵייט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה וֶוערְט לִיכְטִיג אִין אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר שׁוֹין אָפְּלָאזְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמז) אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן זַייעֶר גֶעוויינְט אַז עֶר לִיגְט אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע, עֶר זִינְדִיגְט נֶעבֶּעךְ אוּן טוּט זַייעֶר הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת, עֶר וויל דֶער רֶבִּי זָאל אִים הֶעלְפְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיין בְּלָאטֶע. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דוּ טוּ גוּטְס, אוּן דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק פַאלְן"; דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מֶען זָאל עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה וּתְפִילָה וֶועט דִי שְׁלֶעכְטְס אַלֵיינְס אַוֶועק פַאלְן. דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זַייעֶר מוֹרָא פוּן לִימּוּד הַתּוֹרָה וַוייל וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט עֶר אוֹיס, בִּפְרַט וֶוען מֶען לֶערְנְט אַ דַף גְמָרָא וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְבְּרֶענְט, דֶערְפַאר וֶועט עֶר אַלֶעס לָאזְן טוּן אַבִּי מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג.

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אִיבֶּער דֶעם נוֹשֵׂא, זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זֶען אַרַיין צוּ כַאפְּן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה תְּפִילָה, וַוייל נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם: "בַּקָשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי, שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק, שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מִטָּפֵל עִיקָר, רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְכוּ', כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר, זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מַאכְן פוּן טָפֵל אַן עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר אַ טָפֵל; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, אוּן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן אַן עִיקָר - נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

זֵייעֶר אַסאךְ בָּחוּרִים און אִינגֶעלַייט מֵיינֶען אַז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען זַיין אַ בַּטְלָן, וואוֹינֶען אִין אַן אַלְטְן הויז, מִיט אַ שְׁמַאטֶע קַאר, מִיט צֶערִיסֶענֶע בְּגָדִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, און דָאס מַאכְט אַז זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן זֵייעֶר רָצוֹן צוּ וֶועלְן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זֵייעֶר אַסאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה אִין דֶעם, זֵיי מֵיינֶען אַז אַ ל״ו צַדִיק גֵייט מִיט צֶערִיסֶענֶע בְּגָדִים און שְׁמוּצִיג אָנְגֶעטוּן. עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אַ צַדִיק אִיז אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה און עֶר גֵייט אַרוּם פְרֵיילִיךְ.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זָאגְן: ״דִי וֶועלְט מֵיינְט אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק דַארְף מֶען הָאבְּן עֲשָׂרָה קַבִּין מָרָה שְׁחוֹרָה, און צוּ זַיין פוּן דִי ל״ו צַדִיקִים דַארְף מֶען זַיין אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי - פְלֶעגְט עֶר אוֹיספִירְן - מֶען קֶען זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער אִידְ׳ל און זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, און מֶען קֶען זַיין אַ בַּעַל הַבַּיִת און אַ גְרוֹיסֶער עָשִׁיר אַזוֹי וְוִי ר׳ אַבְרָהָם בֶּערְנִיוּ (דֶעם רֶבִּינְ׳ס אֵיינִיקְל) און זַיין פוּן דִי ל״ו צַדִיקִים״.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן קטז): ״יֵשׁ טוֹעִים סוֹבְרִים, שֶׁצְּרִיכִין לְהַכִּיר אֶת הַצַּדִיק אוֹ שְׁאָר דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה לְהַכִּירוֹ בְּפָנָיו בְּצַלְמוֹ וּדְמוּתוֹ, שֶׁיִּהְיֶה מְשֻׁנֶּה בִּדְמוּתוֹ וּבִתְנוּעוֹתָיו דַּיְקָא, וּבֶאֱמֶת לֹא כֵן הוּא. כִּי הַצַּדִיק הוּא בִּדְמוּת וְצֶלֶם כְּכָל הָאֲנָשִׁים וְאֵין בּוֹ שׁוּם שִׁנּוּי, וְאַף עַל פִּי כֵן הוּא עִנְיָן אַחֵר לְגַמְרֵי״, עַיֵּין שָׁם; מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה און זֵיי

מֵיינֶען אַז מֶען דַארְף דֶערְקֶענֶען אַ צַדִיק פוּן אִינְדְרוֹיסְן - פוּן זַיין אָנְטוּן, פוּן זַיין פָּנִים וְכוּ', אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי - זָאגְט דֶער רֶבִּי, דֶער צַדִיק זֶעט אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן פּוּנְקְט וְוִי אַ צְוֵוייטֶער, נָאר דֶער חִילוּק אִיז, אַז זַיין פְּנִימִיּוּת אִיז גָאר אַן אַנְדֶערֶע עִנְיָן.

**דָאס** אִיז אַ טָעוּת וָואס זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן מַאכְן, מֶען מֵיינְט אַז מֶען דַארְף גֵיין אַיינְגֶעבּוֹיגְן וְוִי אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם לוּלָב צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן מֶען דַארְף גֵיין מִיט גֶעמָאסְטֶענֶע טְרִיט וְכוּ', אָבֶער דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצז): "כִּי בְּוַדַּאי אֵין זֶה מַעֲלַת הָעֲנָוָה לְהַרְאוֹת עַצְמוֹ בְּכְפִיפַת רֹאשׁ בְּדֶרֶךְ שְׁטוּת כְּאִלּוּ הוּא עָנָו, כִּי זֶה עֲנָוָה פְּסוּלָה", עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֲנָוָה צוּ גֵיין מִיט אַן אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶעם קָאפּ, מֶען קֶען גֵיין מִיט אַ גְרָאדֶע אוֹיפְגֶעהוֹיבֶענֶע קָאפּ אוּן זַיין בַּיי זִיךְ צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר, מֶען קֶען זֶען בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים פוּנֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן דוֹר וְוִי זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן זֵייעֶר צוּזַאמְגֶענוּמֶען וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן אַ שֵׁיינֶע קַאר אוּן אַ שֵׁיינֶע הוֹיז אוּן מִיט דֶעם טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיט דַיין קַאר זָאלְסְטוּ טוּן חֶסֶד, דַיין הוֹיז זָאלְסְטוּ מַאכְן פַאר אַ מִקְדָּשׁ מְעַט וואוּ דוּ זָאלְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, זָאלְסְט מְחַנֵךְ זַיין דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לִיבּ הָאבְן עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן לִיבּ הָאבְן צוּ טוּן מִצְוֹת.

**אִיךְ** וָואלְט נָאךְ גֶעדַארְפְט אַסַאךְ מֶער מַאֲרִיךְ זַיין, אָבֶער אִיךְ בִּין נֶעבְטְן צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אוּמַאן, אוּן עֶס וַוארְט אוֹיף מִיר אַסַאךְ אַרְבֶּעט וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

## סא

### מַיין טַאטֶע טְשֶׁעפֶּעט מִיר, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט שְׁטֶענְדִיג אַז וֶוען מֶען הָאט אֵיינֶעם וָואס הָאלְט אִין אֵיין רוֹדְפְ'ן אוּן טְשֶׁעפֶּען, זָאל מֶען זַיין אָפְּן מִיט יֶענֶעם אוּן פְרֶעגְן יֶענֶעם פַארְוָואס עֶר טוּט דָאס. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה נוּצְט אַלְץ דִי בַּיישְׁפִּיל פוּן אַ מַאן אוּן וַוייב אַז זֵיי זָאלְן זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

הָאב אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס מֶען טוּט וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ טְשֶׁעפֶּען מִיט וֶוערְטֶער יֶעדֶע מָאל וָואס עֶס קוּמְט אוֹיס זִיךְ צוּ טְרֶעפְן. אוּן נָאכְ'ן טְשֶׁעפֶּען גֶעט מֶען זִיךְ אַ רוּף אָן: "מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן מִיט דִיר אַ וֶוערְטְל?"... אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כו, יח): "כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיֹּרֶה זִקִּים".

אִיךְ פִיל וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ וִויל נִישְׁט פַיינְט הָאבְן מַיין טַאטֶע. אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיב דִי עֵצָה אִיז אַז אִיךְ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אָפְן אוּן אִים זָאגְן אַז אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אִין לֶעבְן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ו' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א) אַז דָאס אִיז חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת, דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן אִיז פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְווֹת וָואס אִיז דָא.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידּוּשִׁין כ.): מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר: "עַד הֵיכָן הוּא כִּיבּוּד אָב וָאֵם", בִּיז וִויפִיל אִיז אַ מֶענְטְשׁ מְחוּיָב צוּ מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן? הָאט רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וְלִי אַתֶּם שׁוֹאֲלִין", וָואס פְרֶעגְט אִיר מִיר, "לְכוּ שַׁאֲלוּ לְדָמָה בֶּן נְתִינָה" גֵייט פְרֶעגְן דָמָה בֶּן נְתִינָה, "רֹאשׁ פֶּטֶר הָוָה", עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע אִין דִי מִילִיטֶער, "פַּעַם אַחַת הָיְתָה אִמּוֹ מְסַטַּרְתּוֹ", אֵיינְמָאל הָאט זַיין מַאמֶע אִים גֶעשְׁלָאגְן מִיט אַ שִׁיךְ, "לִפְנֵי כּוּלֵי שֶׁלּוֹ", פַאר אַלֶע סָאלְדַאטְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוּנְטֶער אִים, "וְנָפַל קוֹרְדִּקְסִין שֶׁלָּהּ מִיָּדָהּ", אוּן עֶס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן דִי שִׁיךְ פוּן אִיר הֶענְט, "וְנוֹשִׁיט לָהּ, כְּדֵי שֶׁלֹּא תִּצְטַעֵר", הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפּ גֶעבּוֹיגְן אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי שִׁיךְ אוּן גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרָאפּ בֵּייגְן אוּן זִיךְ מְצַעֵר זַיין.

**נָאךְ** דֶערְצֵיילְן חֲזַ"ל (שָׁם): רֶבִּי טַרְפוֹן'ס מַאמֶע פְלֶעגְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן שַׁבָּת אִין אִיר חָצֵר, אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ צֶערִיסְן אִיר שִׁיךְ, הָאט רֶבִּי טַרְפוֹן זִיךְ אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן גֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן גֶעזָאגְט: "מַאמֶע, טְרֶעט אוֹיף מִיר", אַזוֹי אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר בִּיז זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִיר בֶּעט. אֵיינְמָאל וֶוען רֶבִּי טַרְפוֹן אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט גֶעזוּנְט, הָאט זַיין מַאמֶע גֶעבֶּעטְן דִי חֲכָמִים זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אִים וַוייל עֶר אִיז אִיר מְכַבֵּד מֶער וְויפִיל מֶען דַארְף, הָאבְּן זֵיי אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וָואס טוּט עֶר?" הָאט זִי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וִוי עֶר הָאט אִיר גֶעהָאלְפְן גֵיין אִין אִיר חָצֵר וֶוען אִיר שִׁיךְ הָאט זִיךְ צֶערִיסְן, אַז עֶר הָאט גֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אַז זִי זָאל קֶענֶען גֵיין וְכוּ', הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט: "אֲפִילוּ עֶר זָאל טוּן טוֹיזֶנְט מָאל אַזוֹי וִוי עֶר טוּט יֶעצְט, הָאט עֶר נָאךְ נִישְׁט מְקַיֵים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין".

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן; גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אַז מֶען הֶערְט וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער עִיקָר וִוי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט אָפְּקוּמֶען אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט אָפְּקוּמֶען, אוּן בִּזְכוּת דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף כִּיבּוּד אָב וָאֵם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַז דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן דִיר מְכַבֵּד זַיין אוּן דִיר בְּרֶענְגֶען נַחַת.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם): "רַבִּי זְעִירָא אָמַר, הַלְוַאי הֲוָה לִי אַבָּא וְאִמָּא דְאוֹקְרִינוּן, וְאִירַת גַּן עֵדֶן", רַבִּי זְעִירָא אִיז גֶעוֶוען אַ יָתוֹם, אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אֵייבִּיג מְצַעֵר זַיין פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין עֶלְטֶערְן עֶר זָאל זֵיי קֶענֶען מְכַבֵּד זַיין, אוּן זוֹכֶה צוּ זַיין דוּרְךְ דִי מִצְוָה צוּ בַּאקוּמֶען גַן עֵדֶן. אָבֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן רַבִּי טַרְפוֹן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "בְּרִיךְ רַחֲמָנָא דְּלֵית לִי לָא אַבָּא וְלָא אִמָּא", יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין עֶלְטֶערְן, וַוייל אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן וָואס רַבִּי טַרְפוֹן הָאט גֶעטוּן.

**דַאנְק** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ הָאסְט דַיין אֵייגֶענֶע לֶעבְּן וְכוּ', דָאס בִּיסְל וָואס עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס צוּ גֵיין צוּ דַיין טַאטֶע מַאמֶע זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי צוּ מְכַבֵּד זַיין, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעם גוּטְס.

**בֶּעט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן מֶען זָאל לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִשְׁנָה עֵדִיּוֹת ח, ז): "אֵין אֵלִיָּהוּ בָּא לֹא לְרַחֵק וְלֹא לְקָרֵב, אֶלָּא לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בָּעוֹלָם", שֶׁנֶּאֱמַר (מַלְאָכִי ג, כג-כד): "הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ לָכֶם אֵת אֵלִיָּה הַנָּבִיא וגו', וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים, וְלֵב בָּנִים עַל אֲבוֹתָם".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# סב

## אִיךְ פַאל אַסַאךְ דוּרְךְ, גֶעבְּט מִיר בִּיטֶע אַן עֵצָה.

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיז מִיר מוֹרָא'דִיג מְחַזֵק בִּכְלַל, אוּן בִּפְרַט ווִי אַזוֹי זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין אַלְס בָּחוּר. אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ "חִיזוּק יוֹמִי בִּיזְנֶעס קַארְד", אוּן זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מֶער עֶרְלִיךְ.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ זַאךְ וָואס הָאט מִיר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר מְחַזֵק זַיין אוּן גֶעבְּן אַ עֵצָה אוֹיף ווַייטֶער. דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט הָאבּ אִיךְ מִיר שׁוֹין אַסַאךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעם בִּין אִיךְ דִי לֶעצְטֶע דְרֵיי שַׁבָּתִים אִין אֵיין צוּ אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען אַ ב"ק, אִינְמִיטְן דִי וָואךְ אִיז אַלֶעס גוּט אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת זֶע אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אָדֶער גֶעקוּקְט עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט, אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעם בִּין אִיךְ אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען אַזוֹי.

אִיךְ בִּין מוֹרָא'דִיג צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, ווַייל אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ זַיין עֶרְלִיךְ, אוּן דָאס קְלַאפְּט מִיךְ אַרָאפּ. אוּן אוֹיךְ אַז דִי קוּמֶענְדִיגֶע שַׁבָּת אִיז יוֹם כִּיפּוּר, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן אוֹיף וֶוער עֶס וֶוערְט אַ ב"ק אוּם יוֹם כִּיפּוּר.

אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן דֶערְפוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק דִיר אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט עֶר צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר רֶעכְנְט כְּאִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט. זָארְג זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וָואס עֶס גֵייט זַיין, אוּן פַּיינִיג דִיךְ נִישְׁט מִיטְן עָבַר וָואס אִיז גֶעוֶוען, דוּ טוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי": דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז מְגַלֶה גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית (קַאפִּיטְל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ). דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים דַארְף זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): אַז אַסַאךְ צַדִיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט מַשִּׂיג זַיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִּׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִּׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, אָבֶּער מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן; זָאלְסְט יֶעדְן טָאג

זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אַזוֹי ווִי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים פִירְן זִיךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג נָאךְ תְּפִלַּת שַׁחֲרִית וֶוען מֶען אִיז נָאךְ אָנְגֶעטוּן מִיט דִי טַלִית וּתְפִילִין. וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעם וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ. אוּן אוֹיבּ דוּ הָאסְט נָאךְ אַפָּאר מִינוּט לֵייג צוּ רַשִׁ"י, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן יט) אַז שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם אִיז אַ תִּיקוּן הַבְּרִית.

זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ; "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה"; ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶה אִינְגַאנְצְן, אוּן עֶר וֶוערְט רֵיין. מִשְׁנַיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, וָואס מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיין גֶעפַאלְן. אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - מַה טוֹב, וַוייל חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן לוֹיטֶער, אוּן עֶס גֶעבְּט צוּרִיק דֶעם מֹחַ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶעְרִיסְן זַיין מֹחַ מַחְשָׁבָה, וַוייל דִי זֶרַע קוּמְט פוּנֶעם מֹחַ, אוּן אַז מֶען זִינְדִיגְט וֶוערְט דֶער מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט וְכוּ', אָבֶער אַז מֶען זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים

מִשְׁנַיוֹת בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַ קְלָארֶע מֹחַ. אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ זָאגְן ח"י פְּרָקִים, זָאג ווִיפִיל דוּ קֶענְסְט.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זֶען צוּ לֶערְנֶען אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע ווִי דֶער נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה ווָאס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; דֶערְפַאר אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט ווָאס דוּ לֶערְנְסְט ווַייל דַיין מֹחַ אִיז דִיר אוֹיסְגֶעריסְן פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָאךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען גְמָרָא מִיט מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, אוּן דָאס ווֶעט דִיר רַאטֶעווֶען פוּן דַיין בְּרֶענֶעדִיגֶע יֵצֶר הָרַע; דָאס אִיז דֶער עֵצָה צוּ קֶענֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דִי טִיפֶע בְּלָאטֶע פוּן עֲבֵירוֹת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ ווָאס אִיז זֵייעֶר ווַייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד". אוֹיבּ ווֶעט עֶר זִיךְ מַאכְן

אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ" וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן: "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ ווייסְט ווִי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס! אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווַייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג). אִיךְ מֵיין אַז אֵיינְמָאל מֶען הֶערְט אַזַא שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז שׁוֹין בִּיטוּל הַבְּחִירָה, ווייל וואוּ דֶער ס"מ זָאל דִיר נָאר אַרַיין ווַארְפְן, אוּן וָואס עֶס זָאל נָאר אִיבֶּער גֵיין אוֹיף דִיר, הָאסְטוּ שׁוֹין אַ וֶועג פוּן רֶבִּי'ן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן דָארְט.

**דֶערְפַאר** טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, שְׁטַארְק דִיר אוּן זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן בַּיי דִיר וֶוען דוּ זֶעסְט אַז ווִי מֶער דוּ ווילְסְט זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאלְסְטוּ אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן ווִי מֶער דוּ ווילְסְט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשַׁת הַבְּרִית פַאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, אוּן דוּ וֶוערְסְט נִכְשָׁל בִּפְגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן; אַזוֹי גֵייט עֶס מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס ווִיל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס

בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזֵי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֵייבְּט עֶר אָן שְׁפִּירְן כְּאִילוּ מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר שְׁפִּירְט וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן הִימְל וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער בֶּאֱמֶת - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז דָאס נָאר אִים מְקָרֵב צוּ זַיין, אוּן מֶען וויל זֶען וִוי עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַ** אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל יֶעדֶע נַאכְט בְּעָוֹן קֶרִי רַחְמָנָא לִצְלָן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זָאל אִים גֶעבְּן אַן עֵצָה, הָאט אִים דֶער מַגִּיד גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ טָאג אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט נִישְׁט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן עֶר זֶעט יֶעדֶע נַאכְט קֶרִי רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ סְגוּלָה וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען צוּ מִיר, וַוייל דִי סְגוּלָה וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן", עֶר הָאט אִים אַרוֹיס גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהַרַ"ן' אוּן אִים גֶעזָאגְט: "לֶערְן יֶעדֶע נַאכְט פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל פוּן דֶעם סֵפֶר, וֶועסְטוּ זִיכֶער וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן מִקְרֶה לַיְלָה".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# סג

## מֶעג מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צְווישְׁן דִי תְּקִיעוֹת אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין דִי טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁעָבְרוּ עָלֵינוּ לְטוֹבָה, אִיז מִיר אַיינְגֶעפַאלְן אַ שְׁאֵלָה. וֶוען מֶען דַאוְונְט דִי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה פוּן מוּסָף אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶעג מֶען דָארְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אָדֶער אֶפְשָׁר אִיז עֶס אַ הֶפְסֵק צְווישְׁן דִי תְּקִיעוֹת?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וַוֹאוּיל** אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ טוּסְט דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק): "מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת, כִּי אִם עַל יְדֵי הִתְבּוֹדְדוּת", מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר אַז מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת; דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט

צוּ רֶעדְן, מֶען זָאל אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן - אַלֶע יְרִידוֹת, אַלֶע נְפִילוֹת אוּן אַלֶעס וָואס טוּט וְויי פַארְ'ן מֶענְטְשׁ.

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן צו): "אֲפִילּוּ כְּשֶׁאֵין יְכוֹלִין לְדַבֵּר כְּלָל, אֲפִילּוּ כְּשֶׁמְּדַבְּרִין רַק דִּבּוּר אֶחָד, גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד", אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים וָואס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נָאר זָאגְן אֵיין וָוארְט, אִיז דָאס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אִין הִימְל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט): "עִקַּר הַחִיּוּת מְקַבְּלִין מֵהַתְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: 'תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי'", דֶער גַאנְצֶער חַיוּת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ קוּמְט פוּן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַאוְונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ב) אַז תְּפִילָה אִיז אַזוֹי וִוי דִי נָאז פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אַ מֶענְטְשׁ אָן אַ נָאז קֶען נִישְׁט לֶעבְן, וַוייל מֶען אָטֶעמְט פוּן דִי נָאז, אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ לֶעבְּן מִיט תְּפִילָה אַז עֶס זָאל זַיין בַּיי אִים מַמָּשׁ וִוי אָטֶעמֶען; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁייךְ צוּ זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ יֶעצְט קֶען מֶען יָא אָטֶעמֶען, יֶעצְט קֶען מֶען נִישְׁט אָטֶעמֶען, אָטֶעמֶען דַארְף מֶען אַ גַאנְצְן צַייט, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע סֶעקוּנְדֶע - אַ גַאנְצְן טָאג, אַזוֹי אוֹיךְ אִינְמִיטְן דַאוֶנֶען, אוּן דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק. פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיים דַאוֶנֶען, אִיז אִים דָאס גַאנְצֶע דַאוֶנֶען גָאר אַנְדֶערְשׁ, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זַיי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווֶערְט בַּיי אִים שְׁטֶערְקֶער זַיין אֱמוּנָה, עֶר הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן ווי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, אוּן דֶעמָאלְט ווֶעט עֶר גָאר אַנְדֶערְשׁ דַאוֶוענֶען, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סב): "וּבֶאֱמֶת, אִם הָיָה יוֹדֵעַ הָאָדָם יְדִיעָה בְּלֵב שָׁלֵם, 'שֶׁמְּלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד בִּשְׁעַת הַתְּפִילָּה, וְשׁוֹמֵעַ הַתְּפִילָּה, וַדַּאי הָיָה מִתְפַּלֵּל בְּהִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל, וְהָיָה מְדַקְדֵּק מְאֹד לְכַוֵּן אֶת דְּבָרָיו", ווֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט ווֶען גֶעווִיסְט בַּיי זִיךְ קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט נֶעבְּן אִים בִּשְׁעַת עֶר דַאוְונְט, אוּן עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעס ווָארְט וואס עֶר בֶּעט, וָואלְט עֶר גֶעדַאוְונְט אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן עֶר וָואלְט מְכַוֵּון גֶעווֶען יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע וָוארְט ווִי אַזוֹי עֶר זָאגְט עֶס אַרוֹיס.

מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַלְטֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים וָואס הָאבְּן גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אַ שׁוּסְטֶער, זֵייעֶר אַ פָּשׁוּט'עֶר אִיד, ווֶען מֶען פְלֶעגְט אַרַיין קוּמֶען צוּ אִים אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט, הָאט מֶען גֶעזֶען אַ מוֹרָא'דִיגֶע בִּילְד פַאר זִיךְ, עֶר פְלֶעגְט שְׁטֵיין אוּן הַאקְן מִיטְן הַאמֶער אוֹיף דִי שִׁיךְ אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְטִיפְט אִין רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט בַּאמֶערְקְן ווִי אֵיינֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין גֶעשֶׁעפְט.

ווֶען עֶר פְלֶעגְט בַּאמֶערְקְן ווִי אֵיינֶער שְׁטֵייט דָארְט, פְלֶעגְט עֶר אָפְּשְׁטֶעלְן דִי אַרְבֶּעט אוּן פְרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס

אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען: "אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה, אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט שִׁיךְ, אוּן וֶוען מֶען כַאפְּט אָן שִׁיךְ וֶוערְט מֶען טָמֵא, אוּן אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִיל אִיךְ ווִיסְן צִי אִיךְ מֶעג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט דִי שִׁיךְ?" מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן עֶטְלִיכֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ אִידְן, וָואס אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה, אוּן אַלֶע הָאבְּן דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעווּיסְט וָואס אִים צוּ עֶנְטְפֶערְן.

**בְּשַׁעַת** מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אִינְמִיטְן שִׁיעוּר הָאט אַ אִינְגֶערְמַאן אַרַיין גֶעפְרֶעגְט: "לְמַעֲשֶׂה מֶעג מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען, אָדֶער וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוַואשְׁן דִי הֶענְט?" אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "עֶס אִיז בְּגֶדֶר 'הֲלָכָה וְאֵין מוֹרִין כֵּן'"; דָאס הֵייסְט, עֶס אִיז דָא הֲלָכוֹת וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז מֶען זָאל אַזוֹי טוּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

**אַ** גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# סד

## קֶען מֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית נָאךְ פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וָואס אִיר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן (מִכְתָּב נז), אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית נָאךְ פוּן פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט וויסְן דֶער מְקוֹר צוּ דִי הֲלָכָה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ז' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

**אִיךְ** הָאבּ דֶערְהאַלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וואוּ אִיז דֶער מְקוֹר אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית פַאר שִׂמְחַת תּוֹרָה; מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט יֶעדְעס יָאר מְעוֹרֵר זַיין אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אַז מֶען זָאל שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת, אַזוֹי ווִי דֶער מְחַבֵּר פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִים סִימָן רפה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילָךְ נִקְרָא עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין מַעֲבִיר

סֶדְרָה זַיין; אֲפִילוּ מֶען הָאט נָאךְ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית.

**מוֹהֲרָא"ש** פְלֶעגְט זָאגְן אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם מִצְוָה אִיז, וַוייל מֶענְטְשְׁן זוּכְן שְׁלֵימוּת, מֶען וִויל מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט גֶעזָאגְט, אַז מֶען זָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת, אוּן וְוייבַּאלְד עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר רוֹב מֶענְטְשְׁן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין עֶרֶב שַׁבָּת, בִּפְרַט ווִינְטֶער וֶוען דֶער זְמַן אִיז זֵייעֶר פְּרִי, דֶערְפַאר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, אוּן מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דֶעם.

**אוֹיף** דֶעם אִיז דִי עֵצָה צוּ טוּן אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם) אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן פוּן זוּנְטָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה בִּשְׁלֵימוּת, אַזוֹי וִוי דִי מִשְׁנָה בְּרוּרָה (שָׁם, סָעִיף קָטָן ח) בְּרֶענְגְט אַרָאפּ פוּן סֵפֶר מַטֵה יְהוּדָה: "אִם הוּא קוֹרֵא מִתְּחִלַּת הַשָּׁבוּעַ וְהָלְאָה, הוּא גַם כֵּן בִּכְלָל מִצְוָה מִן הַמֻּבְחָר".

**רֶבִּי** נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת תְּרוּמוֹת וּמַעַשְׂרוֹת, הֲלָכָה ג): דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס קוּמְט פוּן דֶעם וָואס מֶענְטְשְׁן ווִילְן שְׁלֵימוּת, זֵיי ווִילְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיבּ זֵיי קֶענֶען עֶס טוּן מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן אַלֶע הִידוּרִים. עֶר גֶעבְּט אַ מָשָׁל, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעווּיסְט וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען עֶר גֶעבְּט אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה, וָואס פַאר אַ רַעַשׁ דָאס מַאכְט

אויבְן אִין אַלֶע עולָמות, וָואלְט עֶר זִיכֶער גֶעגֶעבְּן כְּסֵדֶר פְּרוטות לִצְדָקָה. אַזוֹי אויךְ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט וֶוען גֶעוִויסְט וָואס עֶס גֶעשֶׁעט אִין הִימְל וֶוען עֶר לֶערְנְט אַ דַף גְמָרָא, וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה עֶס וֶוערְט אִין אַלֶע עולָמות עֶלְיוֹנִים, וָואלְט עֶר זִיכֶער מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ דַף גְמָרָא. נָאר דִי סִיבָּה - זָאגְט רֶבִּי נָתָן - פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן טוּעֶן דָאס נִישְׁט אִיז, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וָואס אִיז שׁוין אֵיין פְּרוּטָה? וָואס אִיז שׁוין אֵיין דַף גְמָרָא? אִיךְ דַארְף טוּן אַסַאךְ אויף אַמָאל וְכוּ', אִיךְ דַארְף טוּן דִי מִצְוֹת מִיטְן גַאנְצֶע שְׁלֵימוּת', און וִויבַּאלְד עֶר קֶען עֶס נִישְׁט טוּן בְּתַכְלִית הַשְׁלֵמוּת, טוּט עֶר גָארְנִישְׁט, עַיֵין שָׁם.

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז מִיט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעוִויסְט וָואס עֶס גֶעשֶׁעהְט אִין הִימְל וֶוען עֶר רֶעדְט אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְט עֶר גֶערֶעדְט נָאךְ אַ וָוארְט און נָאךְ אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר וִויבַּאלְד אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר דַארְף רֶעדְן אַ גַאנְצֶע שָׁעָה אויף אֵיין מָאל, און עֶר קֶען נִישְׁט, טוּט עֶר גָארְנִישְׁט.

**מוֹהַרְאַ"שׁ** פְלֶעגְט יֶעדֶעס יָאר זִיךְ בֶּעטְן אַז מֶען זָאל שׁוין אָנְהֵייבְּן זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י, עֶס אִיז אַ לַאנְגֶע סֶדְרָה, און אַז מֶען עֶנְדִיגְט דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה, וֶועט מֶען אַ גַאנְץ יָאר מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אָבֶּער אַז מֶען אִיז נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה דִי עֶרְשְׁטֶע וָואךְ אִיז מֶען שׁוין

די צְווייטֶע וָואך אוֹיךְ נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זָאלְסְט שׁוֹין בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אוּן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ עֶנְדִיגְן פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה, אַז זוּנְטָאג חוֹל הַמּוֹעֵד סוּכּוֹת זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה. וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, סַיי דִי יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס מֶען בַּאקוּמְט דוּרְכֶדֶעם, סַיי דִי סְגוּלָה פוּן אֲרִיכוּת יָמִים אוּן סַיי פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח, וָואלְט יֶעדֶער אֵיינֶער מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִי מִצְוָה.

גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "עִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקַייט אִיז צוּ גֵיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין חָכְמוֹת. אוּן דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן צוּם סוֹף אָפְּגֶעלָאזְט זֵייעֶר אִידִישְׁקַייט, אִיז גֶעוֶוען וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיט חָכְמוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# סה

## גֵיין מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּם הֵיילִיגְן צִיוּן

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

תּוֹדָה וּבְרָכָה פַּאר אַלֶע אֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶ' אוּן מְחַזֵק אֲפִילוּ גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע מֶענְטְשׁ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיף אַן עִנְיָן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט אַרוּמְגֶעשִׁיקְט אוֹיף דִי חִיזוּק יוֹמִי אִימֶעיל. דִי רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט בַּיי יֶענֶע דְרָשָׁה אַז צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן דַארְף מֶען קוּמֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן נִישְׁט מַאכְן דָארְט קַיין קוּמְזִיצְן, ווייל דָאס אִיז אַ הֵיילִיג פְּלַאץ, אוּן בִּכְלַל אַז מֶען זָאל קוּמֶען אָנְגֶעטוּן מִיט דִי הוּט אוּן רֶעקְל. מַיין שְׁאֵלָה אִיז, אֱמֶת אַז עֶס זֶענֶען דָא פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען אִיז זֵייעֶר מְכַבֵּד דִי מְקוֹמוֹת הַקְדוֹשִׁים פוּן דִי רֶבִּיִים פוּן יֶענֶעם הוֹיף לְמָשָׁל אִין חַבַּ"ד; אָבֶּער הָאט דֶען דֶער רֶבִּי פוּן חַבַּ"ד גֶעגֶעבְּן אַמָאל דִי הַבְטָחוֹת וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט פַּאר מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית?! אַוַדַאי אִיז דִי צִיוּן פוּן רֶבִּי'ן אַ הֵיילִיגֶע אוּן פַּארְכְטִיגֶע פְּלַאץ, אָבֶּער מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אַזוֹי נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי אִיז וִוי אַ מַאמֶע פַאר אוּנְז וָואס וַואשְׁט אוּנְז אָפּ וֶוען מִיר וֶוערְן שְׁמוּצִיג, דֶער רֶבִּי פַארְשְׁטֵייט אוּנְז אַזוֹי גוּט. אוֹיךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּגֶעגְלִיכְן דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אַז מֶען זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אוֹיבּ צוּ אַ לֶעבֶּעדִיגֶע רֶבִּי וָואלְט מֶען אוֹיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אָן אַ הוּט אוּן רֶעקְל. דָאס אִיז אַמָאל זִיכֶער אַז וֶוען מֶען גֵייט פוּן מָאל צוּ מָאל אַרַיין צוּ אַ רֶבִּי וואוּ עֶס הֶערְשְׁט אַ מַלְכוּת'דִיגֶע אַטְמָאסְפֶער גֵייט מֶען מִיטְ'ן הוּט אוּן רֶעקְל, אָבֶּער אַז מֶען זָאל זִיךְ פָּארְשְׁטֶעלְן אוֹיבּ מוֹהֲרַ"אשׁ וָואלְט יֶעצְט גֶעלֶעבְּט, בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ וָואלְטְן מִיר טַאקֶע גֶעקוּמֶען מִיטְ'ן הוּט אוּן רֶעקְל, אָבֶּער וֶוען מִיר וָואלְטְן גֶערֶעדְט מִיט אִים אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אָדֶער סְתָּם גֶעלֶערְנְט אִין זַיין אָנְוֶועזֶנְהֵייט, וָואלְט אִיךְ זִיכֶער נִישְׁט גֶעזִיצְן מִיטְ'ן רֶעקְל.

בְּאֱמֶת וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְרֶעדְן בִּכְלַל, נָאר אִיךְ זֶע אַז דָאס הַאלְט מִיר צוּרִיק פוּן גֵיין צוּם צִיוּן, ווַייל יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ ווִיל קוּמֶען צוּם צִיוּן טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'אוֹי! אִיךְ דַארְף יֶעצְט צוּרִיקְגֵיין צוּ מַיין דִירָה...' אוּן דָאס הַאלְט מִיר צוּרִיק פוּן גֵיין צוּם צִיוּן.

אַזוֹי אוֹיךְ זֶעט מֶען בַּיי לֶעבֶּעדִיגֶע רֶבִּי'ס אַז מֶען טַאנְצְט מִיט אִים אוּן מֶען מַאכְט קוּמְזִיצְן פַאר אִים; פַארְוָואס פֶעלְט אוֹיס צוּ מַאכְן נָאךְ גְּדָרִים בַּיים צִיוּן, וָואס עֶס אִיז שׁוֹין גֶענוּג שְׁוֶוער אַזוֹי אוֹיךְ צוּ קוּמֶען צוּם צִיוּן? מִיר זֶענֶען פָּשׁוּט'ע אוּן מְגוּשָׁמְ'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן אוּן מִיר ווִילְן קוּמֶען וֶוען מֶען קֶען צוּם צִיוּן. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוֹיךְ נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַזוֹי, עֶר הָאט נָאר גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן דָארְט קַיין מְעָרַת פְּרוּצִים, טְרִינְקֶען בִּיר אוּן סְתָם שְׁטוּפְּן דִי צַייט, אָבֶּער גֵיין מִיט דִי הוּט אוּן רֶעקְל - פַארְוָואס אוּן פַאר וֶוען?!

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר אַלֶע אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאוֹרֶךְ יָמֵינוּ.

אַ שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

# אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "מִי שֶׁהָיָה אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לִשְׂמוֹחַ מְאֹד כָּל הַשָּׁנָה", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.**

**רֶבִּי** נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וועֶר עֶס קוּמְט קַיין אוּמַאן אוֹיף ראֹש הַשָּׁנָה, הָאט אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה"; מֶען זֶעט דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אוּמַאן, טוֹיזְנְטֶער אִידְן קוּמֶען צוּ פָאְרן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם רֶבִּינְ'ס ראֹש הַשָּׁנָה, יֶעדֶער אֵיינֶער צֶעבְּרֶעכְט זַיינֶע מְנִיעוֹת אוּן קוּמְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן יֶעדֶעס יָאר וֶוערְט נִתְרַבֶּה דֶער קִיבּוּץ אִין אוּמַאן. דָאס יָאר זָאגְט מֶען אִיז גֶעוֶוען קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט אִידְן - כֵּן יִרְבּוּ.

**אִיךְ** בִּין שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר מַיינֶע תַּלְמִידִים - סַיי דִי בָּחוּרִים אוּן סַיי דִי אִינְגֶעלַייט פַאר ראֹש הַשָּׁנָה וֶוען מִיר פָאְרן צוּם צִיוּן, אַז בַּיים צִיוּן דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ; דֶער רֶבִּי אִיז דָארְט אוּן מֶען דַארְף זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן כְּאִילוּ מִיר וָואלְטְן אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן וָואס דַאן וָואלְטְן מִיר זִיכֶער אַרַיין מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן יִרְאַת הַכָּבוֹד.

**אַמָאל** אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזִיצְן אִין שְׁטוּבּ מִיט זַיין טָאכְטֶער אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט וִוי אַ פְרוֹי וֵויינְט אוֹיפְן קֶבֶר פוּן אִיר טַאטֶע, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר זַיין טָאכְטֶער: "דֶער מֵת אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא אוּן הֶערְט בִּכְלַל נִישְׁט אִיר וֵויינֶען, אָבֶּער וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין מִזֶּה הָעוֹלָם אוּן מֶען וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר, וֶועל אִיךְ הֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט צוּ מִיר", אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין אַנְדֶערֶע צִימֶער אוּן גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ קֶען הֶערְן דָא וֶוען דוּ רוּפְסְט מִיר פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הֶערְן וָואס דוּ וֶועסְט בֶּעטְן בַּיי מַיין צִיוּן" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנו).

**דֶערְפַאר**, וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק, בִּפְרַט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, דַארְף מֶען קוּמֶען מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אֲנָשַׁי דֶרֶךְ אֶרֶץ", וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוְויסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיינֶע תַּלְמִידִים, "הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶרֶךְ אֶרֶץ", וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז וֶוען מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין; עֶס אִיז נִישְׁט דַיין גֶעשֶׁעפְט וִוי אַזוֹי דֶער קוּמְט אוּן וִוי אַזוֹי יֶענֶער קוּמְט, מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז אַזוֹי וִוי אַ דָאקְטֶער וָואס הֵיילְט אוֹיס (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ל), אוּן וֶוען מֶען קוּמְט אִין שְׁפִּיטָאל קֶען מֶען נִישְׁט קוּקְן וֶוער נָאךְ עֶס קוּמְט, וָואס עֶר זוּכְט דָא אוּן וָואס עֶר דַארְף; נָאר יֶעדֶער קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אַז מֶען זָאל נִישְׁט לָאזְן אִין אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ 'הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ' זִיךְ דְרֵייעֶן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶעעֶן אוֹיס אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל נָאכְדֶעם אִיז דָאס מְרַחֵק מֶענְטְשְׁן; מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "קוּק דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ מְשׁוּגָעִים", אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת צַדִיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַדִיק צָרִיךְ לִשְׁמוֹר אֶת הַצַדִיק שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רַע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִיק,

זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין קַיין שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף דֶעם צַדִיק; דֶערְפַאר פְּלֶעגְט מוֹהַרָא"ש זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין עֶס זָאלְן זִיךְ נִישְׁט דְרֵייעֶן אִין 'הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ' מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מְשֻׁנֶּה קֶרֶן, וַוייל דָאס אַלֵיין אִיז שׁוֹין חָצִי נֶזֶק. אָבֶּער אִין אוּמַאן - פְּלֶעגְט מוֹהַרָא"ש זָאגְן - טָאר מֶען גָארְנִישְׁט זָאגְן פַאר קֵיינֶעם, וַוייל מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת, און זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן.

**מוֹהַרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְן נָאמֶען מֹשֶׁה וֶועלְוֶול, עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ שֵׁם רַע - אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אַז עֶר טוּט שְׁמוּץ, און וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רָב גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "מֹשֶׁה וֶועלְוֶול, דוּ בִּיסְט אוּנְז אַ בִּזָיוֹן, וֶוער בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דָא?" און אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן טְשֶׁעהְרִינֶער רָב: "וָואס הֵייסְט דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִים 'וֶוער בֶּעט דִיר צוּ קוּמֶען דָא?' עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בְּגָדִים, סִימָן א): "בִּגְדֵי אָדָם מְרַמְּזִים עַל מִדּוֹתָיו שֶׁל אָדָם", דִי קְלֵיידֶער וָואס מֶען טוּט אָן, דָאס וַוייזְט וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט זִיךְ אָן שֵׁיינֶע בְּגָדִים, נִישְׁט צֶערִיסֶענֶע, זֶעט מֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אָנְגֶעטוּן צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער זֶעט מֶען גְלַייךְ אַז

דֶער אִיז נִישְׁט קַיין מְסוּדָר'דִיגֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ'. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט אִין שׁוּל דַאוָוענֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי עֶר גֵייט וֶוען צוּ אַ שִׂמְחָה וְכוּ', זֶעט מֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס טָאר נִישְׁט מְעַכֵּב זַיין צוּ גֵיין אִין שׁוּל; אוֹיב אֵיינֶער אִיז אִינְמִיטְן אַרְבֶּעט מִיט דִי אַרְבֶּעטְס קְלֵיידֶער דַארְף עֶר אַזוֹי דַאוָוענֶען וְכוּ', מֶען רֶעדְט וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ אַהֶער). דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַכְטוּנְג גֶעבְּן, וֶוען עֶר קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן דַארְף עֶר קוּמֶען אָנְגֶעטוּן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אַזוֹי וִוי עֶס פַּאסְט וְכוּ'.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר וֶועגְן קוּמְזִיץ וְכוּ'; זָאלְסְט וִויסְן אַז עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חוּצְפָּה צוּ קוּמֶען בַּיים צִיוּן שִׁיכּוֹר'ן, נָאכְדֶעם וָואס דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל טְרִינְקֶען קַיין מַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרִינְקְט פַאר זִיךְ אִיז אֵיין צָרָה, אָבֶּער קוּמֶען טְרִינְקֶען בַּיים צִיוּן, דָאס אִיז שׁוֹין אַ גְרוֹיסֶע עַזּוּת, "הֲגַם לִכְבּוֹשׁ אֶת הַמַּלְכָּה עִמִּי בַּבָּיִת", בִּפְרַט וֶוען דָאס וֶוערְט אָנְגֶעפִירְט דוּרְךְ כְּלוֹמַר'ישֶׁע הַיימִישֶׁע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים. עֶס אִיז דָא גֶענוּג פְּלֶעצֶער אַרוּם דֶעם צִיוּן וואוּ צוּ זִינְגֶען אוּן צוּ טַאנְצְן וְכוּ'. גֶעדֶענְק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק צָרִיךְ לִשְׁמוֹר אֶת הַצַּדִּיק שֶׁלֹּא יָצָא עָלָיו שֵׁם רַע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק, זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן נָאמֶען פוּנֶעם צַדִּיק.

**אַז** דוּ דֶערְמַאנְסְט חַבַּ"ד, זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז אִין חַבַּ"ד הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶען וָואס הֵייסְט דֶרֶךְ אֶרֶץ; וָואס הֵייסְט

הָאבְּן דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַ רֶבִּי. מֶען פְלֶעגְט טְרִינְקֶען בַּיי דִי פַארְבְּרֶענְגֶען בִּיז מֶען אִיז גֶעוָוארְן טוֹיט שִׁיכּוֹר, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען חֲסִידִים וָואס זֶענֶען גֶעלִיגְן טוֹיט שִׁיכּוֹר אוֹיף דֶער עֶרְד, אָבֶּער אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי קוּמְט אַרַיין הָאט זִיךְ יֶעדֶער אוֹיף גֶעשְׁטֶעלְט מִיט אַזַא פַּחַד, מִיט אַזַא אֵימָה וְיִרְאָה, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן גְלַייךְ נִיכְטֶער. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן צֶמַח צֶדֶק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אַמָאל גֶעטְרִינְקֶען זֵייעֶר אַ שַׁארְפֶע מַשְׁקֶה אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר רוֹיט אוּן שִׁיכּוֹר, פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן זֵייעֶר טִיפֶע תּוֹרוֹת כְּאִילוּ עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטְרִינְקֶען. שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעזָאגְט פַּאר'ן צֶמַח צֶדֶק אַז עֶס אִיז אַ חִידוּשׁ וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן גְלַייךְ נִיכְטֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִתְבּוֹנֵן צוּ זַיין בְּגַדְלוּת הַשֵּׁם, דוּרְכְדֶעם אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף אִים זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פַּחַד, אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה "יַיִן קָשֶׁה - פַּחַד מְפִיגוֹ", אַז פַּחַד וֶועפְּט אוֹיס וַויין (בְּאֶמֶת זָאגְט דִי גְמָרָא אִין בָבָא בַּתְרָא (י.) פַארְקֶערְט: "פַּחַד קָשֶׁה - יַיִן מְפִיגוֹ", אָבֶּער דֶער צֶמַח צֶדֶק הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעדְרִיקְט).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

# סו

**פאַרלוירן מיין פרנסה, ווייל איך בין געפאָרן קיין אומאַן.**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דער ראש ישיבה שליט"א,**

געלויבט דער הייליגן באשעפער אַז איך האָב זוכה געווען צו זיין דעם ראש השנה אין אומאַן און אויסגעבעטן אַ גוט יאָר.

איך בין אַ כתה ב' מלמד שוין פאַר זעכצן יאָר, כולם שוים לטובה. ברוך ה' אַז איך האָב זייער שיין מצליח געווען מיט מיינע תלמידים, דער מוסד וואו איך בין איינגעשטעלט, די עלטערן, און די קינדער, זענען אַלע געווען מורא'דיג צופרידן פון מיין אַרבעט.

יעצט איז אָנגעקומען ביי אונז אין מוסד אַ פרישע הנהלה, און פאַר זיי געפעלט נישט אַז איך פאָר קיין אומאַן אויף ראש השנה, און דעריבער האָבן זיי מיר יעצט געמאָלדן אַז אַזוי ווי איך בין געפאָרן קיין אומאַן, זאָגן זיי מיר אָפּ פון די מלומדות, און זיי זאָגן אַז זיי טוען דאָס אויפ'ן באַפעל פונעם רבי'ן פון אונזער מוסד.

דאָס טוט מיר זייער שטאַרק וויי, איך ווייס אַז די הנהלה איז אַלעמאָל געווען זייער צופרידן פון מיין אַרבעט, און די איינציגסטע עבירה וואָס זיי האָבן געטראָפן ביי מיר איז נאָר דאָס אַז איך בין געפאָרן קיין אומאַן אויף ראש השנה. איך האָב קיינמאָל נישט גערעדט צו די קינדער אין קלאַס וועגן אומאַן, איך פאָר נאָר אויף אומאַן צו קענען זוכה זיין צו די געוואַלדיגע הבטחות וואָס דער הייליגער רבי האָט צוגעזאָגט פאַר ווער עס קומט צו אים אויף ראש השנה. וואָס קען איך טון אין אַזאַ צייט?

אויך וויל איך וויסן, אַזוי ווי די מוסדות ... האָבן מיר געבעטן צו קומען זיין אַ מלמד ביי זיי, אויב זאָל איך אָננעמען דעם פאָרשלאַג.

אַ גרויסן יישר כח פאַר אַלעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח
לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** קֶען נִישְׁט קוּמֶען צוּ זִיךְ פוּן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז מֶען הָאט דִיר אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דַיין פַּרְנָסָה בְּלוֹיז פַאר דֶעם אֵיינְצִיגְסְטְן חֵטְא אַז דוּ בִּיסְט גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ; אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס מִיטְלַייד מִיט דִיר, אִיךְ שְׁפִּיר דַיין צַעַר אוּן עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

**אִיךְ** קֶען דִיר פַארְשְׁטֵיין וַוייל אִיךְ בִּין דָאס אַרִיבֶּער פַאר צֶען יָאר צוּרִיק; מִיר הָאט מֶען אוֹיךְ מְקַפֵּחַ גֶעוֶוען מַיין פַּרְנָסָה וֶוען אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן אוּמַאן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר תשס"ט. מַיין גַאנְצֶע חֵטְא אִיז גֶעוֶוען אַז אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אוּן נִישְׁט גֶעדַאוְונְט אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אִין זֵיי אַרַיין גֶעלֵייגְט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אוּן זֵיי גֶעוִויזְן אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶערְשְׁטְן וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעוִויזְן אַז אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קַיין מְצוּיָנִים אָדֶער חֲרִיפִים קֶענֶען זֵיי אוֹיךְ לֶערְנֶען וְכוּ'.

**אָבֶער** בַּיי דִיר אִיז עֶס נָאךְ עֶרְגֶער, וַוייל דוּ בִּיסְט אַ כִּתָּה ב' מְלַמֵּד שׁוֹין פַאר זֶעכְצְן יָאר בֶּן-יִרְבּוּ, אַסַאךְ פוּן

דַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן קַיין אֵיינֶער פוּן זֵיי פָּארְט נִישְׁט קַיין אוּמַאן - אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען אָנְכַאפְּן אוֹיף דִיר אַז דוּ פַארְכַאפְּסְט קִינְדֶער וְכוּ'. שִׁמְךָ הַטּוֹב הוֹלֵךְ לְפָנֶיךָ, יֶעדְע טַאטֶע אוּן מַאמֶע הָאפְּן אַז זֵייעֶר קִינְד וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ דִיר אִין דַיין כִּתָּה אוּן יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען אַ נֵייעֶר מְנַהֵל אַ בַּאנְדִיט, וָואס וֵוייסְט נָאךְ נִישְׁט ווִי אַזוֹי דֶער וֶועלְט פִירְט זִיךְ (אָבוֹת ב, ו): "עַל דְאַטֵּפְתְּ אַטְּפוּךְ, וְסוֹף מְטַיְּפָיִךְ יְטוּפוּן" אוּן עֶר הָאט דִיר אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן דַיין מְלַמְדוּת.

**אוֹיךְ** הָאט מִיר גֶערוּפְן הָאַבְרֵךְ הַיָּקָר ... נֵרוֹ יָאִיר אַז מֶען הָאט אִים אוֹיךְ אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן פוּן זַיין מְלַמְדוּת אוּן אִיר זֶענְט גֶעבְּלִיבְּן אָן אַ פַּרְנָסָה, דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה דֶערְפוּן.

**אָבֶער** אִיךְ ווִיל דִיר אַבִּיסְל מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן; ווַיסְן זָאלְסְטוּ אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט צוּנֶעמֶען וָואס עֶס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִיר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לְךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵרוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן אֲפִילוּ אַ פְּרוּטָה, יֶעדְע זַאךְ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּפְרַט פַּרְנָסָה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): "אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן: שְׁלֹשָׁה מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", רַבִּי יוֹחָנָן

זָאגְט דְרַיי שְׁלִיסְלֶען אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מַפְתֵּחַ שֶׁל גְּשָׁמִים, מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה, וּמַפְתֵּחַ שֶׁל תְּחִיַּית הַמֵּתִים", דִי שְׁלִיסְל פוּן רֶעגְן, קִינְדֶער אוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, "בְּמַעֲרָבָא אָמְרֵי, אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה", אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאגְט מֶען: אוֹיךְ דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה. זֶעט מֶען אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (מְכִילְתָּא, בְּשַׁלַּח): "מִי שֶׁבָּרָא יוֹם - בָּרָא פַּרְנָסָתוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם טָאג, הָאט אָנְגֶעגְרֵייט פַּרְנָסָה פַאר דֶעם טָאג.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זַייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן יֶעצְט בְּעַצְבוּת, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן פט): "הָעַצְבוּת מַפְסִיד הַפַּרְנָסָה", עַצְבוּת נֶעמְט אַוֶועק דִי פַּרְנָסָה; לֵייג זִיךְ אַרַיין אִין אֱמוּנָה, גְלֵייב אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְ'ן אוּן זִינְג צוּ דִיר אַ גַאנְצְן טָאג: "קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן, אוּן קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, נָאר אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן פג): "אֱמוּנָה הוּא טוֹב לְפַרְנָסָה", אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ תְּחִי'; גֶעדֶענְק, וִוי דֶערְשְׁרָאקְן דוּ בִּיסְט יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, נָאךְ אַסַאךְ מֶער אִיז דַיין וַוייבּ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן צֶעבְּרָאכְן, אוֹיךְ דַיינֶע עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ זֶענֶען זַייעֶר פַארְשֶׁעמְט צְוִוישְׁן זַייעֶרע חַבֶר'טֶעס, זָאלְסְטוּ זֶען זֵיי צוּ מְחַזֵק זַיין. וַוייז נִישְׁט אַרוֹיס קַיין שׁוּם פַּחַד אוּן מוֹרָא וֶוען דוּ בִּיסְט אִין

שְׁטוּב, אַדְּרַבָּה, גֵיי אַרוּם מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע פָּנִים אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה, אַזוֹי ווִי חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "אוֹקִירוּ לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ", רָבָא זָאגְט: זַייט מְכַבֵּד אֵייעֶרֶע וַוייבֶּער וֶועט אִיר רַייךְ וֶוערְן; אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן סט): "עִיקָר הָעֲשִׁירוּת בָּאָה בִּזְכוּת הָאִשָּׁה", דֶער עִיקָר עֲשִׁירוּת קוּמְט בִּזְכוּת וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ; אַז דוּ וֶועסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶועסְטוּ אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַעַת אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דֶער מְנַהֵל זָאגְט דִיר אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אַדְמוֹ"ר; אִיךְ זָאג דִיר אַז דָאס הָאט גָארְנִישְׁט צוּ טוּן מִיטְ'ן אַדְמוֹ"ר פוּן דִי מוֹסָד, עֶר אִיז קְלוּגֶער פוּן דֶעם אוּן בְּרֵייטֶער פוּן דֶעם. בִּכְלַל זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס פַּאסְט פַאר אַנְדֶערֶע חֲסִידוּתְ'ן, נִישְׁט פַאר ...., דָאס קוּמְט פוּן אַפָאר הִיץ קֶעפּ וָואס זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז נָאךְ אַבִּיסְל קוּמֶען פְּרִישֶׁע יוּנְגֶע הִיץ קֶעפּ אוּן מֶען וֶועט זֵיי אַרוֹיס שִׁיקְן, וְכֵן עַמָּא דְּבַר - אַזוֹי פִירְט זִיךְ דִי וֶועלְט.

**אוֹיפְ'ן** פְלִיגֶער אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן אוּמַאן זֶענֶען צוּ מִיר צוּגֶעקוּמֶען צְוֵויי אִינְגֶעלַייט, אֵיינֶער אַ מְלַמֵד אִין ... אוּן אֵיינֶער אַ מַגִיד שִׁיעוּר אִין יְשִׁיבָה ....; - בֵּיידֶע הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען זֵיי קוּמֶען צוּרִיק, ווַייל מֶען גֵייט זֵיי אָפְּזָאגְן; זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען גְרוֹיסֶע חֲסִידִים פוּן דֶעם רֶבִּיְ'ן פוּן דֶעם מוֹסָד, זֵיי קוּמֶען פָּשׁוּט אוֹיף אוּמַאן ווַייל זֵיי דַארְפְן אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען

וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו) אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן הֶעלְפְן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס קוּמְט צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט עֶר זַיין פַאר אִים אַן אַדְוָואקַאט (לוֹיעֶר) אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר. הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעמַאכְט אַ קְלוּגֶער חֶשְׁבּוֹן, זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז זֵיי ווִיכְטִיגֶער פוּן אַלְסְדִינְג, זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען אוֹיף אוּמַאן. זֵיי הָאבְּן מִיר קְלָאר גֶעזָאגְט אַז דָאס קוּמְט נִישְׁט פוּנֶעם אַדְמוֹ"ר דִירֶעקְט.

בֶּעט דֶעם מְנַהֵל אַז דוּ ווִילְסְט זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אִים נָאךְ פַאר יוֹם הַקָּדוֹשׁ אוּן זָאג אִים מִיט דַיין גַאנְצֶע שְׁטַארְקֵייט בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "אִיךְ בִּין דִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט מוֹחֵל פַּארְ'ן מִיר מְקַפֵּחַ זַיין מַיין פַּרְנָסָה אוּן פַארְ'ן מִיר פַארְשֶׁעמֶען"; דֶערְצֵייל אִים דִי מַעֲשֶׂה וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט פַאר צֶען יָאר צוּרִיק וֶוען ... הָאט זִיךְ גֶעקְרוֹינְט אַלְץ וְעַד הַחִינוּךְ אוּן עֶר הָאט דִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן וְכוּ', ווִי עֶר לִיגְט טוֹיט קְרַאנְק. דֶערְצֵייל אִים דִי מַעֲשֶׂה וָואס דוּ הָאסְט גֶעהַאט מִיט ... וֶוען עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר גֵייט מְסַדֵר זַיין דִי מוֹסָד, עֶר גֵייט אוֹיסְרוֹימֶען אַלֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ מְלַמְדִים, ווִי עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן קִינְד. עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער צוּרִיק זָאגְן: "אַהַה דוּ בִּיסְט אִין הִימְל, דוּ שֶׁעלְטְסְט..." אָבֶער דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן, דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאל דַיין ווַייבּ אָנְרוּפְן דֶעם מְחוּצְפּ'ס ווַייבּ אוּן אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן אַז זִי אִיז נִישְׁט מוֹחֵל פַארְ'ן מְקַפֵּחַ זַיין אֵייעֶר פַּרְנָסָה.

יֶעצְט ווִיל אִיךְ דִיר זָאגְן אַזוֹי: דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הָאט דִיר פַארְשִׁיקְט נָאר פַאר דֶעם אֵיינְצִיגְסְטְן חֵטְא אַז דוּ הָאסְט גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן נִישְׁט פַארְ'ן דִיר כַאפְּן מִיט מַעֲשֶׂה תּוֹעֵבוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! מַה פִּשְׁעִי וּמַה חַטָּאתִי? וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן אַז מֶען הָאט מִיר פַארְשֶׁעמְט אוּן מִיר מְקַפֵּחַ גֶעוֶוען מַיין פַּרְנָסָה, נָאר וַוייל אִיךְ ווִיל זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ?! אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ רֶבִּי וָואס לֶערְנְט מִיר אוֹיס ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, אַ רֶבִּי וָואס גֶעבְּט מִיר עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי ווִי אִיךְ ווִיל. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת, זָאל דָאס זַיין אַ כַּפָּרָה פַאר מַיינֶע עֲווֹנוֹת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער".

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט צִי דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ ...; אוֹיבּ זֵיי ווִילְן דִיר פַאר אַ מְלַמֵּד זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין צוּ זֵיי, נָאר לוֹיפְן. גֶעדֶענְק דֶעם כְּלַל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן: "דוּ דַארְפְסְט מִיר נִישְׁט? דַארְף אִיךְ דִיר טוֹיזְנְט מָאל מֶער נִישְׁט".

וַוייז דֶעם בְּרִיוו פַאר הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר דַארְף נָאךְ מֶער חִיזּוּק פוּן דִיר וְדַ"ל.

הֱיוֹת דוּ הָאסְט יֶעצְט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵיי מִתְפַּלֵּל פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעבְּל; דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵייעֶר לִיבּ תְּפִילוֹת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ.

אִיךְ הָאףּ דִיר צוּ זֶען הַיינְט נַאכְט בַּיים שִׁיעוּר.

# סז

**אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה מַאכְן מַיינֶע קִינְדֶער יוּנְג, אוּן מַיין וַוייבּ ווִיל נִישְׁט.**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס ווִיל אִיךְ אַייךְ בַּאדַאנְקֶען, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָאס יָאר בַּיי אֵייעֶר פְּלַאץ אִין אוּמַאן, אוּן עֶס אִיז בָּרוּךְ ה' גֶעוֶוען מַמָּשׁ מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא. סַיי דִי תְּפִילוֹת אוּן דִי סְעוּדוֹת אוּן אוֹיךְ דִי שִׁיעוּרִים. אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָּארְגֶענוּמֶען אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים. הַלְוַאי וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען קוּמֶען אַ גַאנְץ יָאר צוּ דִי שִׁיעוּרִים.

מַיין עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער וֶוערְט יֶעצְט זֶעכְצְן יָאר, אוּן אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ טוּן מִיט אִיר. סַיי וַוייל אִיךְ ווֵייס אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל וַוארְטְן לַאנְג מִיט אַ שִׁידוּךְ, אוּן אוֹיךְ וַוייל אִיךְ זֶע נִישְׁט קַיין שׁוּם תּוֹעֶלֶת פַאר אִיר צוּ זִיצְן נָאךְ צְוֵויי יָאר אִין סְקוּל אוּן זִיךְ אַרוּמְדְרֵייסְן מִיט דִי טִיטְשֶׁערְס, אוּן זִי אִיז שׁוֹין גֶענוּג עֶרְוַואקְסְן אוֹיךְ. מַיין וַוייבּ ווִיל אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט הֶערְן דֶערְפוּן. אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ שְׁלָאפְלָאזֶע נֶעכְט פוּן דֶעם.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-ב, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וְזייסְן** זָאלְסְטוּ אַז אַלֶעס קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן מִיט תְּפִילָה; אַז דוּ וֶועסְט יֶעדְן טָאג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג אוּן גְרִינְג אָן קַיין עַגְמַת נֶפֶשׁ - וֶועסְטוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה.

**מֶען** קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן וָואס תְּפִילָה אִיז אוּן וָואס מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן דוּרְךְ תְּפִילָה; עֶס אִיז בַּאוּוִיסְט דֶעם סִיפּוּר (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן ו) אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מְשַׁדֵּךְ גְעוֶוען זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הָארִידֶענְקֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה מִיט דִי שְׁוֶועסְטֶער פוּן רֶבִּי יִצְחָק דְרוּבִּיטְשֶׁער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, תֵּיכֶף נָאךְ דִי חוּפָּה אִיז דֶער חָתָן - דֶער צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן הָארִידֶענְקֶער נֶעלָם גֶעוָוארְן, אוּן זַיין וַוייבּ דִי כַּלָּה הָאט נִישְׁט גֶעוִויסְט וואוּ עֶר אִיז, זִי הָאט גֶעוַוארְט אַפָּאר טֶעג אַז עֶר זָאל אַהֵיים קוּמֶען, אוּן וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קוּמְט נִישְׁט אַהֵיים אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זִי הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין, זִי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז זִי וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ אִיר מַאן דֶער חָתָן אִיז, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן עֶר הָאט אִיר גֶעהֵייסְן צוּרִיק קוּמֶען נָאךְ אַפָּאר טֶעג.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ וואוּ רֶבִּי נַחְמָן אִיז בַּאהַאלְטְן, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַ שָׁלִיחַ צוּ אִים אַז עֶר בַּאפֶעלְט אִים עֶר זָאל תֵּכֶף קוּמֶען צוּ אִים. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב פָארְגֶעהַאלְטְן: "הַיִתָּכֵן צוּ טוּן אַזַא זַאךְ, צוּ מְעַגְן זַיין (אִיבֶּערְלָאזְן אַיינְזַאם) אַ פְרוֹי גְלַייךְ נָאךְ דִי חוּפָּה?!" הָאט עֶר גֶעעֶנְפֶערְט אַז עֶר זֶעט בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז עֶר וֶועט הָאבְּן מִיט אִיר אַ קִינְד, אָבֶּער תֵּיכֶף וֶוען דֶער קִינְד וֶועט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן וֶועט זִי שְׁטַארְבְּן, "אִיךְ הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אִירֶע יוּנְגֶע יָארְן, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּאהַאלְטְן אַז זִי זָאל נָאךְ קֶענֶען אַבִּיסְל לֶעבְּן" - הָאט עֶר זִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן.

וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִיר גֶעלָאזְט רוּפְן אוּן עֶר הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אַז דֶער חָתָן הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן וַוייל עֶר ווִיל נִישְׁט זִי זָאל אַזוֹי יוּנְג נִפְטָר וֶוערְן. הָאט זִי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מַיין מַאן אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶר קֶען זֶען וָואס גֵייט זַיין וְכוּ', בִּין אִיךְ מַסְכִּים טְרָאגֶעדִיג צוּ וֶוערְן אוּן הָאבְּן אַ קִינְד פוּן אִים", אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען, רֶבִּי נַחְמָן אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר, אוּן זִי הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ וַוארְטְן אַ קִינְד, בִּשְׁעַת זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דָאס קִינְד הָאט זִי זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם מִיר נִישְׁט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט פַאר אַ חוֹדֶשׁ, וַוייל אִיךְ ווִיל זֶען מַיין קִינְד, אוּן זִיךְ מִיט אִים מְשַׁעֲשֵׁעַ זַיין אַבִּיסְל", אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זִי הָאט גֶעלֶעבְּט אַ חוֹדֶשׁ, אוּן נָאכְדֶעם אִיז זִי נִפְטָר

גֶעוָוארְן. הָאט רֶבִּי נַחְמָן הָארִידֶענְקֶער גֶעזָאגְט: "אַ שָׁאד אַז זִי הָאט נָאר גֶעבֶּעטְן צוּ בְּלַייבְּן לֶעבְּן אַ חוֹדֶשׁ, וֶוען זִי וָואלְט וֶוען גֶעבֶּעטְן אַז דִי גְזֵירָה זָאל אִינְגַאנְצְן בָּטֵל וֶוערְן, וָואלְט עֶס אִינְגַאנְצְן בָּטֵל גֶעוָוארְן - וַוייל זִי הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן, מִיט אַזַא צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אַז זִי וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט גֶענְצְלִיךְ מְבַטֵל זַיין דִי גְזֵירָה". זֶעט מֶען וִוי שְׁטַארְק תְּפִילָה אִיז, אַז מֶען קֶען אַלֶעס פּוֹעֵל'ן מִיט תְּפִילָה.

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ ווילְסְט חֲתוּנָה מַאכְן דַיינֶע קִינְדֶער יוּנְג, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ, וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ, וְהַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, 'וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִרְקָן', עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיּוֹב ה, כד): 'וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ'", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ אַזוֹי וִוי זִיךְ אַלֵיין, עֶר אִיז מְכַבֵּד זַיין וַוייבּ מֶער וִוי עֶר אִיז זִיךְ אַלֵיין מְכַבֵּד, עֶר אִיז מְחַנֵךְ זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף אוּן עֶר מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה יוּנְגֶערְהֵייט, אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (אִיּוֹב ה, כד): "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ, וּפָקַדְתָּ נָוְךָ, וְלֹא תֶחֱטָא"; קְרִיג דִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, נָאר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג אוּן גְרִינְג, וֶועסְטוּ זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִיסִים.

**בִּכְלַל** דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז שִׁידוּכִים הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִווּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים

און אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", און אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", זֶעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

**נָאר** דוּרְךְ תְּפִילָה וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ חֲתוּנָה מַאכְן דַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת רַחֲמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידוּכִים טוֹבִים וְהַגוּנִים", דוּרְךְ תְּפִילָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים; זֶעט מֶען אַז נָאר תְּפִילָה אִיז דִי עֵצָה צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ - סַיי פַאר זִיךְ און סַיי פַאר דִי קִינְדֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## סח

### אִיךְ וֶוער אָנְגֶעצוֹיגְן וֶוען עֶס קוּמְט דִי יָמִים טוֹבִים

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע טֶעגְלִיכֶע חִיזוּק און דִי נִיגוּנִים וָואס בְּרֶענְגֶען אַ בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אַ חֶסֶד הַשֵּׁם אַז מִיר הָאבְּן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט ווִיסְן וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַז יֶעדֶע יָאר פַאר דִי יָמִים נוֹרָאִים בַּאקוּם אִיךְ אַ נֶערְוֶועזְקֵייט אוּן אַ דֶערְשְׁרָאקְנְקֵייט וָואס לִיגְט נָאךְ אַיינְגֶעבַּאקְן אִין מִיר פוּן אַלְס קִינְד וֶוען מַיינֶע רֶבִּי'ס פְלֶעגְן זָאגְן ווִי שְׁרֶעקֶעדִיג דִי טֶעג זֶענֶען. אִיךְ גְלֵייבּ אַז נִישְׁט דָאס אִיז דִי רָצוֹן הַשֵּׁם, אָבֶער מִיט דֶעם אַלֶעם בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן מִיט דִי אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-ב, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קלה): "כִּי עִקַּר קְדֻשַּׁת הַיּוֹם טוֹב תָּלוּי בַּצַּדִּיקִים", שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן דָארְט: "עוֹד שָׁמַעְנוּ בְּעִנְיָן זֶה, אִם הוּא מְקֻשָּׁר לְהַצַּדִּיק יוּכַל לְהַרְגִּישׁ קְדֻשַּׁת יוֹם טוֹב", אַז מֶען שְׁפִּירְט אַ הֵיילִיגְקֵייט אִין יוֹם טוֹב אִיז אַ סִימָן אַז מֶען אִיז מְקוֹרָב צוּם אֱמֶתְ'ן צַדִּיק; דָאס זֶעט מֶען מַמָּשׁ וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. מֶען הֵייבְּט אָן לִיבּ צוּ הָאבְּן יוֹם טוֹב, וָואס בֶּעפָאר דֶעם אִיז עֶס גֶעוֶוען אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ אוּן מֶען פְלֶעגְט וֶוערְן מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג וְכוּ' אַזוֹי ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט.

**מֶענְטְשְׁן** הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶען מֵיינְט אַז יוֹם כִּיפּוּר אִיז אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טָאג, אַ טָאג וָואס מֶען דַארְף זַיין

צֶעבְּרָאכְן, אַ טָאג וָואס מֶען איז נֶערְוֶועז; אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז יוֹם כִּיפּוּר דִי פְרֵיילִיכְסְטֶע טָאג פוּנֶעם יָאר. אִין דֶעם טָאג אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן מִיר וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעְרֵיינִיגְט פוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע זִינְד.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף דִי צֶען טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז יוֹם הַקָּדוֹשׁ, דָאס זֶענֶען נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טֶעג, נָאר דָאס זֶענֶען טֶעג פוּן רַחֲמָנוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז אוּן עֶר אִיז אוּנְז מוֹחֵל אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת מט:) אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה נה, ו): "דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ, קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב", אָמַר רַב נַחְמָן אָמַר רַבָּה בַּר אֲבוּהָ אֵלּוּ עֲשָׂרָה יָמִים שֶׁבֵּין רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְיוֹם הַכִּפּוּרִים; רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ אַלֶעם וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיטְן מֶענְטְשׁ דוּרְכְאוֹיס דֶעם יָאר אוּן יוֹם כִּיפּוּרִים פַארְזִיגְלְט מֶען דֶעם פְּסַק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה מִיר זָאלְן קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר; מֶען דַארְף אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיף אַלֶעם הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, חוּץ אַז מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ צְוֵוייטְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פה:): "עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לְמָקוֹם יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר, עֲבֵירוֹת שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵירוֹ אֵין יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר עַד שֶׁיְּרַצֶּה אֶת חֲבֵירוֹ"; אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ טוּט ווִי אַ צְוֵוייטְן דַארְף עֶר יֶענֶעם אִיבֶּער בֶּעטְן, וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַאר אַ צְוֵוייטְן, דַארְף מֶען יֶענֶעם בַּאצָאלְן אָדֶער זִיךְ דוּרְךְ קוּמֶען מִיט יֶענֶעם, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל וַוארְטְן נָאךְ אַבִּיסְל בִּיז עֶר וֶועט אִים קֶענֶען בַּאצָאלְן.

**בִּכְלַל** אִיז אַ טָעוּת וָואס מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז וִוי מֶער צֶעבְּרָאכְן אוּן אָנְגֶעזֶעצְט מֶען אִיז אִיז מֶען אַ גְרֶעסֶערֶער צַדִּיק; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פְלֶעגְט זָאגְן: "מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז צוּ זַיין אַ צַדִּיק מוּז מֶען הָאבְּן 'עֲשָׂרָה קַבִּין מָרָה שְׁחוֹרָה' אוּן צוּ זַיין פוּן דִי ל"ו צַדִּיקִים מוּז מֶען זַיין אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער וְכוּ', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי - הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִּירְט - נָאר מֶען קֶען זַיין אַ פְרֵיילִיכֶער אוּן לוּסְטִיגֶער אִיד, אוּן נָאךְ אַלְץ זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק דָּבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן אַ בַּעַל הַבַּיִת אַזוֹי וִוי ר' אַבְרָהָם בֶּערְנִיוּ (אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי'ן) אוּן זַיין אֵיינֶער פוּן דִי ל"ו צַדִּיקִים".

**אִיךְ** גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל אִין 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ' יוֹם כִּיפּוּר, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען נָאךְ שַׁחֲרִית וִוי אַלֶע בָּחוּרִים זֶעצְן זִיךְ אַרָאפּ אוּן זֵייעֶר מַגִּיד שִׁיעוּר ר' ... נֵרוֹ יָאִיר לֶערְנְט זֵיי פָאר אַ 'דַף גְמָרָא' אַזוֹי וִוי אַ גֶעהֶערִיגֶע טָאג, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן אַלֶע אִינְגֶעלַייט גֶעלֶערְנְט זֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן עֶרְשְׁטוֹינְט אוּן פַארְגַאפְּט פוּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען.

**הַכְּלַל**, וָואס אִיז דֶער סִימָן אַז מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק? אַז מֶען הֵייבְּט אַן לִיבּ צוּ הָאבְּן יוֹם טוֹב, וָואס בְּאֱמֶת זֶענֶען אַלֶע יָמִים טוֹבִים פְרֵיילִיכֶע טֶעג אוּן נִישְׁט קַיין אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע טֶעג.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# סט

## זָאל אִיךְ זִיךְ לֶערְנֶען EMT?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' גֶעהַאט דִי זְכִיָה צוּ עֶפֶּענֶען אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, ווִיל אִיךְ פְּרֶעגְן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ קְבִיעוּת'דִיגֶער הַצָלָה מַאן אִין אוּנְזֶער שׁוּל, אוֹיבּ עֶס אִיז כְּדַאי אַז אִיךְ זָאל גֵיין זִיךְ לֶערְנֶען "אִי. עֶם. טִי" [EMT]? אוּן צִי עֶס פֶעלְט אוֹיס אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי "חֶבְרָה הַצָלָה", אָדֶער עֶס אִיז גֶענוּג זִיךְ צוּ לֶערְנֶען?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן שְׁטֶענְדִיג מְחַזֵק זַיין.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-ב, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַבַּאי בֵּית הַמִדְרָשׁ הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב, בְּלוּמִינְגְרֶאווּ נְיוּ יָארְק**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וואוֹיל** אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶפֶּענֶען אַ בֵּית הַמִדְרָשׁ "הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ", מְחַזֵק צוּ זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי עֵצוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִין דַיין בֵּית הַמִדְרָשׁ אַ "הַצָלָה מַאן" צִי דוּ זָאלְסְט זִיךְ גֵיין לֶערְנֶען

צוּ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַן "הַצָּלָה מַאן". חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין לז.): "כָּל הַמְקַיֵּם נֶפֶשׁ אַחַת מִיִּשְׂרָאֵל, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב, כְּאִילוּ קִיֵּים עוֹלָם מָלֵא", אַז אַ מֶענְטְשׁ רַאטֶעוֶועט אֲפִילוּ נָאר אֵיין מֶענְטְשׁ, רֶעכְנְט מֶען אִים אַזוֹי ווִי עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ גַאנְצֶע וֶועלְט; מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ דִי אִינְגֶעלַייט פוּן חֶבְרָה הַצָּלָה הָאבְּן. אִינְמִיטְן זֵייעֶר אַרְבֶּעט לוֹיפְן זֵיי רַאטֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן, אִינְמִיטְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה לָאזְן זֵיי אַלֶעס אִיבֶּער אוּן לוֹיפְן הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן, אִינְמִיטְן דִי נַאכְט לוֹיפְן זֵיי אַרוֹיס פוּן בֶּעט צוּ רַאטֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן אִיד - אַ אִיד וֶועם זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אוּן וֶועלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען, זֵיי טוּעֶן דָאס נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן. וֶוען אִיךְ טְרֶעף אַן "הַצָּלָה מַאן" טְרַאכְט אִיךְ: 'יְהִי חֶלְקִי עִמּוֹ', אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט.

**נָאךְ** זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בֵּיצָה לב:): "כָּל הַמְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת, בְּיָדוּעַ שֶׁהוּא מִזַּרְעוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ, וְכָל מִי שֶׁאֵינוֹ מְרַחֵם עַל הַבְּרִיּוֹת, בְּיָדוּעַ שֶׁאֵינוֹ מִזַּרְעוֹ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ אִידִישׁ קִינְד - עֶר שְׁטַאמְט פוּן אִידְן, אוּן וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט רַחֲמָנוּת אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר שְׁטַאמְט נִישְׁט פוּן אִידְן.

**דֶערְפַאר** אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וֶוער עֶס קֶען זִיךְ לֶערְנֶען צוּ רַאטֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן, בִּפְרַט אַז דוּ זָאגְסְט אַז

בַּיי דִיר אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ אִיז נִישְׁט דָא קַיין "הַצָלָה מַאן" אִיז זִיכֶער כְּדַאי זִיךְ צוּ לֶערְנֶען 'אִי עֶם טִי' כְּדֵי צוּ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען אַ צְוֵוייטְן אִיד. (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז נִישְׁט יֶעדֶער אִיז גֶעאֵייגְנְט פַאר דֶעם; אַמָאל אִיז דָא אֵיינֶער וָואס קֶען נִישְׁט צוּזֶען קַיין טְרַאגֶעדְיֶע ה' יְרַחֵם, אוּן וֶוען עֶר זֶעט נָאר אַבִּיסְל בְּלוּט חַלְשְׁ'ט עֶר. וֶוען עֶר קוּמְט אָן צוּ הֶעלְפְן יֶענֶעם וֶוערְט אַ בְּחִינָה פוּן הַבָּא לְלַמֵד וְנִמְצָא לָמֵד, עֶר חַלְשְׁ'ט אַוֶועק אוּן מֶען דַארְף יֶעצְט דֶערְמוּנְטֶערְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן; עֶס הָאט שׁוֹין פַּאסִירְט אַסַאךְ אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת, מֶען דַארְף זַיין אַ שְׁטַארְקֶער מֶענְטְשׁ אוּן זַיין גֶעמַאכְט פַאר דֶעם).

**אַז** מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן הַצָלָה, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז זֵיי וֵוייסְן פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס זֵיי הָאבְן צוּ טוּן עֶס זָאל זַיין הַלָכָה'דִיג אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיין רֶעדְן אִין דֶעם; נֶעכְטְן יוֹם הַקָדוֹשׁ פַארְצֵיילְט מִיר אַן הַצָלָה מַאן, אַז עֶר אִיז גֶעלָאפְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען רַאטֶעוֶוען אַ פְּרוֹי וָואס הָאט אַוֶועק גֶע'חַלְשְׁ'ט, עֶר הָאט אִיר דֶערְמִינְטֶערְט אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען אַזוֹי ווִי דִי הַלָכָה אִיז. זָאגְט עֶר מִיר אַז דֶער מַאן אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים, הַיִתָּכֵן עֶר גֶעבְּט אִיר אוֹיס צוּ פַּאסְטְן מֶער ווִי דֶער שִׁיעוּר, מֶען מֶעג גֶעבְּן נָאר פָּחוֹת מִכְּשִׁיעוּר! עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּיסְט דִי הַלָכָה אַז אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶע'חַלְשְׁ'ט "מַאֲכִילִין אוֹתוֹ עַד שֶׁיֵאִירוּ עֵינָיו (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִים, סִימָן תריח, סְעִיף ט)", דֶעמָאלְט דַארְף מֶען נִישְׁט מְצַמְצֵם זַיין אוּן גֶעבְּן פָּחוֹת מִכְּשִׁיעוּר, דֶערְפַאר דַארְף מֶען ווִיסְן נִישְׁט אַרַיין צוּ רֶעדְן וְכוּ'.

**דֶער** עִיקָר זָאלְסְטוּ זֶען אַז בַּיי דִיר אִין שׁוּל זָאל מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. פַּאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַװֶועקְגֶעפָארְן פוּן בְּרֶסְלֶב צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, דֶער בַּעַל עֲגָלָה אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען אִינְדְרוֹיסְן מִיט דִי פֶערְד אוּן וָואגְן אוּן דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אוֹיפְן וֶועג אַרוֹיס, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים טִיר אוּן גֶעהַאלְטְן דִי הַאנְט אוֹיפְן מְזוּזָה אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפו): "תִּרְאוּ לְהִתְקַבֵּץ יַחַד וּלְהִתְפַּלֵּל יַחַד", אִיר זָאלְט זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען, "כִּי אִם תִּתְפַּלְּלוּ בְּכַוָּנָה, אוּלַי תּוּכְלוּ לְהַמְשִׁיךְ אוֹתִי לְכָאן עוֹד הַפַּעַם", ווייל אוֹיב אִיר וֶועט זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען אוּן דַאוֶוענֶען מִיט כַּוָונָה, אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען צוּרִיק מַמְשִׁיךְ זַיין; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## ע

### אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צֵייטְלִיךְ אִינְדֶערְפְרִי

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גוּטֶע עֵצוֹת, הַדְרָכוֹת אוּן חִיזוּק וָואס אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה וָואס בַּאדֶערְט מִיר שׁוֹין אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ וָואס ווִילְן הֶערְן אַ עֵצָה אוֹיף דֶעם. ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ? אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין אַ לֶענְגֶערֶע צַייט, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין אִין צַייט.

ווִי עֶס קוּקְט מִיר אוֹיס, אַז בְּשַׁעַת וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְט, פַארְלִירְט עֶר דִי בְּחִירָה (אָדֶער שְׁלָאפְט דִי בְּחִירָה אוֹיךְ...), אוּן וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, פַארְשְׁלָאפְט מֶען נָאכְדֶעם דֶעם דַאוֶוענֶען אוּן דֶעם גַאנְצְן טָאג וְכוּ'.

וָואס אִיז דִי עֵצָה זִיךְ נִישְׁט צוּ טְרֶעפְן נָאכְאַמָאל לִיגְן אַ שָׁעָה צַייט אִין בֶּעט בִּיז'ן אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן אַרָאפּ גֵיין פוּן בֶּעט?

אַ גְרוֹיסְן יְיִשַׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-ב, י"א תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז דָא זֵייעֶר אַ גוּטֶע סְגוּלָה פַאר אַלֶע וָואס קֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט דָאס כְּסֵדֶר אִין 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל' פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס קֶענֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין צַייטְלִיךְ, אוּן זֵיי שְׁלָאפְן אַרַיין בִּיז טִיף אִינְמִיטְן טָאג אַרַיין; דִי סְגוּלָה אִיז "גֵיין שְׁלָאפְן צֵייטְלִיךְ". דִי סְגוּלָה קָאסְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט,

דִי סְגוּלָה אִיז נִישְׁט עֶפֶּעס וָואס אִיךְ נַאר דִיר אַרַיין. דֶער סְגוּלָה אִיז בָּדוּק וּמְנוּסֶה - אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן צֵייטְלִיךְ שְׁטֵייט מֶען אוֹיף צֵייטְלִיךְ, אָבֶער אַז מֶען אִיז אוֹיף בִּיז שְׁפֶּעט אִין דִי נַאכְט שְׁטֵייט מֶען אוֹיף שְׁפֶּעט, דָאס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט צוּ פַארְשְׁטֵיין.

גֶעוָוענְלִיךְ הָאבְּן בָּחוּרִים זֵייעֶר לִיב אוֹיף צוּ זַיין בִּיז שְׁפֶּעט אִין דִי נַאכְט, מֶען פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט, מֶען זִיצְט אוּן מֶען פְּלוֹידֶערְט שָׁעוֹת אוֹיף שָׁעוֹת מִיט דְבָרִים שֶׁל מַה בְּכַךְ, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען שְׁלָאפְן מִידֶערְהֵייט אָן קְרִיאַת שְׁמַע אוּן אָן נֶעגְל וַואסֶער, מֶען פַאלְט אַרַיין אִין בֶּעט אָן יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶער יֵצֶר הָרַע אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל הָאבְּן אַ פַארְדְרֵייטֶע סֵדֶר הַיּוֹם וַוייל אַזוֹי הָאט עֶר שׁוֹין נָאכְדֶעם צוּגְרֵיינְט גֶעלֵייגְט דֶעם גַאנְצְן טָאג. אַ וואוֹילֶער בָּחוּר מַאכְט זִיךְ אַ סֵדֶר, עֶר גֵייט שְׁלָאפְן פְּרִי, אוּן עֶר לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): "כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ - מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ", וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר עֶר לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן גֵייעֶן אַלֶע מַזִּיקִים אַוֶועק פוּן אִים. נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (בְּרָכוֹת ח:) אַז רָבָא הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע קִינְדֶער: "אַל תֵּשְׁבוּ עַל מִטַּת אֲרַמִּית", אִיר זָאלְט נִישְׁט שְׁלָאפְן אִין אַ גוֹי'שֶׁע בֶּעט, עֶס אִיז דָא אַפָּאר פְּשָׁטִים וָואס דָאס מֵיינְט, דֶער עֶרְשְׁטֶער פְּשַׁט אִיז "לֹא תִגְנוּ בְּלֹא קְרִיאַת שְׁמַע", עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי

זָאלְן נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן קְרִיאַת שְׁמַע; וֶעט מֶען פוּן דֶעם ווִי חָשׁוּב עֶס אִיז וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר גְרֵייט זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער, וָואס דָאס אִיז אַן עִיקָר אִין קְדוּשָׁה, אוּן וֶוער עֶס ווִיל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין דַארְף זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף נֶעגְל וַואסֶער, נִישְׁט אַרָאפּ צוּ גֵיין פוּן בֶּעט אָן דֶעם וָואס מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער. אוּן אַז מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד שְׁטֵייט מֶען אוֹיף ווִי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה וָואס אִיךְ קֶען דִיר גֶעבְּן אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צֵייטְלִיךְ.

וֶועסְטוּ מִיר אַוַודַאי צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו אַז דוּ דַארְפְּסְט אַן עֵצָה צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי, אַן עֵצָה נִישְׁט צוּ בַּטְלֶ'נֶען קַיין צַייט אוּן פַארבְּרֶענֶען דִי נֶעכְט; דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז, צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם. מֵיין נִישְׁט אַז אוֹיף אַזֶעלְכֶע קְלֵיינִיקַייטְן דַארְף מֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען אוּן בֶּעטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת תְּפִילָה, סִימָן לז): "עַל כָּל הַדְּבָרִים, הֵן עַל דָּבָר גָּדוֹל הֵן עַל דָּבָר קָטָן, תִּתְפַּלֵּל", אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, סַיי אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ סַיי אוֹיף אַ קְלֵיינֶע זַאךְ, זָאלְסְטוּ מִתְפַּלֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס תְּפִילָה אִיז, אוּן ווִי שְׁטַארְק תְּפִילָה אִיז, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיר לֵייגְן צֵייטְלִיךְ יֶעדֶע נַאכְט, אִיךְ זָאל לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע פַאר אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן, הֶעלְף מִיר

איך זָאל זיך אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אַזוֹי וֶועל איך זַיין אַן עֶרְלִיכֶער איד, איך וֶועל קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין צֵייטְלִיך און גֵיין דַאוֶוענֶען אין שׁוּל מִיט מִנְיָן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶע נַאכְט וֶוער איך אַזוֹי פוֹיל, איך דְרֵיי מִיר אַהֶער און אַהִין, איך פַארְבְּרֶענְן דִי נַאכְט מִיט נַארִישְׁקַייטְן, נָאכְדֶעם פַּאל איך אַרַיין אין בֶּעט אָן קְרִיאַת שְׁמַע און אָן נֶעגְל וַואסֶער, הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער איך זָאל זיך קֶענֶען צוּזַאמְנֶעמֶען צוּ גֵיין שְׁלָאפְן צֵייטְלִיך, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם", אוֹיב דוּ וֶועסְט בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶעבְּן מִיט יִשּׁוּב הַדַעַת, דוּ וֶועסְט אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט, און גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי און אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי.

וְעַל כּוּלָם זֶע צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וַוייל מִשְׁנָיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ; "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה", ווי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת איז עֶר זיך מְשַׁנֶה אִינְגַאנְצְן. מִשְׁנָיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנָיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נֶעבֶּעך אַרַיין גֶעפַאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## עא

### אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין פַּרְנָסָה, וָואס טוּ אִיךְ?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, 24 יָאר אַלְט, מִיט צְוֵויי קִינְדֶערְלֶעךְ בָּרוּךְ ה'. אִיךְ הָאבּ יֶעצְט פַארְלוֹירְן מַיין פַּרְנָסָה, דִי בִּיזְנֶעס וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט הָאט זִיךְ פַארְמַאכְט, אוּן יֶעצְט בִּין אִיךְ שׁוֹין אָן פַּרְנָסָה פַאר אַ חוֹדֶשׁ. קֶענְט אִיר מִיר אֶפְשָׁר גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-ב, י"ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (מֶדְרָשׁ תַּלְפִּיּוֹת) אַז שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאט אַ רִינְגְל אוֹיף זַיין פִינְגֶער, וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעקְרִיצְט אוֹיף דֶעם דִי דְרַיי אוֹתִיּוֹת ג' ז' י', אוּן יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַ צָרָה, הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין קוּקְן אוֹיף דֶעם רִינְגְל אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט. דִי מְשָׁרְתִים הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז דָא צוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם

רִינְגְל, און פַארְוָואס שְׁמֵייכְלְט עֶר, הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם רִינְגְל און וָואס מֵיינֶען דִי אוֹתִיּוֹת ג' ז' י'? הָאט זֵיי שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן דִי וֶוערְטֶער: "גַ'ם זֶ'ה יַ'עֲבוֹר" - דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין. אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט אַ צָרָה אִיז עֶר זִיךְ מְחַזֵּק אַז: "גַּם זֶה יַעֲבוֹר", דָאס וֶועט אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ קוּקְן אוֹיף דֶעם רִינְגְל און גֶעדֶענְקֶען אַז "גַּם זֶה יַעֲבוֹר", און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סג.): "כָּל הַמְשַׁתֵּף שֵׁם שָׁמַיִם בְּצַעֲרוֹ, כּוֹפְלִין לוֹ פַּרְנָסָתוֹ", וֶוער עֶס נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין זַיין צָרָה, טָאפְּלְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיין פַּרְנָסָה; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זַיין וַוייבּ, זַיין פַּרְנָסָה, זַיינֶע קִינְדֶער, אַלֶעס אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט גֶעבְּן קַיין פַּרְנָסָה און קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּ נֶעמֶען קַיין פַּרְנָסָה, נָאר יֶעדֶע זַאךְ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן, דֶעמָאלְט וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא עו.): "שָׁאֲלוּ תַּלְמִידָיו אֶת רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי, מִפְּנֵי מַה לֹא יָרַד לָהֶם לְיִשְׂרָאֵל מָן פַּעַם אַחַת בַּשָּׁנָה?" דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט, פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעדַארְפְט מַאכְן עֶס זָאל יֶעדְן טָאג פַאלְן מָן

פוּן הִימְל, עֶס וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט קוּמֶען מָן פוּן הִימְל נָאר אֵיינְמָאל אַ יָאר? "אָמַר לָהֶם, אֶמְשׁוֹל לָכֶם מָשָׁל, לְמָה הַדָּבָר דּוֹמֶה? לְמֶלֶךְ בָּשָׂר וָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּן אֶחָד, פָּסַק לוֹ מְזוֹנוֹתָיו פַּעַם אַחַת בַּשָּׁנָה, וְלֹא הָיָה מַקְבִּיל פְּנֵי אָבִיו אֶלָּא פַּעַם אַחַת בַּשָּׁנָה, עָמַד וּפָסַק מְזוֹנוֹתָיו בְּכָל יוֹם, וְהָיָה מַקְבִּיל פְּנֵי אָבִיו כָּל יוֹם", הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אַ בֵּן יָחִיד, עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן גֶענוּג גֶעלְט עֶר זָאל קֶענֶען לֶעבְּן אַ גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם קֶענִיג אַ גַאנְצֶע יָאר, בִּיז דִי גֶעלְט הָאט זִיךְ אִים אוֹיסְגֶענוּצְט; דֶער קֶענִיג הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעבֶּענְקְט נָאךְ זַיין קִינְד, הָאט עֶר דֶעם קוּמֶענְדִיגְ'ן יָאר אִים גֶעגֶעבְּן גֶעלְט וָואס זָאל נָאר זַיין גֶענוּג פַאר אֵיין טָאג צוּ לֶעבְּן, אַז דֶער זוּן זָאל קוּמֶען צוּ אִים יֶעדְן טָאג. הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוֹיסְגֶעפִירְט: "אַף יִשְׂרָאֵל, מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אַרְבָּעָה וַחֲמִשָּׁה בָּנִים, הָיָה דּוֹאֵג וְאוֹמֵר, שֶׁמָּא לֹא יֵרֵד מָן לְמָחָר, וְנִמְצְאוּ כֻּלָּן מֵתִים בָּרָעָב, נִמְצְאוּ כֻּלָּן מְכַוְּנִים אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶן שֶׁבַּשָּׁמַיִם", אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אִין מִדְבָּר, אַ אִיד אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּפְרִי, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין עֶסְן פַאר זִיךְ אוּן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער, אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר דַארְף פַּרְנָסָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן מָן; אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט אַלֶע אִידְן, יֶעדְן טָאג הָאבְּן דִי אִידְן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, דַארְף עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאס נָאר וַוייל עֶר וִויל

הֶערְן זַיין קוֹל ווי עֶר בֶּעט זִיךְ: "טַאטֶע אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה", "טַאטֶע אִיךְ דַארְף בְּרֶענְגֶען בְּרוֹיט פַאר מַיינֶע קִינְדֶער", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ פַּרְנָסָה, אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין מִשְׁפָּחָה"; אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זִיכֶער טְרֶעפְן אַ גוּטֶע פַּרְנָסָה.

ווייסְן זָאלְסְטוּ אַז עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ אַרְבֶּעט וואוּ צוּ פַארְדִינֶען וְכוּ', נָאר דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אָן קַיין פַּרְנָסָה, כַּמָּה בַּטְלָנֵי אִיכָּא בְּשׁוּקָא, דָאס אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן אִין זִיךְ גַּאֲוָה, זֵיי וַוארְטְן צוּ טְרֶעפְן אַ פַּרְנָסָה וָואס מֶען פַארְדִינְט גְלַייךְ גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן בִּיז זֵיי טְרֶעפְן נִישְׁט דִי בֶּעסְטֶע דְזְשַׁאבּ בָּארְגְן זֵיי גֶעלְט וְכוּ'. אָבֶער בֶּאֱמֶת, וֶוען עֶס קוּמְט אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען גֶעלְט פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף כָּבוֹד, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען הָאט אוּנְטֶער גֶעשְׁרִיבְּן בַּיי דִי חוּפָּה אִין דִי כְּתוּבָּה: "אֲנָא אֵיזָן, וְאוֹקִיר, וְאֶפְלַח לֵכִי", אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפַּייזְן וְכוּ', עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם בּוּשָׁה צוּ אַרְבֶּעטְן אַ פָּשׁוּטֶ'ע אַרְבֶּעט וְכוּ', אַ בּוּשָׁה אִיז צוּ זֶען ווי עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם אִינְגֶעלַייט כְּלוֹמְר'ישֶׁע שֵׁיינֶע אִידְן (זֵיי הַאלְטְן זִיךְ אַזוֹי), זֵיי בָּארְגְן פוּן מֶענְטְשְׁן גֶעלְט אוּן זֵיי בַּאצָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק - דָאס אִיז אַ בּוּשָׁה; אִיךְ בִּין שְׁטֶענְדִיג מְעוֹרֵר מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן גְלַייךְ גֵיין אַרְבֶּעטְן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס פַאר אַ אַרְבֶּעט - אַבִי אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, עֶנְדֶערְשׁ

וִוי זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן פּוּסְט אוּן לֵיידִיג אוּן זוּכְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַ מְכוּבְּד'יגֶע פַּרְנָסָה וְכוּ'.

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואס דוּ זָאלְסְט טוּן אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַ חוֹדֶשׁ צַייט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה וְכוּ';

זָאג אִיךְ דִיר: וֶועל דִיר נִישְׁט קַיין סַאךְ, נָאר גְלַייךְ וֶוען דוּ הֶערְסְט אַז אֵיינֶער זוּכְט אַן אַרְבֶּעטֶער, זָאלְסְטוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן, אוּן אַז דוּ טְרֶעפְסְט עֶפֶּעס בֶּעסֶערְ'ס קֶענְסְטוּ נָאכְדֶעם נֶעמֶען דִי בֶּעסֶערֶע וְכוּ', אָבֶּער סְתָם זִיצְן לֵיידִיג אִיז נִישְׁט גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

## עב

### וָואס הָאט מוֹהֲרָא"ש מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען אִין בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אִיךְ בַּאקוּם מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת פוּן דִי חִיזּוּק יוֹמִי.

אִין אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים דֶערְמַאנְט אִיר אַסַאךְ מוֹהֲרָא"שׁ. וִויל אִיךְ פְרֶעגְן וִויפִיל יָאר אִיר זֶענְט גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ אִים אוּן וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען אִין תּוֹרַת בְּרֶסְלֶב.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-ב, י״ב תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי אִיז מְחַיֶּ׳ וּמְחַזֵּק יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין וָואס פַאר אַ מַצָּב עֶר גֶעפִינְט זִיךְ נָאר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאט זִיךְ דָאס וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אַ בָּחוּר פוּן פוּפְצְן יָאר אַלְט, אִין יֶענֶע צַייט הָאט מִיר מַיין זֵיידֶע הרה״ג רֶבִּי יְחֶזְקֵאל רָאטְה שְׁלִיטָ״א אַבַ״ד קַארְלְסְבּוּרְג גֶענוּמֶען מִיט זִיךְ קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן זֵייעֶר מְקוּשָּׁר צוּ אִים, אוּן אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועזְן אִים מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין אַלֶע מַיינֶע יָארְן בִּיז אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט, וָואס דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַוֶועק גֶעצוֹיגְן פוּן זַיין דִירָה (מַיינֶע עֶלְטֶערְן וואוֹינֶען אִינֶעם זֶעלְבְּן בִּנְיָן וואוּ עֶר וואוֹינְט).

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): ״גְּדוֹלָה שִׁמּוּשָׁהּ יוֹתֵר מִלִּימוּדָהּ״, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ קוֹנֶה גֶעוֶועזְן פוּן אִים - סַיי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן סַיי מְסִירוּת נֶפֶשׁ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי זְכִיָּה צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים בְּחַבְרוּתָא. מַיין זֵיידֶע שְׁלִיטָ״א פְלֶעגְט מִיר מִיט נֶעמֶען מִיט

זיך יעדעס מָאל ווען ער איז געפָארן קיין מירון, דָארט הָאבּן מיר געלערנט אין די מְעָרָה פון רבי שמעון נגלה און נסתר; אַמָאל איז נישט געוועז אַזאַ עולם אין מירון, נָאר אויף ל"ג בעומר איז מען געקומען צו פָארן קיין מירון, אָבער אַ גאנץ יאר איז געוועזן ליידיג, קיינער איז נישט געוועזן, נאר די פָאר מענטשן וואס וואוינען דָארט אינעם מושב מירון, און ברסלב'ע חסידים (איך הָאב נָאך געהאט די זכיה צו זען ברסלב'ער חסידים פון פריערדיגן דור).

די בארג ארויף צו גיין צום מְעָרַת הָרַשְׁבִּ"י איז זייער אַ שווערע בארג, און ווען איך פלעג אַרויף באגלייטן מיין זיידע פלעגט ער זיך כּסדר אָפּשטעלן זיך אָפּצורוען, און אזוי - אויפן וועג אַרויף - פלעגט ער מיר דערציילן שיינע זאכן פון יאָרן צוריק אין מירון, ווען ער פלעגט קומען אין יענע יאָרן, ווי אַזוי עס איז דעמָאלט געוועזן. ער פלעגט מיר דערציילן אַז ער געדענקט די ברסלב'ער חסידים ווי זיי פלעגן זיצן אין די מְעָרָה אַ גאנצע נאכט - פון חצות, ווי זיי פלעגן זאגן תיקון חצות, און נאכדעם זיך מתבודד זיין אַ גאנצע נאכט וכו' וכו'.

די אַלע מעשיות פלעגן אַריין גיין אין מיין הארץ, און איך הָאב אנגעהויבן נאכזוכן וואס איז דאס 'ברסלב'; איך הָאב געטראכט צו מיר: 'איך וויל אויך זיין אַן ערליכער איד, איך וויל אויך דינען דעם אייבערשטן', ביז דער אייבערשטער הָאט מיר געהָאלפן אַז איך הָאב געטְרָאפן מורי ורבי מוהרא"ש זכרונו לברכה, וואס ער הָאט אַלעס אַוועק געגעבן פון זיך, אבי איך זאל אויך וויסן פון הייליגן רבי'ן.

מוֹהֲרַא"ש הָאט גֶעלִיטְן זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן בִּיזְיוֹנוֹת פַאר מִיר, און פַאר נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער; עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים און עֶס פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, נָאר צוּלִיבּ דֶעם אַז נָאךְ אִידְן זָאלְן וויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דוּ פְרֶעגְסְט מִיר וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען; מוֹהֲרַא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גָארְנִישְׁט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען, עֶר הָאט נָאר מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן. עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי'ן וָואס קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוויסְט פוּן אַזַא לִיכְטִיגְקֵייט, און אִים פַארְשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

מוֹהֲרַא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר און עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, הָאט עֶר בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט: "לֹא אָנוּחַ וְלֹא אֶשְׁקוֹט בִּיז אִיךְ וֶועל מְפַרְסֵם זַיין דֶעם רֶבִּי'ן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט!" עֶר הָאט גֶעזֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט אִים, הָאט עֶר גֶעוָואלְט אַז יֶעדֶער אֵיינְצִיגֶער אִיד זָאל אוֹיךְ וויסְן פוּן דִי לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת.

וַיָבֹא הַשָּׂטָן... עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּלָאזְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט וויסְן פוּן רֶבִּי'ן, ווייל אַזוֹי וֶועט דָאךְ יֶעדֶער תְּשׁוּבָה טוּן און מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ מַחְלוֹקֶת אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיין. אַפַאר בַּעֲלֵי קִנְאָה און בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען רוֹדְפְ'ן דֶעם אִיד, וַהֲוָה מַה דַהֲוָה, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיף דִי סְפָרִים וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעמַאכְט און צוּגֶעזָאגְט וְכוּ' אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט

רוּעֶן בִּיז אִיךְ וֶועל מְפַרְסֵם זַיין מוֹהֲרַ"אשׁ פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּבִּיסְלֶעךְ נֶעמְט מֶען אַרָאפּ דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען וָואס דִי מְחַרְחֲרֵי רִיב הָאבְּן אַלֶע יָארְן אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף דֶעם צַדִיק אוּן אוֹיף זַיינֶע סְפָרִים.

**שְׁוֶוערֶע** טוֹיזֶנְטֶער אִידְן קוּמֶען יָאר יֶערְלִיךְ קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וֶוער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי אַלֶע אִידְן? וֶוער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן שְׁטֵייט אוּנְטֶער דֶעם? דִי מִילְיָאנֶען סְפָרִים וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט אַלֶע יָארְן גֶעדְרוּקְט, אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מַדְפִּיסִים וּמְפִיצִים וָואס טוּעֶן דָאס וַוייטֶער, דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דִי אַלֶע אִידְן אוֹיף אוּמַאן, אוּן דָאס וֶועט נָאךְ בְּרֶענְגֶען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן.

**דָאס** אִיז אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט מְחַדֵשׁ גֶעוֶוען; עֶר הָאט גֶענוּמֶען דֶעם 'אוֹר הַגָּנוּז' דֶעם בַּאהַאלְטֶענֶעם לִיכְט, אוּן גֶעמַאכְט אוֹיס 'אוֹר הַגָּנוּז', עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט בַּאהַאלְטְן, עֶס אִיז שׁוֹין אוֹר הַנִגְלֶה, אוֹר הַמֵּאִיר, נִישְׁט 'אוֹר הַגָּנוּז'; עֶס אִיז מֶער נִישְׁט 'קֶרֶן אוֹר' - אַן אוֹר אִין אַ ווינְקֶעלֶע. מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַמָאל אַז דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז מְצֻמְצָם אִין אַ 'קֶרֶן אוֹר', אִין עֶפֶּעס אַ ווינְקֶעלֶע, אָבֶער הַיינְט זֶעט מֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער רֶבִּי אִיז דֶער רֶבִּי פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

**דוּ** בִּיסְט דָאךְ אַוַדַאי גֶעוֶוען אִין אוּמַאן הֵיי יָאר, הָאסְטוּ דָאךְ זִיכֶער מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי סוֹף פוּן דִי וָואס הָאבְּן אַלֶע

יָארְן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מוֹהַרְאַ"ש אוּן אוֹיף אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, אַז מִיר אַלֶע הָאבְּן נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען "דֶעם רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ", וַוייל מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעדַאוֶונְט אִין קְלוֹיז, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ נָאר אִין קְלוֹיז; הָאסְט זִיכֶער גֶעזֶען דֶעם סוֹף פוּנֶעם קְלוֹיז. דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז דֶער רֶבִּי אִיז בַּיי זֵיי אִין טַאשׁ, אוּן נָאר זֵיי וֵוייסְן וֶוער עֶס אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד אוּן וֶוער נִישְׁט, זֵיי וֵוייסְן וֶועם דֶער רֶבִּי קֶען יָא לַייְדְן אוּן וֶועם נִישְׁט, (אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִויפִיל יָאר דוּ קוּמְסְט שׁוֹין קַיין אוּמַאן, צִי דוּ גֶעדֶענְקְסְט נָאךְ דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן: "סְפַרְדִים לֹא שַׁיָיכִים אֶל רַבֵּינוּ!" אָדֶער דִי וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ פְּלַאץ צוּ עֶסְן אָבֶער הָאבְּן דָאס גֶעטוֹן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רַאסִיזְם, אַז אַ סְפַרְדִי'שֶׁער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיין גֵיין דָארְט - הָיָ' לֹא תִהְיֶ') דִי אַלֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן פוּן קְלוֹיז מִיט חֲרָפּוֹת וּבוּשׁוֹת, אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דֶעם קְלוֹיז אוּן גֶעמַאכְט אַן אֵייגֶענֶעם מִנְיָן וְכוּ'; זֵיי הָאבְּן זִיכֶער גֶעמֵיינְט אַז דֶער קְלוֹיז וֶועט אַיינְפַאלְן, עֶס וֶועט בְּלַייבְּן לֵיידִיג, לְמַעֲשֶׂה - וְלֹא נוֹדַע כִּי הָלְכוּ וְכוּ' וְכוּ'... יָארְן לַאנְג הָאבְּן זֵיי מְבַזֶה גֶעוֶוען מוֹהַרְאַ"ש, כְּאִילוּ הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אִיז נִישְׁט בְּרֶסְלֶב, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעלְיַאמֶערְט "דֶער קִיבָּוּץ", "דֶעם רֶבִּינְ'ס קִיבּוּץ אִיז נָאר דָא"; יֶעצְט זֶעט מֶען זֵייעֶר סוֹף.

מוֹהַרְאַ"ש הָאט שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט מִיט יָארְן צוּרִיק אַז דֶער רֶבִּי גֶעפִינְט זִיךְ אִיבֶּעראַל חוּץ אִין שָׁוּל (מֵאָה שְׁעָרִים), וַוייל אִין אַ פְּלַאץ וואו מֶען קְרִיגְט זִיךְ אוּן

מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ וְכוּ׳, דָארְט אִיז זִיכֶער נִישְׁט דֶער רֶבִּי. אוּן אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט דָארְט אִיז עֶס צֶעפַאלְן.

**נָאךְ** אַ זַאךְ הָאט מוֹהֲרָא״שׁ מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען, אַז צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד דַארְף מֶען לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְרוּפְן אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט נָאךְ זָאגְן אֵיין גַאנְצֶע שִׂיחָה. דָאס קֶען זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער אִיבֶּערְצֵייגְן וֶוען מֶען כַאפְּט אַ שְׁמוּעֶס מִיט אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, זָאל דָאס זַיין פוּן דֶעם קְלֶענְסְטְן תַּלְמִיד בִּיזְ׳ן גְרֶעסְטְן, עֶר אִיז בָּקִי אוּן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אוּן הָאט דִיבּוּרִים מְחַזֵק צוּ זַיין יֶעדְן אִיד. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ שִׁיעוּר וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן דֶעם נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

**וַוייסְט** וָואס נָאךְ מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען? אַז אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד דַארְף גֵיין הַפָּצָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן; רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (חַיֵי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקמג): ״כַּמָּה פְּעָמִים הָיָה מְדַבֵּר הַרְבֵּה עִמָּנוּ, וְהִזְהִיר אוֹתָנוּ מְאֹד לְקָרֵב נְפָשׁוֹת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לְהִשְׁתַּדֵּל לְדַבֵּר הַרְבֵּה עִם בְּנֵי אָדָם, כְּדֵי לְעוֹרְרָם וְלַהֲשִׁיבָם לְקָרְבָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אוּן אוּנְז גֶעהֵייסְן מִיר זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה מְבַזֶּה אוֹתָנוּ בְּבִזְיוֹנוֹת עַל שֶׁאָנוּ מִתְעַצְּלִים בָּזֶה, וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ ׳עֵצִים יְבֵשִׁים׳ עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ״, אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז

פַארְשֶׁעמְט און אוּנְז אָנְגֶערוּפְן: "עֵצִים יְבֵשִׁים", טְרוּקֶענֶע בֵּיימֶער, וַוייל מִיר גֶעבוֹירְן נִישְׁט קַיין פְרִישֶׁע נְפָשׁוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט וַוייטֶער: "וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה, הַיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הַפָּצָה; דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ צוּרִיק מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען, אַז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד דַארְף עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה.

**דוּ** קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִויפִיל סְפָרִים מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַלְץ גֶעדְרוּקְט - הוּנְדֶערְטֶער מִילְיָאנֶען סְפָרִים, און גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דְרוּקְן און פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים; אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט אַ בֵּית הַדְּפוּס אִין יְשִׁיבָה וואו דִי בָּחוּרִים דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעדְרוּקְט אִין דִי פָּאר יָאר וָואס דִי דְרוּק שְׁטֵייט אִיבֶּער אַ מִילְיָאן סְפָרִים, און דָאס אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט וָואס מִיר גֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף דְרוּקְן.

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ קוּם מַיין לֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא"שׁ און פַארְ'ן רֶבִּי'ן; אַלֶעס וָואס אִיךְ וֵוייס, אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ, און אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ - אִיז נָאר בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן און לֶערְנֶען פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, וָואס עֶר גֶעבְּט אִיבֶּער וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ הָאבּ נָאךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסאךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער יֶעצְט עֶרֶב יוֹם טוֹב דַארְף אִיךְ גֵיין בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה, קוֹיפְן ד' מִינִים אוּן טוּן אַלֶע אִיבֶּערִיגֶע הֲכָנוֹת פַאר דֶעם הֵיילִיגְ'ן יוֹם טוֹב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט נַארְן בְּזֶה הָעוֹלָם; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנּוּ, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם", דִי וֶועלְט נַארְט, אִיךְ בֶּעט אַייךְ לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אָבֶּער וָואס זָאל מֶען טוּן אַז דֶער נַאר זָאגְט אוֹיךְ אִיבֶּער דִי שִׂיחָה... וֵוייסְן מִיר נִישְׁט וֶוער אִיז דֶער נַאר, אוֹיבּ אַזוֹי וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן צִי עֶר נַארְט זִיךְ צִי נִישְׁט? אֶפְשָׁר בִּין אִיךְ אִין אַ טָעוּת, אוּן אִיךְ שְׁרֵיי: "רַבּוֹתַי, נַארְט אַייךְ נִישְׁט!" נָאר אוֹיבּ מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיר נִישְׁט נַארְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אֶפְשָׁר נַאר אִיךְ זִיךְ? אֶפְשָׁר לֶעבּ אִיךְ אִין אַ טָעוּת? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל נָאר דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיי טוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד", דֶעמָאלְט נַארְט מֶען זִיךְ נִישְׁט.

יֶעדֶער שְׁרֵייט אַז עֶר אִיז בַּיים אֱמֶת, נוּ, וִוי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן צִי עֶר אִיז בַּיים אֱמֶת צִי נִישְׁט? נָאר אֱמֶת - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז נָאר אֵיינְס, עֶס אִיז נִישְׁט דָא צְוֵויי אֱמֶת, אוּן אֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וִוי עֶס

שְׁטֵייט (יִרְמְיָהוּ י, י): "וַה' אֱלֹקִים אֱמֶת"; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן: 'אוֹיב רֶעד אִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט אִים אוּן אִיךְ דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ בַּיים אֱמֶת, אוּן אַז נִישְׁט אִיז עֶס נִישְׁט אֱמֶת'. נָאךְ אַ וֶועג קֶען אַ מֶענְטְשׁ זֶען צִי עֶר אִיז בַּיים אֱמֶת, אַז אֱמֶת מֵיינְט אֱ-מֶת, אֶהְיֶ' מֵת, אִיךְ גֵיי אֵיין טָאג זַיין אַ מֵת, אַ גוֹסֵס, אוּן עֶס וֶועט פוּן מִיר גָארְנִישְׁט אִיבֶּערְבְּלַייבְּן, נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וָואס אִיךְ כַאפּ אַרַיין יֶעדְן טָאג, נָאר דָאס בִּיסְל חֶסֶד וָואס אִיךְ טוּ יֶעדְן טָאג; אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט פוּן יוֹם הַמִּיתָה אוּן עֶר לֶעבְּט מִיט דֶעם, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּיים אֱ'מֶת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# עג

**אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ פַאל, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן?**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן אֵייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן דָאס אִיז מִיר מוֹרָא'דִיג מְחַזֵק, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר שׁוֹין אַרִיבֶּער דִי צְוָואנְצִיג; אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת כְּדֵי צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אָבֶּער

דָאס הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט; אִיךְ הַאלְט אוּן אֵיין אַרָאפְּפַאלְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִין עֲבֵירוֹת. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי דָאס הֵייסְט אַ מֵזִיד, וַוייל בֶּאֱמֶת וויל אִיךְ זַיין הֵיילִיג אוּן אָפְּגֶעהִיטְן, אָבֶער דֶער יֵצֶר הָרַע הַאלְט זִיךְ אוּן אֵיין מִתְגַּבֵּר זַיין אוֹיף מִיר אוּן בְּרֶענְגְט מִיךְ צוּ קוּקְן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן.

דֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט אַז אִיךְ וויל שׁוֹין וֶוערְן אַ חָתָן אוּן אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קַיין נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן אִיךְ הָאבּ מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט ווִי אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוֹעֶלְ'ט. אָבֶער זַייט רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּין אִיךְ שׁוֹין צְוֵויי מָאל דוּרְכְגֶעפַאלְן; "וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?" אִיךְ וֵוייס אַז דִי עֲבֵירָה שְׁטוּפְּט אָפּ דֶעם זִיווּג, אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם זִיווּג דָאס אַלֵיינְס מַאכְט דָאךְ אַז מֶען זָאל הַאלְטְן אוּן אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, וָואס וֶועט זַיין? הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעוואוֹירְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶע'פּוֹעֶלְ'ט בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיּוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר עֶנְטְפֶער.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-ב, י"ד תִּשְׁרֵי, עֶרֶב סוּכּוֹת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר זֶענֶען יֶעצְט גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "גָאר מַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נִישְׁט נָאר מַיינֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה". רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט

גֶעזָאגְט: "מַיין זַאךְ אִיז יוֹם כִּיפּוּר", וַוייל יוֹם כִּיפּוּר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל יֶעדְן אֵיינֶעם אַלֶע עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (וַיִּקְרָא טז, ל): "כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם, לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם, לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ". מוֹהַרַ"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "מַיין זַאךְ אִיז בָּחוּרִים; אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ"; אוּן מֶען זֶעט אַז דִי רָאשֵׁי תֵיבוֹת פוּן ר'אשׁ הַשָּׁנָה, בָּ'חוּרִים, אוּן י'וֹם כִּיפּוּרִים, אִיז רֶ'בִּ'י'.

**טוֹיזְנְטֶער** בְּרִיוו הָאט מוֹהַרַ"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר בָּחוּרִים - זֵיי מְחַזֵּק זַיין זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן; מוֹהַרַ"שׁ שְׁרַייבְּט אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת סְפָרִים פוּן גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל צַדִּיקִים וּקְדוֹשִׁים וָואס הָאבְּן גֶעשְׁרִיבְּן תְּשׁוּבוֹת פַאר אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אָבֶּער קֵיינֶער שְׁרַייבְּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבוֹת פַאר בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן שְׁאֵלוֹת צִי זֵיי קֶענֶען נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן; זֵיי פְרֶעגְן: "וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז מִיר הַאלְטְן אִין אֵיין פַאלְן פוּן דִי קְדוּשָׁה?" דֶערְפַאר הָאט מוֹהַרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן זִיבֶּעצִיג טוֹיזְנְט בְּרִיוו, וָואס אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאצֶענְט דֶערְפוּן אִיז פַאר בָּחוּרִים, זֵיי מְחַזֵּק זַיין זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן.

**מוֹהַרַ"שׁ** שְׁרַייבְּט פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס פְרֶעגְן אוּן בֶּעטְן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן זֵייעֶר פְּלָאנְטֶער, אַז זֵיי זָאלְן זָאגְן יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, וַוייל דָאס רַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס; דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ זָאגְסְט חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דוּ זֶעסְט

נישְׁט עֶס זָאל הֶעלְפְן, דָאס טָאר מֶען נִישְׁט זָאגְן, וַוייל מִי יוֹדֵעַ וֶוען דוּ זָאגְסְט וֶוען נִישְׁט דִי ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת צִי דוּ וָואלְסְט נָאךְ אֲפִילוּ גֶעשְׁרִיבְּן אַזַא בְּרִיוו - וִוי דוּ שְׁרֵייבְּסְט אַז דוּ ווילְסְט זַיין עֶרְלִיךְ... וויפִיל בָּחוּרִים זֶענֶען שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז זֵיי שְׁרֵייעֶן שׁוֹין נִישְׁט "רַאטֶעוֶוע מִיר!" דָאס אַלֵיינְס אַז דוּ שְׁרֵייבְּסְט נָאךְ: "רַאטֶעוֶוע מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד" - דַארְף זַיין דַיין גְרֶעסְטֶע הִתְחַזְקוּת, אַז דוּ ווילְסְט נָאךְ זַיין גוּט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חולין קמב.) אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת וִוי אַזוֹי גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקַייט וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט קוּשְׁיוֹת אוֹיף דִי תּוֹרָה, "הֲרֵי שֶׁאָמַר לוֹ אָבִיו, עֲלֵה לַבִּירָה וְהָבֵא לִי גוֹזָלוֹת, וְעָלָה, וְשִׁלַּח אֶת הָאֵם, וְלָקַח אֶת הַבָּנִים, וּבַחֲזָרָתוֹ נָפַל וָמֵת - הֵיכָן אֲרִיכוּת יָמָיו שֶׁל זֶה? וְהֵיכָן טוֹבָתוֹ שֶׁל זֶה?" אַ טַאטֶע הָאט גֶעהֵייסְן זַיין זוּן: "גֵיי בְּרֶענְג מִיר אַפָּאר פֵייגְלֶעךְ פוּנֶעם נֶעסְט", אִיז דֶער קִינְד גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעמַאכְט דִי מִצְוָה פוּן שִׁלּוּחַ הַקֵּן, אוּן אוֹיפְן וֶועג אַרָאפּ אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּנֶעם לֵייטֶער אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן - וואוּ אִיז דֶער אֲרִיכוּת יָמִים פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ? וואוּ אִיז דִי גוּטְס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף בַּאקוּמֶען פַאר דֶעם מִצְוָה? זָאגְן דָארְט חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַז אַחֵר הָאט דָאס גֶעזֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט דִי קַשְׁיָא וְכוּ'.

אַזוֹי אִיז דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מִצְוֹת וָואס עֶס שְׁטֵייט אָרוֹיס גֶעשְׁרִיבְּן דִי שְׂכַר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיבְּט פַאר דֶעם וָואס טוּט דִי מִצְוָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי דִי מִצְוָה

פוּן צִיצִית (בַּמִּדְבָּר טו, מ): "לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֹתָי"; בַּיי תְּפִילִין שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יג, ט): "וְהָיָה לְךָ לְאוֹת עַל יָדְךָ, וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ, לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת ה' בְּפִיךָ", פְרֶעג אִיךְ דִיר - אוֹיבּ אֵיינֶער טוּט אָן צִיצִית אוּן דָאךְ פַאלְט עֶר אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, אָדֶער אֵיינֶער וָואס טוּט אָן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג אוּן דָאךְ אִיז זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרַע מִתְגַּבֵּר אוֹיף אִים, זָאל עֶר אָפְּלָאזְן זַיין תְּפִילִין? זָאל עֶר זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם גֵיין שְׁמַדְ'ן? וָואס לֵיידֶער - זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס זֶענֶען אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט, זֶענֶען נָאר אַוֶועק גֶעפַאלְן צוּלִיבּ דִי אַלֶע קוּשְׁיוֹת וָואס אִיז אַרַיין אִין זֵיי, וָואס גֶעוֶוענְלִיךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין סַבְלָנוּת, הֵייבְּט עֶר אָן צוּ הָאבְּן קוּשְׁיוֹת אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט עֶר גֶעבֶּעךְ אִינְגַאנְצְן אַוֶועק.

**דֶערְפַאר** דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, אוּן וִויסְן אַז אַלֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן - אִיז אֱמֶת, אוּן עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ זַאכְן וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

**דוּ** זָאג וַוייטֶער מִשְׁנָיוֹת, אוּן גְלֵייבּ אַז דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלַן רַחֲמָנָא לִשֵׁזְבַן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף־עַל־פִּי־כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל־כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן

הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

**בַּאפּ** זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין יַבְנִיאֵל צוּ מוֹהֲרָא"שְׁ'ס צִיוּן; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: "אִיךְ זָאג צוּ, אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר, אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג".

**אִיךְ** שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ תְּפִלָּה וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן פַאר בָּחוּרִים צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג, עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין 'קוּנְטְרֵס מְצִיאוּת הַזִּיוּוּג', דָאס אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אִין אִידִישׁ, זָאג עֶס יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיוּוּג בְּקָרוֹב.

**אַ** תְּפִלָּה צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף אַ שִׁידוּךְ:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג אוּן נִישְׁט דַארְפְן וַוארְטְן מֶער אַזוֹי לַאנְג.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט אֵייבִּיג גֶעוֶועְן אַזוֹי וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אִיךְ בֶּעט דִיר אָבֶּער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם אוּן צוּלִיבּ דֶעם צוּרִיק הַאלְטְן מַיין שִׁידוּךְ. זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גוּט גֶעטוּן, אוּן הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שׁוֹין שְׁנֶעל חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דָאס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוּן רַאטֶעוֶועְן אַז אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן קֵיין עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ.

וָואס זָאל אִיךְ טוּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? פוּן מַיין זַייט בִּין אִיךְ גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן הַיינְט נַאכְט! וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ? אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז אִיךְ וִויל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען.

דִי חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט חֲתוּנָה נָאךְ דִי צְוָואנְצִיג יָאר, וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן דוּ זָאגְסְט אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ אַז זַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין. פַארְוָואס זָאל מִיר קוּמֶען אַזַא הַארְבֶּער עוֹנֶשׁ אַז אִיךְ זָאל מַיין גַאנְץ לֶעבְּן טְרַאכְטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אוּן אַז מַיינֶע בֵּיינֶער זָאלְן צוּגֵיין? וָואס בִּין אִיךְ דֶען שׁוּלְדִיג? פַארְוָואס קוּמְט עֶס מִיר? אִיז מִיר נִישְׁט גֶענוּג דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן דֶעם אַלֵיין אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט?

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אוּן אוֹיסְוַוארְטְן מִיט רוּאִיגְקֵייט בִּיז אִיךְ וֶועל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קֻשְׁיוֹת אוֹיף דִיר. הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ טוּסְט אַלֶעם נָאר צוּם גוּטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיט דֶעם זָאל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צוּבְּרָאכְן פוּן מַיינֶע שְׁוֶועריקַייטְן.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר פַארְשְׁטֵיין! נָאר דוּ וֵוייסְט מַיינֶע גֶעפִילְן! ווִי אַזוֹי אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אוּן דֶערְנִידֶערְט פוּן מִיר אַלֵיין! אַז אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאר אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין! הֶעלְף מִיר אַז דִי בִּזְיוֹנוֹת זָאלְן זַיין פַאר כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת אַז מִיט דֶעם זָאל אִיךְ אָפְּקוּמֶען אַלֶע מַיינֶע עֲבֵירוֹת, אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן אַזוֹיפִיל אוּן אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן בְּקָרוֹב.

אִיךְ וֵוייס אוּן אִיךְ גְלֵייב, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אַז דוּ וֶועסְט מִיר זִיכֶער נִישְׁט פַארְלָאזְן. סוֹף כָּל סוֹף וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן. אוּן דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז וֶוען אִיךְ וֶועל שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קְרִיגְן אִינְדֶערְהֵיים, עֶס זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶערְשְׁן בַּיי אוּנְז אַהֲבָה וְאַחֲוָה וְשָׁלוֹם וְרֵעוּת, מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן

הָאבְּן אַ גְּלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט דַארְפְן גֶט'ן חַס וְשָׁלוֹם.

הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַ וַתְּרָן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג מְוַותֵּר זַיין אוּן נִישְׁט זִיךְ קְרִיגְן נָאר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְהֶעלְפְן. מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע הוֹיז, עֶס זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן דִי שִׂמְחָה אִין דִי לוּפְט בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים. אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיפְצִיעֶן אוֹיפְ'ן עֶרְלִיכְן אִידִישְׁן וֶועג אוּן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי. מַיין שְׁטוּב זָאל זַיין אָפְן פַאר אַנְדֶערֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַרַיינְצוּנֶעמֶען אוֹרְחִים אוּן צוּ טוּן אַסַאךְ צְדָקָה אוּן חֶסֶד.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נֶעם אָן מַיין תְּפִלָּה, אוּן הֶעלְף מִיר שׁוֹין, אִין זְכוּת פוּן אַלֶע צַדִיקִים וּבִפְרַט אִין דִי זְכוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן אִין זְכוּת פוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מְנַחֵם זְאֵב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט גֶעמַאכְט דִי תְּפִלָּה, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַאר אַ רַעַשׁ עֶס וֶוערְט אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען אַ בָּחוּר אָדֶער אַ מֵיידְל קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זָאגְט: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן, אָבֶער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אִין עֲבֵירוֹת וְכוּ'; אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן, אַז אִיךְ וֶועל חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועל אִיךְ מֶער נִישְׁט טוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה", וֶוען אַ

בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל זָאגְן דָאס פַּאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט אוֹיבְן אַזַא רַעַשׁ, אַלֶע מְקַטְרְגִים אַנְטְלוֹיפְן, זֵיי שֶׁעמֶען זִיךְ מִיט זֵייעֶר קִטְרוּג וָואס זֵיי שְׁטֵייעֶן אַ גַאנְצ'ן טָאג אוּן זֶענֶען מְקַטְרֵג אוֹיף בָּחוּרִים וְכוּ', וַוייל דֶער אֱמֶת קוּמְט אַרוֹיס, אוּן מֶען זֶעט קְלָאר אַז בָּחוּרִים זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק, דְרַאפֶּע דִיר אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ; דוּ זָאג וַוייטֶער מִשְׁנָיוֹת, אוּן פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט גֶעפָּאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דוּ הָאסְט זִיכֶער גֶע'פּוֹעֵל'ט אַ שִׁידוּךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אַז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל אָמֵן.

**אַ** גוּט יוֹם טוֹב.

## עד

### וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שְׁטַארְקֶע חִיזוּק וֶוערְטֶער, עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת וָואס אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס אַזוֹיפִיל אִידְן אִין דִי וֶועלְט זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵק פוּן דֶעם.

אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט, אִיךְ אַלֵיין וָואס אִיךְ גֶעהֶער בִּכְלַל נִישְׁט צוּ בְּרֶסְלֶב קֶען אִיךְ אַסַאךְ אִידְן בַּיי אוּנְז אִין דִי

קְהִילָה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס הֶערְן זִיךְ צוּ צוּ יֶעדֶע דְרָשָׁה, פָאלְגְן דִי עֵצוֹת און הָאבְּן דֶערְפוּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזוּק. אֵייעֶר זְכוּת אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ שֶׁענְקֶען בְּרָכָה און הַצְלָחָה אִין אַלֶע אֵייעֶרֶע וֶועגְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי אִיז רִיכְטִיג אִיךְ זָאל בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה - אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר שִׁיקְן מֶער אַרְבֶּעט אִין דֶעם תְחוּם וָואס אִיךְ בִּין עוֹסֵק, אָדֶער אִיךְ זָאל בֶּעטְן אוֹיף פַּרְנָסָה בִּכְלָלוֹת אַז עֶר זָאל מִיר שִׁיקְן אוֹיף וֶועלְכֶע וֶועג עֶר פַארְשְׁטֵייט?

אַסאַךְ מָאל בִּין אִיךְ מִתְפַּלֵל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר שִׁיקְן קוֹנִים, און נָאכְדֶעם טְרַאכְט אִיךְ: 'וֶוער זָאגְט אַז מֶען מֶעג זָאגְן פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז גוּט פַאר מִיר, און אִים גִיבְן "עֵצוֹת" ווִי אַזוֹי עֶר זָאל מִיר צוּשִׁיקְן פַּרְנָסָה?' אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טְרַאכְט אִיךְ אַז אֶפְשָׁר ווִיבַּאלְד אִיךְ בִּין עוֹסֵק אִין אַ גֶעווִיסֶע תְחוּם אִיז אֶפְשָׁר יָא רִיכְטִיג צוּ בֶּעטְן אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן הַצְלָחָה אִין דֶעם תְחוּם וָואס אִיךְ טוּ און הָאבְּן פַּרְנָסָה פוּן דֶעם?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ, אִיךְ וָואלְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר דָאס קְלָאר מַאכְן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן און אִים דֶערְצֵיילְט אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ' וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "נָתָן, קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן", און אַזוֹי גֵייעֶנְדִיג, הָאט דֶער

רֶבִּי אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנְ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט אַפָּאר וֶוערְטֶער, וָואס דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט גֶעטוֹישְׁט רֶבִּי נָתָנְ'ס גַאנְצֶע לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶע פְרֵיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן, עֶר זָאל גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִי הַנְהָגָה, וֶועט אִים אַלֶעס גֵיין גְרִינְגֶער, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ זִיס לֶעבְּן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "אוּן וַוייטֶער אִיז גוּט, אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד", הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, וַוייל וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף מִיר וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן יֶעדְן טָאג רֶעדְט עֶר זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר

דַאנְקְט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, עֶר בֶּעט אִים אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף אוּן עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט אִים, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אוּן גֶעטוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים דֶערְצֵיילְט מֶען עֶס פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שׁוֹין דָא בְּזֶה הָעוֹלָם אִין "גַן עֵדֶן", אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אוּן שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן.

**אַמָאל** אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן נֶעמֶען אַבִּיסְל חִיזּוּק; בִּכְלָל דַארְף מֶען וויסְן אַז אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט אִיז גֶעוֶוען בְּעִיקָר פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס הָאט עֶר אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן פַאר אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִים צוּ דַאנְקֶען, אוּן וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען נָאר צוּ אִים מִתְפַּלֵל זַיין. דֶער אִיד הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר מַאכְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעלֶערְנְט; פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "וָואס בֶּעטְסְטוּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בֶּעט זוֹכֶה זַיין צוּ מַדְרֵיגוֹת וְכוּ'", פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "זָאג מִיר, פַּרְנָסָה הָאסְטוּ?" עֶנְטְפֶערְט עֶר: "נֵיין", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "הֶער מִיךְ צוּ, דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס אִיז דַיין אֱמֶת"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ אַלֶע תְּפִילוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמה, יח): "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו", אָבֶּער נָאךְ

מֶער נֶעמְט דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִי תְּפִילוֹת וָואס אִיז מִיט אַן אֱמֶת - "לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶס לִיגְט אִים אוֹיפְן הַארְצְן, וַוייל דִי תְּפִילוֹת וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן הַארְץ, דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אייבֶּערְשְׁטְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית טז.) אַז וֶוען עֶס אִיז דָא אַן עֲצִירַת גְּשָׁמִים, אוּן מֶען מַאכְט אַן עֲצֶרֶת תְּפִילָה זָאל מֶען נֶעמֶען פַארְ'ן שְׁלִיחַ צִיבּוּר אַזַא אײנֶער וָואס אִיז "מְטוּפָּל וְאֵין לוֹ", אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אַ זָקֵן וְחָכָם, אוּן רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט, אַז דֶער טַעַם אִיז, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער, אוּן עֶר דַארְף זֵיי מְפַרְנֵס זַיין, אַזַא מֶענְטְשׁ דַאוְונְט פוּן דִי טִיפֶענִישׁ פוּן זַיין הַארְץ, עֶר שְׁרַייט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, אוּן בַּיים אייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ אִים אוּן וַויינְט זִיךְ אוֹיס, אוּן עֶר בֶּעט פַאר אַ יְשׁוּעָה.

אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט (פָּרָשַׁת בָּלָק, קצה.) אַז וֶוען אַן אָרִימַאן קוּמְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה, עֶר טַעְנָה'ט מִיטְן אייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וַוארְטְן אוֹיף עֶסְן אוּן עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן, זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אַז דֶער תְּפִילָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אייבֶּערְשְׁטְן - מֶער פוּן אַלֶע תְּפִילוֹת, עַיֵין שָׁם.

דֶערְפַאר, וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ רֶעדְסְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אוּן דוּ בֶּעטְסְט

אִים פַּרְנָסָה; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען זֶען אֵיין זַאךְ: 'נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי זַאךְ פוּן תְּפִילָה', צִי אַזוֹי צִי אַזוֹי - דָאס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה, וַוייל ווִי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז עֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פד): "דַּע, שֶׁעִקָּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת לַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הִיא עַל יְדֵי תְּפִילָה", דוּרְךְ תְּפִילָה ווֶערְט אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע ווֶעגְן.

## עה

### מַיין זוּן פַאלְט פוּן אִידִישְׁקֵייט, ווִי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ בַּאגֵיין מִיט אִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זוּן, בְּנִי בְּכוֹרִי, הָאט אַבִּיסְל נָאכְגֶעלָאזְט פוּן זַיין אִידִישְׁקֵייט רַחְמָנָא לִצְלָן, עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיין סְמַארְט פָאוּן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ אַוֶועק גֶעפָארְן. לֶעצְטְנְס אִיז עֶר זִיךְ אַבִּיסְל מְחַזֵּק, עֶר קוּמְט אַרַיין אוּן עֶר לֶערְנְט אַבִּיסְל מִיט מִיר, אוּן נָאךְ פַארְשִׁידֶענֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ ווֵייס נִישְׁט.

הַיינְט נַאכְט דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַז עֶר מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים, וָואס רֶעכְנְט אַרַיין אוֹיךְ חַבֶר'טֶעס רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאבְּן פַארְשְׁטֶעלְט אֵיינֶע פוּן דִי מֵיידְלֶעךְ אוּן זֵיי זֶענֶען אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ ... דִי בְּלוּט אִיז

מִיר אַרוֹיף אִין קָאפּ, דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַזַא עֵצָה אַזוֹי וִוי בִּלְעָם הָרָשָׁע בְּשַׁעְתּוֹ לִפְרוֹץ גִּדְרֵי קְדוּשָּׁה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

אִיךְ הָאבּ אִים אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, אִיךְ וִויל אִים נִישְׁט מְרַחֵק זַיין. ווייל אִיךְ אַיידְ פְּרֶעגְן וָואס אִיר זָאגְט וֶועגְן דֶעם? וָואס זָאל זַיין מַיין בַּאצִיאוּנְג צוּ אִים בִּכְלַל?

מַיין וֵוייטָאג אִיז גָאר גְרוֹיס, עֶס גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ אַ טָאג וָואס אִיךְ דַאוְון נִישְׁט פַאר אִים, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶע אִיךְ אַ גְרוֹיסֶער הֶסְתֵּר, אוּן אִיךְ זֶע נִישְׁט בַּיי אִים קַיין עֶרְנְסְטֶע טְרִיט אוֹיף צוּרִיק.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָואס** זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו, אוּן אִיךְ הָאבּ מִיט גֶעוֵויינְט מִיט דִיר; דוּ פְּרֶעגְסְט מִיר וִוי אַזוֹי דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט אִים, אַוַדַאי זָאלְסְטוּ אִים נִישְׁט מְרַחֵק זַיין, ווייל עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע זַאךְ פַאר עֶלְטֶערְן צוּ מְקַרֵב זַיין אַ קִינְד וֶוען מֶען זֶעט וִוי עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי דִי תּוֹרָה הֵייסְט, מֶען זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן פוּן דִי צַעַר וָואס עֶלְטֶערְן הָאבְּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי זֵייעֶר'ס אַ קִינְד גֵייט אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען ווִיל תַּכְלִית, אוֹיבּ מֶען

ווייל אֱמֶת, מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע כָּבוֹד וְכַדוֹמֶה אוּן מֶען אִיז מְקַרֵב דֶעם קִינְד ווִי אַזוֹי עֶר אִיז, קֶען מֶען בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זוֹכֶה זַיין מִיט דִי צַייט אַז דָאס קִינְד וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן וְכוּ'.

עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמָר הֶחָכָם: "הַסֵּבֶל - תַּחְבּוּלָה, לְמִי שֶׁאֵין לוֹ תַחְבֻּלָּה", גֶעדוּלְד אִיז דִי וֶועג, פַאר וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט קַיין וֶועג; מִיט סַבְלָנוּת קוּמְט מֶען אָן, מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מִיר דַארְפְן ווִיסְן אַז מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, "אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא (דְּבָרִים לב, ד)", מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (בְּרָכוֹת י.) אַז וֶוען יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אִיז גֶעקוּמֶען זָאגְן פַאר חִזְקִיָהוּ הַמֶּלֶךְ דִי נְבוּאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן, הָאט חִזְקִיָהוּ הַמֶּלֶךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס?" הָאט אִים יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעזָאגְט: "דְלֹא עָסַקְתָּ בִּפְרִיָּה וּרְבִיָּה", ווַייל דוּ הָאסְט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאט חִזְקִיָהוּ הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט פַאר יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא: "דוּ וֵוייסְט פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט? ווַייל אִיךְ זֶע בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ אַז אִיךְ גֵיי הָאבְּן אַ קִינְד וָואס גֵייט אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה", הָאט אִים יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא גֶעעֶנְטְפֶערְט: "בַּהֲדֵי כַּבְשֵׁי דְּרַחְמָנָא לָמָּה לָךְ?!" וָואס הָאסְטוּ מִיט דִי בַּאהַאלְטֶענֶע וֶועגְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ דַארְפְּסְט טוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן טוּן, אוּן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל טוּן זָאל עֶר טוּן; שְׁטֵייט ווַייטֶער

דָארְט, אַז לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְן לֶעבְּן, עַיֵין שָׁם.

**אִין** דֶעם חַזַ"ל לִיגְט זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק; וַוייל מֶען זֶעט פוּן דָא אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶר אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ הֵייבְּט אַ מֶענְטְשׁ אָן צוּ טְרַאכְטְן אַלֶע נֶעגֶעטִיוֶוע מַחְשָׁבוֹת: "וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג", "פַארְוָואס דַארְף אִיךְ בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער" וְכוּ' וְכוּ', לֶערְנֶען אוּנְז דָא חַזַ"ל אַז מִיר דַארְפְן טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, דַארְפְן מִיר דָאס טוּן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מִיר טוּעֶן זַיין רָצוֹן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ מֶענְטְשׁ זָאל מִתְפַּלֵל זַיין עֶר זָאל הָאבְּן אַסַאךְ קִינְדֶער, אוּן אֲפִילוּ אַז עֶר וֵוייסְט קְלָאר אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה רַחְמָנָא לִצְלָן, זָאל עֶר בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט זֵיי אַלֶע צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט צוּ מְרַחֵק זַיין קַיין קִינְדֶער, אוּן אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְכוּ' דַארְף מֶען זֵיי מְקַרֵב זַיין; מֶען מֶעג זֵיי זָאגְן מוּסָר, אָבֶּער נָאר אוֹיף דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'מוּסָר'ט דִי אִידְן נָאכְדֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיטְ'ן חֵטְא הָעֵגֶל. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה

זָאגְן (גִיטִין לו:): אַז וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען פוּן הִימְל, אוּן גֶעזֶען וִוי דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט דֶעם עֵגֶל אוּן זֵיי הָאבְּן עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף דִי דְרֵיי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, הָאט זֵיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט: "עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאךְ אַלְץ לִיבּ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים א, יב): "נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ", וְלֹא כְּתִיב הִסְרִיחַ; נָאר אוֹיף דֶעם וֶועג מֶעג מֶען גֶעבְּן מוּסָר, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח) אַז נָאר אֵיינֶער וָואס קֶען גֶעבְּן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶע'מוּסָר'ט דִי אִידְן - נָאר עֶר מֶעג גֶעבְּן מוּסָר. אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין סַבְלָנוּת, מֶען אִיז מְרַחֵק אַ קִינְד וָואס גֵייט נִישְׁט אוֹיפְן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, קֶען מֶען אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן דֶעם קִינְד חַס וְשָׁלוֹם.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ דַאוְונְסְט יֶעדְן טָאג, אוּן דוּ זֶעסְט נִישְׁט וִוי עֶס הֶעלְפְט; לֵיין אִיבֶּער דִי בְּרִיוו וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז לֶעצְטְנְס אִיז עֶר זִיךְ אַבִּיסְל מְחַזֵק אוּן עֶר לֶערְנְט מִיט דִיר אַבִּיסְל. שְׁרַייבְּסְטוּ דָאךְ אַלֵיינְס אַז דוּ זֶעסְט אַ שִׁינּוּי לְטוֹבָה, דָאס דַארְף דִיר זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין אַז דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער דַאוְוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן.

אִיךְ וֵויים אַז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קוּקְן אוֹיף דָאס בִּיסְל וָואס עֶר קוּמְט לֶערְנֶען אַנְטְקֶעגְן דִי גְרֶעסֶערֶע חֵלֶק וָואס עֶר דַארְף נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן וְכוּ', אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע תְּפִילָה הֶעלְפְט, נָאר מֶען דַארְף הָאבְּן

אויף תְּפִילָה זֵייעֶר אַסאךְ סַבְלָנוּת, און גֶעדֶענְקֶען דֶעם מַאֲמָר הַחָכָם: "מִי שֶׁשָּׂם הַסֵּבֶל תַּכְלִיתוֹ, יַגִּיעֵהוּ הַסֵּבֶל אֶל חֶפְצוֹ", וֶוער עֶס הָאט גֶעדוּלְד, וֶועט צוּם סוֹף אָנְקוּמֶען צוּ וָואס עֶר וויל; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע עֵצָה בָּזֶה הָעוֹלָם וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט וִוי עֶס לוֹיפְן אִים נָאךְ שְׁוֶועריְקַייטְן - נָאר צוּ אַנְטְלוֹיפְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער און וֵויינֶען צוּ אִים טָאג נָאךְ טָאג, וָואךְ נָאךְ וָואךְ, אָן אַן אוֹיפְהֶער.

**עֶס** גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס מֶענְטְשְׁן רוּפְן מִיר נִישְׁט אָן וֵויינֶען וֶועגְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער - סֵיי בָּחוּרִים און סֵיי מֵיידְלֶעךְ וָואס פַאלְן אַוֶועק מִדֶּרֶךְ הַתּוֹרָה, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; מֶען בֶּעט מִיר צִי אִיךְ קֶען רֶעדְן צוּ זֵייעֶר קִינְד וֶוען דֶער קִינְד וויל שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן פוּן גָארְנִישְׁט.

**עֶלְטֶערְן** דַארְפְן רֶעדְן צוּם קִינְד און אִים מְחַזֵּק זַיין וֶוען עֶר וויל נָאךְ הֶערְן, און אִים אוֹיסְהֶערְן וֶוען עֶר וויל נָאךְ רֶעדְן. נִישְׁט מֶען זָאל אִים זָאגְן: "דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין חִיזּוּק", "דוּ דַארְפְסְט לֶערְנֶען מֶער וִויפִיל דוּ קֶענְסְט", וְכַדּוֹמֶה.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעעֶפֶנְט דִי יְשִׁיבָה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה" פַאר צֶען יָאר צוּרִיק; שׁוֹין צֶען יָאר וָואס אִיךְ לֶערְן מִיט בָּחוּרִים און אִיךְ בִּין זֵיי מְחַזֵּק. דֶער מְצִיאוּת אִיז אַז מֶען קֶען נָאר רֶעדְן צוּ אֵיינֶער וָואס וויל הֶערְן, אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, רצח.): "זַכָּאָה מַאן דְּמַלִּיל עַל אוּדְנִין דְּשָׁמְעִין", ווארויל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּ אוֹיעֶרְן וָואס ווילְן הֶערְן;

זַייעֶר אַסַאךְ מָאל זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן אַלֵיינְס שׁוּלְדִיג, וַוייל וֶוען דָאס קִינְד הָאט נָאךְ גֶעוָואלְט הֶערְן חִיזוּק, דֶער קִינְד הָאט גֶעוָואלְט זַיין גוּט, הָאט מֶען גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין חִיזוּק", "מַאךְ דִיךְ נִישְׁט מְשׁוּגָע", אוּן וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶעעֶן שְׁפֶּעטֶער ווִי דֶער קִינְד אִיז שׁוֹין אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֶעפַאלְן, דֶעמָאלְט וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף, דֶעמָאלְט ווִיל מֶען אִים מְחַזֵק זַיין, אָבֶּער דֶעמָאלְט ווִיל שׁוֹין נִישְׁט דֶער קִינְד הֶערְן.

**עֶס** אִיז זַייעֶר ווַייטָאגְלִיךְ וֶוען עֶלְטֶערְן רוּפְן מִיר אָן צִי אִיךְ קֶען רֶעדְן מִיט זַייעֶר קִינְד, וֶוען דִי זֶעלְבֶּע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעוָוארְנְט דֶעם קִינְד אַז אוֹיבּ וֶועט מֶען אִים כַאפְּן הָאבְּן שַׁייכוּת מִיט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר וֶועט זַיין אַחַת דָתוֹ, נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער קִינְד קֶען שׁוֹין נִישְׁט אָנְגֵיין אוּן עֶר פַאלְט אַרָאפּ, דֶעמָאלְט אִיז מֶען שׁוֹין מַסְכִּים וְכוּ', אָבֶּער דֶער קִינְד דַארְף אוֹיךְ וֶועלְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶס זָאל בְּקָרוֹב אַרַיין גֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין דַיין זוּן דֶער בְּכוֹר, אָמֵן.

# עו

## ווי אַזוֹי קֶען מֶען אָפְּהִיטְן דִי קִינְדֶער אִין אוּמַאן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' גְעוֶועֶן דָאס יָאר אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט. אִיךְ הָאף צוּ בְּרֶענְגֶען קוּמֶענְדִיגֶע יָאר מַיינֶע דְרֵיי גְרוֹיסֶע אִינְגְלֶעךְ.

אִיךְ בִּין אָבֶּער זֵייעֶר נֶערְוֶועז וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט אִין דִי גַאסְן דָארְט פַאר יוֹם טוֹב אוּן אוֹיךְ דוּרְכְאוֹיס יוֹם טוֹב, אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווי אַזוֹי מֶען קֶען בִּכְלַל בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין אוּמַאן, אַז זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן דָארְטְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וַוייל** אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶועְן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָׁנָה.

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רט): "אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן", אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע בְּרֶען אוּן מִיט אַ הִתְלַהֲבוּת.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז וָואס עֶלְטֶערְן גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער - קֶען קֵיינֶער נִישְׁט גֶעבְּן, אוּן חִינוּךְ וָואס קִינְדֶער בַּאקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט; וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים וָואס לֶערְנֶען בַּיי מִיר אִין יְשִׁיבָה יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן מִידוֹת טוֹבוֹת, זֶע אִיךְ, אַז דִי בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען פוּן גֶעזוּנְטֶע שְׁטוּבֶּער וואו מֶען הָאט זֵיי מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען - אִיז גְרִינְגֶער צוּ אַרְבֶּעטְן וִוי מִיט בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטוּבֶּער וָואס קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען.

**גֶעבּ** אַ קוּק לְמָשָׁל ׳נֶעגְל וַואסֶער׳; עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער אָפְּצוּגִיסְן ׳נֶעגְל וַואסֶער׳, דִי טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֶענֶען שְׁטַארְק מַקְפִּיד אוֹיף דֶעם אוּן זֵיי זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט יֶעדֶע נַאכְט פַאר דִי קִינְדֶער: ״קִינְדֶער, אָנְגְרֵייטְן ׳נֶעגְל וַואסֶער׳ אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע״, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אוּן זֵיי וֶועלְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן ׳נֶעגְל וַואסֶער׳. אוּן דָאס זֶעלְבֶּע אִיז פַארְקֶערְט; קִינְדֶער וָואס זֶענֶען אוֹיף גֶעוַואקְסְן אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען וֵייסְט נִישְׁט פוּן קֵיין ׳נֶעגְל וַואסֶער׳ צוּ זָאגְן, דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אָפְּגִיסְן קֵיין נֶעגְל וַואסֶער. אִיךְ זֶע עֶס אִין קֶעמְפּ וֶוען אִיךְ לֵייג שְׁלָאפְן דִי בָּחוּרִים, וִויפִיל אִיךְ זָאל זִיךְ בֶּעטְן בַּיי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער אִיז עֶס וִוי דוּ רֶעדְסְט צוּ טוֹיבֶּע אוֹיעֶרְן, עֶר קוּקְט דִיר אָן וִוי אֵיינֶער וָואס רֶעדְט זַאכְן פוּן דִי לְבָנָה, וַוייל עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי

זַיינֶע עֶלְטֶערְן, מַה שֶּׁאֵין כֵּן דִי בָּחוּרִים וָואס בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ גִיסְט מֶען זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער, צוּ זֵיי קֶען מֶען רֶעדְן, זֵיי קֶען מֶען מְחַזֵּק זַיין וְכוּ', אוּן אַזוֹי אִיז אִין יֶעדֶע פְּרַט.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל מֶען זָאל אִים רוּפְן מִיט זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען 'רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא', פַארְוָואס? וַוייל זַיין עִיקָר יִרְאַת שָׁמַיִם הָאט עֶר גֶענוּמֶען פוּן זַיין מַאמֶע. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן הָאט זִי גְלַייךְ אָפְּגֶעוָאשְׁן דֶעם רֶבִּי'ן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן אוֹיךְ הָאט זִי גֶענֵייט אַ קַאפְּל בִּשְׁעַת זִי הָאט גֶעוַוארְט דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן זִי הָאט אָנְגֶעטוֹן דֶעם רֶבִּי'ן מִיט אַ קַאפְּל גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן. אַזוֹי אוֹיךְ פְלֶעגְט זִי נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיטְ'ן קֶערִידְזְשׁ אוּן גֵיין צוּם צִיּוּן פוּן אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִתְפַּלֵּל זַיין דָארְט; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וָואס עֶלְטֶערְן גֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער קֶען קֵיינֶער אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט גֶעבְּן.

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, ווִי לְמָשָׁל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן; אַ קִינְד וָואס וַואקְסְט אוֹיף אִין אַ שְׁטוּבּ וָואס אַלֶעס וֶוערְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט וֶוען מֶען דַארְף גֵיין דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אַזַא קִינְד וֶועט אוֹיךְ גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג. אוּן אַ טַאטֶע וָואס גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ, וֶועט זַיין קִינְד אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין דַאוֶוענֶען, אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט זָאגְן

פַארְ'ן בָּחוּר: "גֵיי דַאוֶוענֶען", ווַייל עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ אַז טַאטִי דַאוְונְט נִישְׁט וְכוּ'.

**אִיךְ** קֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן וָואס אַ בָּחוּר הָאט מִיר גֶעזָאגְט יָארְן צוּרִיק: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּב וואוּ יֶעדֶער דַאוְונְט, אִיךְ קוּם פוּן אַ שְׁטוּב וואוּ מֶען דַאוְונְט נִישְׁט; מַיין טַאטֶע טוּט אָן תְּפִילִין אִין שְׁטוּב, עֶר גֵייט נִישְׁט אִין שׁוּל אַ גַאנְצֶע וָואךְ - נָאר שַׁבָּת (נִישְׁט צוּם דַאוֶוענֶען, נָאר צוּ דִי חֲבֵרִים, טְרִינְקֶען וְכוּ'), מַיין טַאטֶע טוּט אָן תְּפִילִין וֶוען עֶר אִיז נָאךְ מִיט דִי אוּנְטֶער וֶועשׁ, פַארְוָואס שְׁרֵייט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף מִיר וֶוען אִיךְ דַאוְון נִישְׁט?"

**דֶערְפַאר,** אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייְדְט אִין דִי גַאסְן פַאר יוֹם טוֹב אוּן אוֹיךְ אוּם יוֹם טוֹב, אוּן דוּ זָארְגְסְט זִיךְ וֶועגְן דַיינֶע קִינְדֶער; וָואס ווִילְסְטוּ פוּן דַיינֶע קִינְדֶער וֶוען דוּ אַלֵיינְס דְרֵייסְט זִיךְ אַרוּם אִין אַלֶע גַאסְן וְכוּ'? אַז דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דוּ וֶועסְט אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט אִין אוּמַאן, דֶעמָאלְט וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער דִיר נָאכְמַאכְן אוּן אוֹיךְ אוֹיסְנִיצְן דִי צַייט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ עֶנְטְפֶער דִיר וְכוּ', וֶוען דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין אַלֶע גַאסְן ה' יְרַחֵם בִּשְׁעַת אַלֶע גַאסְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעלַאסְן וְכוּ'; חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס, אַז

מֶען פִּירְט זִיךְ אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען אוּן מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי קִינְדֶער ווֶעלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב צוּ מְחַנֵךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, פּוּנְקְט ווִי אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת אוּן זָאגְן 'תִיקוּן חֲצוֹת'"; ווַייל אַז מֶען ווִיל אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת זָאגְן תִיקוּן חֲצוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְּרִי, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעווָאלְט גֵיין שְׁלָאפְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים, ווַייל עֶר הָאט זֵיי גֶעווָאלְט מְחַנֵךְ זַיין, עֶר הָאט גֶעווָאלְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ מַאכְן נָאךְ בְּרָכוֹת, אוּן אָנְגֶרֵייטְן נֶעגְל ווַאסֶער וְכַדוֹמֶה. ווַייל אַ קִינְד ווָאס זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים שֵׁיינֶערְהֵייט דֶערְמַאנְט נַאכְט נָאךְ נַאכְט צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אִים אִיז גְרִינְגֶער דָאס צוּ טוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. אַווַדַאי דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ חִיזוּק, אוּן יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט אַ יֵצֶר הָרַע וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ אִיז דִי יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אִידִישְׁקֵייט אַיינְגֶעבַּאקְן אִין הַארְצְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע ווֶעגְן.

# עז

## ווי אַזוֹי בְּרֶענְגְט מֶען אַריין אִין קִינְדֶער אַ גֶעשְׁמַאק אִין אִידִישְׁקֵייט?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כִּתָּה ט' מְלַמֵּד אִין אַ מוֹסָד אִין בָּארָא פַּארְק, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ רֶעדְן אַסַאךְ צוּ דִי קִינְדֶער מוּסָר און הִתְעוֹרְרוּת, אוֹיךְ רֶעד אִיךְ אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה און אֱמוּנַת צַדִיקִים. לוֹיט וִויפִיל עֶס אִיז עֶרְלוֹיבְּט אִין דִי מוֹסָד.

אִיךְ שְׁמוּעֶס אַסַאךְ מִיט דִי קִינְדֶער, און אֵיין זַאךְ טוּט מִיר מוֹרָא'דִיג וֵויי, אִיךְ זֶע אַז אֲפִילוּ דִי גָאר גוּטֶע און עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז אִידִישְׁקֵייט אִיז אַ פְּרֶעשׁוּר'דִיגֶע זַאךְ, זֵיי זָאגְן אָפְן אַז זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶעפְּרֵיידְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין עוֹל, נָאר זֵיי פַארְשְׁטֵייעֶן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה.

פַארְוָואס שְׁפִּירְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער אַ שְׁטָאלְץ צוּ זַיין אַ אִיד? און ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין זֵיי יָא צוּ שְׁפִּירְן אַז זֵיי זֶענֶען הֶעכֶער ווִי אַ גוֹי, און נִישְׁט מֵיינֶען אַז דֶער גוֹי הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן?

אִיךְ דַאוְון פוּן צַייט צוּ צַייט אִין אַ גֶעווִיסֶע שׁוּל אִין מַיין גֶעגֶענְט, און אֲפִילוּ דִי מִתְפַּלְלִים דָארְט זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי פְרוּם ווִי אִיךְ בִּין, אָבֶער אִיךְ זֶע אַז זֵיי שְׁפִּירְן זִיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס מִיט זֵייעֶר אִידִישְׁקֵייט מַמָּשׁ לְהַפְלִיא (לְדֻגְמָא וֶוען אֵיינֶער הָאט אַ קִינְד פְּרֵייעֶן זִיךְ אַלֶע און יֶעדֶער זָאגְט "בָּרוּךְ ה' נָאךְ אַ אִיד אוֹיף דִי וֶועלְט". סוּכּוֹת מַאכְט מֶען אַ גַאנְצֶע טְרַאסְק פוּן דִי לוּלָב אַז דִיזָן נֶצַח, אִידְן זֶענֶען דִי גֶעווִינֶער. און אַזוֹי בַּיי יֶעדֶע פְּרַט) אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס עֶס מַאכְט זֵיי פִילְן אַזוֹי שְׁטַארְק, און פַארְוָואס בַּיי אוּנְז אִיז דָאס נִישְׁט דָא?

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

איך הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְן פָּסוּק (דָּנִיֵּאל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים" - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִינוֹקוֹת, אַ מְלַמֵד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס, פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵד; בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אַ מְלַמֵד נִישְׁט אַזַא חָשׁוּבֶ'ע שְׁטֶעלֶע, נִישְׁט נָאר בַּיי סְתַם מֶענְטְשְׁן אִיז אַ מְלַמֵד אַרָאפּ גֶעקוּקְט, נָאר בַּיי דֶעם מְלַמֵד אַלֵיינְס אִיז דָאס גַאנְצֶע מְלַמְדוּת אַן אַרָאפְּגֶעקוּקְטֶע זַאךְ. דִי מְלַמְדִים קוּמֶען אִין חֵדֶר זַייעֶנְדִיג זֵייעֶר אַרָאפּ גֶעקְלַאפְּט בַּיי זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן אַזַא אַרְבֶּעט וְכוּ', אָבֶער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מְלַמְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן אַן אַחְרַיוּת'דִיגֶע אַרְבֶּעט, וַוייל אַ מְלַמֵד קֶען אוֹיפְהֵייבְּן קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן פַאר זֵייעֶר גַאנְצְן לֶעבְּן, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ - עֶר קֶען נֶעמֶען אַ קִינְד אוּן אִים אַזוֹי אַרָאפּ קְלַאפְּן, אַז דֶער קִינְד זָאל בְּלַייבְּן אַ צֶעקְלַאפְּטֶע נְשָׁמָה אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

**מוֹהֲרַ"אשׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְלַמְדִים, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ סְפָרִים פַאר מְלַמְדִים - סֵיי זֵיי מְחַזֵק צוּ זַיין

זיי זָאלְן וויסְן אַז זֵיי הָאבְּן דִי חָשוּבְ'סְטֶע אַרְבֶּעט, און פון די אַנְדֶערֶע זַייט זֵיי זָאלְן וויסְן ווִי הַארְבּ עֶס אִיז צוּ זַיין אַ מְלַמֵד, אוֹיבּ טוּט מֶען נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

**דֶערְפַּאר** זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶה זַיין און זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צב): "אָמַר רַב שֵׁשֶׁת כָּל הַמְלַמֵד תּוֹרָה בָּעוֹלָם הַזֶה, זוֹכֶה וּמְלַמְדָה לָעוֹלָם הַבָּא", דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה פַּאר תַּלְמִידִים אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען בָּעוֹלָם הַבָּא, און מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן, שֶׁנֶאֱמַר (מִשְׁלֵי יא, כו): "וּבְרָכָה לְרֹאשׁ מַשְׁבִּיר", עַיֵין שָׁם.

**דֶעם** פַּארְגַאנְגֶענֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת (כ"ד תִּשְׁרֵי) אִיז גֶעוֶוען דִי יָארְצַייט פון הָרַב הַקָדוֹשׁ מְרִיבְּנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; בַּיי מְלַוֶה מַלְכָּה הָאבּ אִיךְ פָּארְגֶעלֵיינְט ווּאנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פון דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק און אֵיין מַעֲשֶׂה אִיז מִיר זֵייעֶר אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי אַז מֶען הָאט אַנְטְדֶעקְט בַּיי אִים אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחְלָה לֹא עָלֵינוּ, און דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אוֹיף זַיין לֶעבְּן. עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַּאר אַ בְּרָכָה אָבֶּער דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט פון אִים. דֶער אִיד אִיז אַרוֹיס בְּפַחֵי נֶפֶשׁ, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז מֶער נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן, דִי גַבָּאִים הָאבְּן זֵייעֶר רַחְמָנוּת גֶעהַאט

אוֹיף דֶעם אִיד, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעפַאנְגֶען מוּטְשֶׁען דֶעם צַדִיק עֶר זָאל גֶעבְּן אַ בְּרָכָה פַאר דֶעם אִיד, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, דֶער אִיד אִיז אַ מְלַמֵד פַאר קִינְדֶער שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר", הָאט דֶער צַדִיק זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט אוּן גֶעפְרֶעגְט: "עֶר אִיז אַ מְלַמֵד?" הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט פַארְ'ן צַדִיק: "יָא, עֶר אִיז אַ מְלַמֵד, אוּן עֶר דַארְף אַ רְפוּאָה". דֶער רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיס גֶעלָאפְן אוֹיפְן גַאס, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען נָאךְ לוֹיפְן דֶעם אִיד בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְן, אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: "אִיר זֶענְט אַ מְלַמֵד שׁוֹין צְוָואנְצִיג יָאר?" זָאגְט דֶער אִיד: "יָא", פְרֶעגְט אִים דֶער צַדִיק: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט וֶוערְן גֶעזוּנְט, וֶועסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין פַאר נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער?" זָאגְט דֶער אִיד: "יָא; אִיךְ זָאג צוּ אַז אוֹיבּ אִיךְ וֶועל גֶעזוּנְט גֵיי אִיךְ צוּרִיק אִין חֵדֶר פַאר נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר", הֶערְנְדִיג דָאס הָאט אִים דֶער רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן אַ בְּרָכָה; דֶער אִיד אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵד פַאר נָאךְ צְוָואנְצִיג יָאר; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵד.

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד פַאר תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן שֶׁלֹא טָעֲמוּ טַעַם חֵטְא; פוּן אֵיין זַייט אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן חָשׁוּב צוּ זַיין אַ מְלַמֵד, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי קִינְדֶער. גֶעבּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען קַיין שׁוּם קִינְד, בִּפְרַט דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶער, וָואס בְּדֶרֶךְ כְּלַל טְשֶׁעפֶּעט מֶען זֵיי אוּן מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי

- ווייל מֶען וֵוייסְט אַז קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט פָאְרהַאלְטְן וְכוּ',
זֵיי דַארְף מֶען מְחַזֵק זַיין אוּן גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער יֶעדְן טָאג
אָן אַ שִׁיעוּר.

אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מוֹהַרָא"שׁ וָואס אִיךְ זָאל טוּן מִיט דִי בָּחוּרִים וָואס דִי עֶלְטֶערְן ווילְן נִישְׁט צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, צִי אִיךְ זָאל אַהֵיים שִׁיקְן דִי בָּחוּרִים, הָאט מוֹהַרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַהֵיים שִׁיקְן אַ בָּחוּר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן שְׂכַר לִימוּד פַאר דִי בָּחוּרִים"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער וָואס בְּרֶענְגֶען נִישְׁט קַיין טִיפְּס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן טִיפְּס פַאר דִי קִינְדֶער. וֶוען דוּ זֶעסְט קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן שִׁיקְן נִישְׁט קַיין טִיפְּס, זֵיי מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג פוּן דִיר, דָאס אַלֵיינְס דַארְף דִיר גֶעבְּן אַ שְׁטוּפּ צוּ טְרַאכְטְן אַז דִי קִינְדֶער דַארְף מֶען מֶער מְחַזֵק זַיין, ווייל דִי קִינְדֶער הָאבְּן עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג, שְׁרַייבְּן נִישְׁט קַיין צֶעטְלֶעךְ, מֶען הֶערְט נִישְׁט פוּן זֵיי וְכוּ' וְכוּ' אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען נִישְׁט קַיין חֲנוּכָּה גֶעלְט אוּן פּוּרִים גֶעלְט, דָאס דַארְף דִיר גֶעבְּן רַחְמָנוּת גֶעפִילְן אוֹיף דִי סָארְט קִינְדֶער אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ זָארְגְן פַאר זֵיי, אוּן זַיין ווִי אַ טַאטֶע פַאר זֵיי.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין יט:): "כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן חֲבֵרוֹ תּוֹרָה, מַעֲלֶה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִילוּ יְלָדוֹ"; פְּשַׁט דֶערְפוּן אִיז, אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אַ

צְוֵוייטְנְס קִינְד דַארְף טְרַאכְטְן בַּיי זִיךְ: 'דָאס אִיז מַיין קִינְד'; אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים. עֶס זֶענֶען דָא מְלַמְדִים רוֹצְחִים וָואס פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער, זֵיי שְׁלָאגְן, צִיפְּן וְכוּ'; זֵיי מֵיינֶען אַז עֶס אִיז הֶפְקֵר וֶועלְט, אָבֶער עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַפָּאר יָאר, אוּן נָאכְדֶעם בַּאצָאלְט מֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער בְּכֵפֶל כִּפְלַיִם.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר אַז דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער; קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט קַיין מַאשִׁינֶען וָואס דַארְפְן קוּמֶען אוּן גֵיין וִוי דִי 'לָאנְדֶענֶע סָאלְדַאטְן'. אַ קִינְד אִיז אַ קִינְד, אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי; וואוֹיל אִיז פַאר אַ מְלַמֵד וָואס גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף זַיינֶע תַּלְמִידִים אַזוֹי וִוי מֶען גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט אִים בַּאצָאלְן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער אַז מֶען וֶועט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַּע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים, נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וַוייל וֶוען מֶען הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִּיק וֶוערְט דָאס הַארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען

בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וֶוען מֶען זֶעט צוּ וָואס דֶער צַדִיק הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען וֶוען עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן מֶען וִויל אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק; בִּפְרַט אַז מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים פַאר קִינְדֶער הָאט דָאס אַ שְׁטַארְקֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיפְן קִינְד, וַוייל וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, וֶוערְט עֶר זַייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים; דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע פֵיגָא הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט דִי הוֹיז פוּן אִיר מַאמֶע - דִי צַדֶיקֶת אָדְל, דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹבְ'ס טָאכְטֶער, וָואס זִי הָאט גֶע'יַרְשְׁ'נְט דָאס הוֹיז פוּן אִיר טַאטֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִין דֶעם הוֹיז אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אוּן וֶוען דִי תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב פְלֶעגְן קוּמֶען קַיין מֶעזִיבּוּז צוּם צִיוּן פוּן זַייעֶר רֶבִּי - דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, פְלֶעגְן זֵיי אַרַיין גֵיין אִין הוֹיז פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי צַייטְן וָואס זֵיי פְלֶעגְן זַיין בַּיי זַייעֶר רֶבִּי אוּן זֵיי פְלֶעגְן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ פוּן זַייעֶר גְרוֹיסֶער רֶבִּי. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל דֶעמָאלְט, אוּן עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְהֶערְן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, דִי צַדִיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

**אֵיינְמָאל** הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אַז

זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז גֶעוֶוען זַייעֶר אַלְט בְּשָׁעַת זִי הָאט גֶעבּוֹירְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּן זִי אִיז גְלַייךְ נָאכְדֶעם נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ אוּן אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָשׁוֹן: "יִשְׂרָאֵלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט - כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס טַאטֶע.

אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אַלְט זַייעֶנְדִיג פִינְף יָאר גֶעוָוארְן אַ קֵיילֶעכְדִיגֶער יָתוֹם, אוּן אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיינְס אִין אַ גְרוֹיסֶע וֶועלְט. אָבֶּער עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטְנְ'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער: "יִשְׂרָאֵלִיק! זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר", אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיף גֶעוַואקְסְן, אוּן וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעדַארְפְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בִּיז אֵיינְמָאל שְׁפַּאצִירְט עֶר אִין פֶעלְד אוּן זִינְגְט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר זֶעט ווִי עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ אִיד מִיט אַ וַוייסֶע בָּארְד, אוּן דֶער אִיד שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן פְרֶעגְט אִים: "וָואס טוּסְטוּ דָא אַלֵיינְס אִין וַואלְד?" רוּפְט זִיךְ אָן צוּ אִים יִשְׂרָאֵלִיק: "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר", רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מֶענְטְשׁ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל, עֶר אִיז זַייעֶר הוֹיךְ, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט

דָא", אוּן עֶר לֵייגְט צוּ אַז עֶס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל ח, יב): "עָזַב ה' אֶת הָאָרֶץ". (וָואס בֶּאֱמֶת שְׁטֵייט דָארְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַזוֹי זָאגְן, אַזוֹי וִוי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט אִין דִי פִינְסְטֶערְנִישׁ, אוּן מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַזוֹי וִוי דִי וָואס זָאגְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז פַארְלָאזְט).

אוּן דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ רֶעדְן צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעכַאפְּט אַ צְוַוייג אוּן אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁלָאגְן, אוּן בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אַלְטְן טִיפֵּשׁ הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים צב, י): "יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן", אוּן פְּלוּצְלִינְג זֶעט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גָארְנִישְׁט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז פָּשׁוּט גֶעוֶוען אַן אוֹיגְן פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ פוּנֶעם ס"ם.

דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט וִוי מֶען דֶערְצֵיילְט דָאס אִין זַיין הוֹיז וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין אִינְגְל. גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַרַיין אִין אִים אַ מוֹרָא'דִיגֶער חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק, עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן: "גֶעוַואלְד! אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק! אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל דָאס נָאכְטוּן, אִיךְ וֶועל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק?" אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ וִויל אוֹיךְ

זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ׳ וְכוּ״. בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וֶוען אַ קִינְד הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, דָאס פְּלַאקֶערְט אִים אוֹיף זַיין הַארְץ צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מוּסָר מִיט זֵיי, הָאט דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט: ״יָא״, הָאט אִים דֶער צַאנְזֶער רָב גֶעפְרֶעגְט: ״וָואס פַאר אַ מוּסָר סְפָרִים לֶערְנְסְטוּ מִיט זֵיי?״ זָאגְט עֶר: ״חוֹבוֹת הַלְבָבוֹת״, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי״ע: ״נִישְׁט דָאס מַיין אִיךְ צוּ פְרֶעגְן, אִיךְ פְרֶעג צִי דוּ לֶערְנְסְט מוּסָר, צִי דוּ דֶערְצֵיילְסְט זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זי״ע אוּן פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ זוּשָׁא זי״ע״; וַוייל מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פֵייעֶרְט אוֹיף דָאס הַארְץ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶערְפַאר,** אַז דוּ פְרֶעגְסְט ווִי אַזוֹי מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער אֱמוּנָה אוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה, דָאס קוּמְט דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט זֵיי סִפּוּרֵי צַדִיקִים, ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט.

וְעַל כּוּלָם דַארְף אַ מְלַמֵד אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגִיסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן יִרְאֵי ה'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## עח

**אֵיינֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער שְׁטֶערְט זֵייעֶר דֶעם שַׁבָּת טִישׁ.**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ טַאטֶע פוּן 7 קִינְדֶער קֵיין עַיִן הָרַע, אוּן אִיךְ פָאלְג וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים ווִי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן זַייט דֶעמָאלְט שֶׁעפּ אִיךְ בָּרוּךְ ה' אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט אֵיינֶע פוּן מַיינֶע אִינְגְלֶעךְ, וָואס אִיז בְּעֶרֶךְ צֶען יָאר אַלְט. יֶעדְן שַׁבָּת בַּיים טִישׁ רֶעדְט עֶר הוֹיךְ, עֶר לָאזְט קֵיינֶעם נִישְׁט קוּמֶען צוּם וָוארְט אוּן עֶר שְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע גֶעשְׁמַאקְקֵייט פוּן דִי סְעוּדָה. וויפִיל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט - מִיט גוּטְן אָדֶער מִיט שְׁטְרֶענְגְן - הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט. וֶוען עֶר קוּמְט צוּם שַׁבָּת טִישׁ וֶוערְט עֶר אַרוֹיס פוּן קָאנְטְרָאל, אוּן דָאס נֶעמְט מִיר מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים.

אִיךְ וֶועל זַיין דַאנְקְבַּאר אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר שְׁרַייבְּן וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ו תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וְוייסְן** זָאלְסְטוּ אַז ווי יוּנְגֶער מֶען אִיז מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט מֶען הָאבְּן מֶער נַחַת פוּן זֵיי, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד דֶּרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג; זֵייעֶר אַסאךְ עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ טוֹעֶה מִיט דֶעם וָואס זֵיי טְרַאכְטְן אַז חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גְרֶעסֶער. עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען מֶען אִיז נָאךְ גָאר יוּנְג, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּאשַׁאפְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן, אוּן מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (צֶעטְל קָטָן, סִימָן טז): "הָאָדָם לֹא נִבְרָא, רַק לְשַׁבֵּר אֶת הַטֶּבַע", אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זַיינֶע מִידוֹת, אוּן עֶר זָאגְט (שָׁם) אַז דָאס אִיז גְרִינְגֶער צוּ טוּן וֶוען מֶען אִיז יוּנְג.

**עֶלְטֶערְן** דַארְפְן הֶעלְפְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת; דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים לֶערְנֶען אוּנְז אַז דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דֶּרֶךְ

אֶרֶץ, דָארְט טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְגֶעבְּן. צוּם בַּיישְׁפִּיל, וֶוען דֶער טַאטֶע זֶעט ווי דֶער קִינְד פָּאלְגְט נִישְׁט דִי מַאמֶע, דַארְף דֶער טַאטֶע זִיךְ שְׁטֶעלְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיף דֶעם, אוּן אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם קִינְד אַז מֶען דַארְף פָּאלְגְן מַאמִי; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ דֶער קִינְד הָאט זִיךְ מִתְחַצֵף גֶעוֶוען פַאר דִי מַאמֶע אָדֶער טַאטֶע, דַארְף מֶען אִים מְחַנֵךְ זַיין אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר אַ טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע.

**דָאס** אִיז א׳ ב׳ פוּן חִינוּךְ; אַ קִינְד דַארְף וויסְן אַז אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז אַ וָוארְט, נִישְׁט דָא קַיין וִיכּוּחִים, נִישְׁט דָא קַיין הֶסְבֵּרִים אוּן נִישְׁט דָא קַיין טַעֲמִים, וֶוען אַ קִינְד פְרֶעגְט: ״פַארְוָואס דַארְף אִיךְ דָאס טוּן?״ אִיז דֶער תִּירוּץ: ״וַוייל טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן אַזוֹי גֶעזָאגְט״, אָן קַיין פַארְוָואס אוּן אָן קַיין פַארְוֶוען; וואוּיל אִיז פַאר עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען מְחַנֵךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען יוּנְג.

**ווייסְן** זָאלְסְטוּ אַז וֶוען קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער הֶערְן זֵיי זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט צוּ צוּ וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי, נָאר ווִי יוּנְגֶער זֵיי זֶענֶען אַלְץ מֶער הֶערְן זֵיי אוֹיס; שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יג, כד): ״חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר״, וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין קִינְד זָאגְט אִים מוּסָר, אוּן וֶוער עֶס זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט פַיינְט זַיין קִינְד.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה א, א): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ זַיין קִינְד וַוייל עֶר שׁוֹינְט

אִים, זָאל עֶר וויסְן אַז דֶער קִינְד וֶועט צוּם סוֹף אַרָאפְּגֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג. אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ, וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי יִשְׁמָעֵאל קוּמְט אַהֵיים מִיט אַ גֶעטְשְׁקֶע, עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֲבוֹדָה זָרָה'ס, הָאט עֶר אִים גֶעשׁוֹינְט אוּן גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, בִּיז עֶר הָאט אִים גֶעדַארְפְט פַארְטְרַייבְּן פוּן שְׁטוּב עֶר זָאל נִישְׁט קַאלְיֶע מַאכְן זַיין בְּרוּדֶער יִצְחָק. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען מִיט עֵשָׂו; עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בְּרֵאשִׁית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו, כִּי צַיִד בְּפִיו", יִצְחָק הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו אוּן עֶר הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, צוּם סוֹף אִיז עֶר אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה. זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט נִישְׁט קַיין מוּסָר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, וֶועט עֶר חֲרָטָה הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער.

עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן דִי מִדְרָשׁ (פָּרָשַׁת שְׁמוֹת - רַבָּה א, א; תַּנְחוּמָא א), וֶועסְטוּ זֶען ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רֶעכֶענֶען אוֹיס נָאךְ מַעֲשִׂיּוֹת, פוּן אַבְשָׁלוֹם אוּן זַיין בְּרוּדֶער אֲדוֹנִיָּה וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זֵייעֶר טַאטֶע הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט קַיין מוּסָר, אוּן וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען מִיט זֵיי.

דֶער מִדְרָשׁ פִּירְט אוֹיס, אַז אַבְרָהָם הָאט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען יִצְחָק, אוּן יִצְחָק הָאט מְחַנֵּךְ גֶעוֶוען יַעֲקֹב אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, דוּרְכְדֶעם זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, אוּן מֶען הָאט גֶעהַאט פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת.

עֶלְטֶערְן טָארְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ; אַ טַאטֶע

דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אַז וֶוען אַ טַאטֶע רֶעדְט טָאר מֶען נִישְׁט אַרַיין רֶעדְן, אַ טַאטֶע דַארְף מְחַנֵךְ זַיין זַיינֶע קִינְדֶער, אַז וֶוען דֶער טַאטֶע קוּמְט אַרַיין אִין שְׁטוּב דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן.

עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס טְרַאכְטְן: 'עֶס פַּאסְט מִיר נִישְׁט צוּ פַארְלַאנְגֶען פוּן מַיינֶע קִינְדֶער מֶען זָאל מִיר מְכַבֵּד זַיין, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי לְכָבוֹד עַצְמוֹ אֲנִי דוֹרֵשׁ וְכוּ'', אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; וֶוער דֶען זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען פַארְ'ן קִינְד וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן? עֶס קוּמְט מִיר אוֹיס צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיט בָּחוּרִים, אוּן אַסַאךְ מָאל שְׁטֵיי אִיךְ אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ זֶעעֶנְדִיג וִוי קֵיינֶער הָאט זֵיי נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי א-ב פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, א-ב פוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ; עֶס זֶעט אַסַאךְ מָאל אוֹיס וִוי דִי קִינְדֶער זֶענֶען עַזוּת פְּנִימֶ'ער עֶר, עֶס אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט שׁוּלְדִיג אַז זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מְחַנֵךְ גֶעוֶוען.

בְּנוֹגֵעַ דַיין זוּן וָואס עֶר שְׁטֶערְט וְכוּ'; אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ קִינְד דַארְף אַסַאךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט (תְּשׂוּמַת לֵב) אוּן עֶר בַּאקוּמְט עֶס נִישְׁט הֵייבְּט עֶר אָן צוּ מַאכְן צָרוֹת פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען אַרוּם אִים כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט. דֶערְפַאר וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַ קִינְד דַארְף מֶער תְּשׂוּמַת לֵב, דַארְף מֶען אִים דָאס גֶעבְּן נָאךְ פַאר עֶר הֵייבְּט אָן שְׁטֶערְן. אַ קְלוּגֶער מְלַמֵד נֶעמְט דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען חֶבְרֶה לַייט אַז זֵיי זָאלְן אִים הֶעלְפְן, אַזוֹי שְׁפָּארְט עֶר

זִיךְ אַיין אַסַאךְ קָאפּ װיי, װַייל אֵיינְמָאל מֶען גֶעװאוּנְט זֵיי, מֶען װֶוערְט מִיט זֵיי אוֹיף אֵיין זַייט דֶעמָאלְט טוּישְׁט זִיךְ אַלֶעס און זֵיי זוכְן נָאר צוּ זַיין מִיט זֵייעֶר רֶבִּי אוֹיף אֵיין זַייט.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז אָן תְּפִילָה נוּצְט גָארְנִישְׁט, מֶען קֶען װִיסְן אַלֶע עֵצוֹת מִיט אַלֶע חָכְמוֹת אָבֶּער אָן תְּפִילָה, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ דַאװֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְווֹת.

**מוֹהַרָא"ש** הָאט אַמָאל דֶערְצֵיילְט, אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים זי"ע גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים װָאס אִיז גֶעװֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעװִיזְן פַאר דֶעם אִיד און אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם װאוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג װֵיינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער און קִינְדֶער װָאס װֶעלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי װֶועלְט.

## עט

**מַיין וַוייבּ טְשֶׁעפֶּעט מִיר און קוּקְט מִיר אַרָאפּ.**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ אַ מוֹרָא'דִיגֶע פְּרָאבְּלֶעם, מַיין וַוייבּ קוּמְט פוּן זֵייעֶר אַן אַרוֹיפְגֶעקוּקְטֶע מִשְׁפָּחָה, און זַייט אוּנְזֶער חֲתוּנָה - פַאר דִי לֶעצְטֶע צֶען יָאר - הַאלְט זִי אִין אֵיין זָאגְן אַז זִי אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן מִיט אַ נֶעבֶּעכְדִיגֶע מִשְׁפָּחָה, און זִי מַאכְט בְּסֵדֶר חוֹזֶק פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה בַּיי יֶעדֶע גֶעלֶעגְנְהֵייט, און עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

זִי גֵייט כִּמְעַט נִישְׁט צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִין דִי צַייט וָואס זִי זִיצְט אָפְּ גַאנְצֶע טֶעג בַּיי אִיר מִשְׁפָּחָה, און אִיךְ זָאג אִיר קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט.

לֶעצְטְנְס אִיז אִיר שְׁוֶועסְטֶער גֶעוָוארְן אַ שַׁדְכָנ'טֶע און זִי הָאט שׁוֹין אָנְגֶעטְרָאגְן אַפָּאר שִׁידוּכִים פַאר מַיין מִשְׁפָּחָה. און יֶעדֶעס מָאל וָואס אֵיינֶער זָאגְט אָפּ אַ שִׁידוּךְ, זָאגְט זִי פַאר מַיין וַוייבּ אַז קֵיינֶער וִויל זִיךְ נִישְׁט מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אוּנְז, און דָאס הֶעצְט נָאךְ מֶער אוֹיף מַיין וַוייבּ קֶעגְן מִיר. זִי מַאכְט מִיר פִילְן וִוי אִיךְ בִּין אַ נִידֶערִיגֶע קְלַאס מֶענְטְשׁ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אֵייעֶר הִילְף.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף שְׁלוֹם בַּיִת וֶוען מֶען הֶערְט נָאר אֵיין זַייט פוּן דִי מַעֲשֶׂה. אָבֶּער דָאס אִיז**

זיכֶער אַז דוּ דאַרפְסט זַיין אָפְן מִיט דַיין וַוייבּ. דוּ דַארְפְסְט איר זָאגְן אַז עֶס בַּאדֶערְט דיר זֵייעֶר וֶוען זִי מַאכְט אַוֶועק דַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ זָאגְסְט איר קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט וְכוּ׳, מִיט דֶעם בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶערֶעכְט, וַוייל אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט וֵוייסְט מֶען נִישְׁט.

**אַסאַך** מָאל לֶעבְּט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אִין זַיין חֲרֵיין פַּאר זִיבֶּעצִיג יָאר אוּן ווִי לַאנְג מֶען זָאגְט אִים נִישְׁט: ״ר׳ איִד, פַּארְוָואס לֶעבְּסְטוּ אַיינְגֶעגֶעסְן אִין חֲרֵיין וֶוען דוּ קֶענְסְט זִיךְ אַרַיין עֶסְן אִין אַ זִיסֶע פְּרוּכְט״ - וֵוייסְט מֶען נִישְׁט אַז מֶען לִיגְט אִין חֲרֵיין; אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען הָאט זֵיי פָּשׁוּט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וָואס שָׁלוֹם בַּיִת אִיז, מֶען הָאט אִים נָאר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַז דֶעמָאלְט קוֹיפְט מֶען אַזַא מַתָּנָה, אוּן דֶעמָאלְט זָאגְט מֶען יְיַשֵׁר כֹּחַ, אָבֶער מֶער פוּן דֶעם וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וָואס שָׁלוֹם בַּיִת אִיז.

**דֶער** יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אִיז צוּ זַיין אָפְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן; אוֹיבּ עֶפֶּעס טוּט וֵויי דַארְף מֶען זִיךְ אַדוּרְךְ רֶעדְן אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן. אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט, אָדֶער אֵיינֶער הָאט מוֹרָא פוּנֶעם צְוֵוייטְן צוּ רֶעדְן, אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

**אַסאַך** מָאל קוּמְט דֶער מַאן פוּן אַ מִשְׁפָּחָה וָואס דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט דָארְט אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן אִיז דוּרְךְ זִיךְ שְׁטֶעכְן (פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען לֵייגְט צוּ: ״אִיךְ מַאךְ נָאר אַ וִויץ״, ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוְויסְט אַז דוּ בִּיסְט

אַזאַ בֶּעיבִּי?") און די פְרוֹי קוּמְט פון אַ אֵיידֶעלֶע מִשְׁפָּחָה, אַ מִשְׁפָּחָה וואו מֶען רֶעדְט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אֵיינֶער צוּם צְווייטְן. יֶעצְט וָואס גֶעשֶׁעהְט וֶוען די פְרוֹי קֶען נִישְׁט נֶעמֶען די וֶועג וִוי אַזוֹי אִיר מַאן רֶעדְט, אָבֶּער זִי שֶׁעמְט זִיךְ צוּ רֶעדְן מִיט אִים וֶועגְן דֶעם, אָדֶער זִי הָאט מוֹרָא וְכוּ'? זִי עֶסְט זִיךְ אָן אִינֶעווייניג, בִּיז זִי אִיז מַחְלִיט: 'אִיךְ גֵיי מִיר אַהֵיים צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ קֶען נִישְׁט וואוֹינֶען מִיט אַזַא חַיָ' רָעָה'... אָבֶּער וֶוען די פְרוֹי וָואלְט וֶוען גֶערֶעדְט צוּ אִיר מַאן, און אִים גֶעזָאגְט שֵׁיינֶערְהֵייט: "מַיין טֵייעֶרֶער מַאן, עֶס בַּאדֶערְט מִיר וֶוען דוּ מַאכְסְט די וִוייץ אויף מִיר", "עֶס בַּאדֶערְט מִיר די וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט", "אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ דֶעם בְּרֵייטְן שְׁפְּרַאךְ", וָואלְט דֶער מַאן אִיר גֶעזָאגְט: "קוּק אַהֶער מַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אִיךְ קוּם פון אַ שְׁטוּבּ וואו מֶען דְזְשָׁאוּקְט זִיךְ אֵיינֶער אוֹיפְן צְווייטְן; אִיךְ גֵיי אַרְבֶּעטְן אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִוי אַזוֹי אִיךְ רֶעד צוּ דִיר, אָבֶּער אוֹיבּ אִיךְ רֶעד יָא בְּרֵייט וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ, נֶעם עֶס נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ, ווייל אִיךְ מֵיין נִישְׁט גָארְנִישְׁט", און עֶס וָואלְט גֶעוֶוען שָׁלוֹם עַל יִשְׂרָאֵל.

**אָבֶּער** אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט, אִיז זֵייעֶר נִישְׁט גוּט; זִי מֵיינְט אַז עֶר וִויל אִיר פְלִיקְן און עֶר מֵיינְט אַז זִי אִיז אַ בֶּעיבִּי און די שָׁלוֹם בַּיִת פְלַאצְט פַאר גָארְנִישְׁט און פַאר נִישְׁט. און בַּאלְד וֶועסְטוּ נָאךְ הֶערְן אִין שׁוּל וִוי מֶען רֶעדְט וֶועגְן זֵייעֶר גֶט, און מֶען זָאגְט: "נַא, זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶע'גֶט וֶועגְן שְׁטוּתִים, דָארְט אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען פְּרָאבְּלֶעמֶען", וֶוען

דִי גַאנְצֶע זַאךְ הָאט פַּאסִירְט נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶערֶעדְט צְווִישְׁן זִיךְ.

וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַּאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז עֶס אִיז דָא אִין שְׁטָאט אַ אִיד אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, מַמָּשׁ דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט רַעשְׁ'ט זִיךְ מִיט אִים, אוּן אֵיינֶע פוּן זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אִיז אַז עֶר אִיז אַ "שׁוֹתֵק" - עֶר שְׁוַוייגְט, עֶר רֶעדְט נִישְׁט, מַמָּשׁ מֶען הֶערְט נִישְׁט פוּן אִים קַיין אֵיין וָוארְט, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען טָארְף נִישְׁט שְׁוַוייגְן, מֶען זָאל יָא רֶעדְן, נָאר מֶען דַארְף וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נִישְׁט אַז מֶען זָאגְט קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט - אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַז מֶען רֶעדְט יָא, מֶען דַארְף נָאר וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט, עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַרוֹיס וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִים אוּן וָואס עֶס דְרוּקְט אִים, וֶוערְט עֶר מִיט דִי צַייט אָנְגֶעגֶעסְן אִין זִיךְ אוּן עֶס פְּלַאצְט נָאכְדֶעם אוֹיס זֵייעֶר נִישְׁט גוּט; זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל צֶעפַאלְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער נָאר וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט אוּן מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגֶעסְן אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן, בִּיז מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט מֶער אוּן מֶען הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט זֵייעֶר נִישְׁט שֵׁיין אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

וֶוען דַיין וַוייבּ בַּארֶעדְט דַיין מִשְׁפָּחָה זָאלְסְטוּ אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן: "בִּיסְט גֶערֶעכְט, מַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען שְׁוֶוערֶע

מֶענְטְשְׁן, אָבֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זַייעֶר מַיין טַייעֶרע וַוייבּ, זָאג עֶס נִישְׁט, ווייל יֶעדֶעס מָאל דוּ זָאגְסְט עֶס טוּט עֶס מִיר וֵויי וְכוּ'", וֶועסְטוּ זֶען אַז זִי וֶועט דִיר מֶער נִישְׁט צֶעקְלַאפְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵייזֶערְן אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס פַּאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרע קִינְדֶער לֶערְנֶען בַּיי מִיר"; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט אַ צְווייטְנְ'ס גֶעפִילְן.

מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן אַ צְווייטְנְ'ס מִשְׁפָּחָה אָדֶער חֲסִידוּת; אֵיינֶער וָואס טְשֶׁעפֶּעט אַ צְווייטְן מִיט זַיין טַאטֶע מַאמֶע, אָדֶער רֶבִּי וְכוּ' - כַאפְּט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעלֶערְנְט וָואס מֵיינְט גוּטֶע מִידוֹת, דֶערְפַאר מֵיינְט עֶר אֲנִי וְאַפְסִי - אִיךְ מִיט מַיין רֶבִּי מִיט מַיין מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גוּט, אוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ אִיז נִישְׁט חָשׁוּב.

מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז בַּיים הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע פוּן נַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זַיין מַאמֶע פְלֶעגְט אַרַיין קוּמֶען צוּ אִים אִין צִימֶער אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעדְן צוּ אִים אַנְטְקֶעגְן זַיין וַוייבּ כָּל דָבָר אָסוּר, הָאט אִיר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אוֹיסְגֶעהֶערְט, אוּן וֶוען זִי אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשָׁאקְלְט זַיין קַאפְּל אוּן אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען לֶערְנֶען. שְׁפֶּעטֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען דִי רֶעבִּיצִין אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "דַיין מַאמֶע אִיז דָא גֶעוֶוען, וָואס הָאט זִי גֶעוָואלְט? דַיין מַאמֶע אִיז אַ דָאס

מִיט אַ יֶענְץ", און זִי הָאט גֶעשְׁרִיגְן און גֶעשְׁרִיגְן, ווידֶער הָאט אִיר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מָרְדְכַי'לֶע אוּיסְגֶעהֶערְט און גֶעשָׁאקְלְט מִיטְ'ן קָאפּ, און וֶוען זִי אִיז אַרוֹיס פוּן צִימֶער הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין קַאפְּל, דָאס אוּיסְגֶעשָׁאקְלְט און זִיךְ צוּרִיק גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען.

וְדַיסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ שְׁנוּר מִיט אַ שְׁווִיגֶער קוּמֶען זִיךְ נִישְׁט אוּיס; דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם דִי זֶעלְבֶּע, און דֶער מַאן אִיז דֶער "מָאנְקִי אִינְדֶערְמִיט". מֶען דַארְף קֶענֶען גֵיין צְווִישְׁן דִי טְרָאפְּן, און אוֹיב מֶען רֶעדְט שֵׁיינֶערְהֵייט קֶען מֶען אַלֶעם אַיינְשְׁפָּארְן.

אִיךְ ווֵייס אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן, אָבֶער נִישְׁט רֶעדְן אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק; אִיךְ הַאלְט אַז דוּ זָאלְסְט כַאפְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶס מִיט דַיין ווַייבּ, זָאג אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט אַז עֶפֶּעס בַּאדֶערְט דִיר שׁוֹין פַּאר אַ לַאנְגֶע צַייט, און זָאג אִיר אָפֶּענֶערְהֵייט אַז יֶעדֶעס מָאל זִי מַאכְט אַוֶועק דַיין מִשְׁפָּחָה צִיפְּט עֶס דִיר בַּיים הַארְץ. אַז זִי וֶועט דִיר פְרֶעגְן: "וָואס? דוּ הָאסְט מֶער לִיבּ דַיין מַאמֶע ווִי מִיר?" זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן: "נֵיין, דוּ בִּיסְט מִיר מֶער בַּאלִיבְּט ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אָבֶער עֶס בַּאדֶערְט מִיר וֶוען מֶען מַאכְט אַוֶועק מַיין מִשְׁפָּחָה". אִיךְ זָאג דִיר אַז זִי ווִיל נִישְׁט דַיין שְׁלֶעכְטְס, נָאר זִי כַאפְּט פָּשׁוּט נִישְׁט אַז עֶס בַּאדֶערְט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## פ

### זָאל אִיךְ לֵיינֶען גוֹי'אִישֶׁע בִּיכֶער אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אֵיינֶער הָאט מִיר מַצִיעַ גֶעוֶוען צוּ לֵיינֶען צְוֵויי פָּאפּוּלֶערֶע אוֹיסְגַאבֶּעס אוֹיף עֶנְגְלִישׁ פוּן עֶמֶעזָאן'ס וֶועבְּסַייט, וָואס אִיז מַסְבִּיר דִי וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ קָאמְיוּנִיקִירְן מִיט אַ וַוייבּ, אוּן דֶער חִילוּק ווִי אַזוֹי מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן קָאמְיוּנִיקִירְן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק חֵשֶׁק דָאס צוּ לֵיינֶען, ווַייל אִיךְ הַאלְט אַז אִיךְ וֶועל קְלוּגֶער וֶוערְן דֶערְפוּן (אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֵיינְס אִינֶדערְהֵיים אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעלֵיינְט דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר בְּלֶעטֶער), אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא צוּ לֵיינֶען אַ זַאךְ וָואס אַ גוֹי הָאט גֶעשְׁרִיבְּן.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט דֶערְוֶועגְן?

אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן דִי נִיגוּנִים.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי אִיךְ זָאל לַאכְן אָדֶער וֵויינֶען, דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ גֵייסְט זִיךְ לֶערְנֶען שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי אַ גוֹי; ווִי אַזוֹי קֶען אַ גוֹי אוֹיסְלֶערְנֶען שָׁלוֹם בַּיִת וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט

דָא אַזַא זַאךְ ווִי אַ גוֹי זָאל לֶעבְּן מִיט אֵיין פְּרוֹי דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן וְכוּ'... אוֹיב דוּ ווִילְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ, זָאלְסְטוּ דוּרְכְלֶערְנֶען דִי סְפָרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת וָואס אִיז צוּזַאמְגֶענוּמֶען אִין "אוֹצָר שָׁלוֹם בַּיִת", דָאס אִיז צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַלֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען לֶעבְּן בְּזֶה הָעוֹלָם אַ חַיִים טוֹבִים. הַיינְט אִיז עֶס שׁוֹין גֶעדְרוּקְט אוֹיף אַפָאר שְׁפְּרַאכְן, אוֹיף אִידִישׁ, עֶנְגְלִישׁ אוּן נָאךְ; דָארְט וֶועסְטוּ זֶען ווִי אַזוֹי מֶען הָאט שָׁלוֹם בַּיִת.

**פָאלְג** מִיר אוּן וַוארְף אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ דִי אַלֶע גוֹי'אִישֶׁע בִּיכֶער; צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז בִּיכְ"ל אִיז רָאשֵׁי תֵיבוֹת (מִשְׁלֵי ב, יט): "כָּ'ל בָּ'אֶיהָ לֹ'א יְ'שׁוּבוּן", שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט: וֶוער עֶס לֶערְנְט חָכְמוֹת וָואס קוּמְט נִישְׁט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים - "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִים", וֶועט זַיין זֵייעֶר שְׁוֶוער מֶען זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, אַנְטְלוֹיף פוּן דִי אַלֶע חֲבֵרִים וָואס זֶענֶען דִיר מַצִיעַ צוּ לֵיינֶען אוֹיסְגַאבֶּעס וָואס קוּמֶען נִישְׁט פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, ווַייל דָאס וֶועט נָאר אַוֶועק נֶעמֶען דַיין אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַז** מֶען רֶעדְט שׁוֹין וֶועגְן לֵיינֶען גוֹי'אִישֶׁע בִּיכֶער, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט בִּכְלַל אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג - נִישְׁט קַיין חִילוּק אִידִישֶׁע צִי לְהַבְדִיל גוֹי'אִישֶׁע, ווַייל צֵייטוּנְגֶען רַייסְן אוֹיס דָאס יִרְאַת

שָׁמַיִם פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלָאזְט אַריין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב קַיין שׁוּם צֵייטוּנְג - אֲפִילוּ אִידִישֶׁע; שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א נָאר לֶערְנֶען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוְויסְט בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא צַייטוּנְגֶען בִּיז אִיךְ בִּין גֶעפָארְן לֶערְנֶען אִין יְשִׁיבָה.

דִי יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, אוּן וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן סוֹף וָואךְ, מִיטְוָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי דִי בָּחוּרִים הֵייבְּן אָן שְׁפְּרִינְגֶען פוּן זֵייעֶר הוֹיט, מֶען וַוארְט אַז דִי קַאר פוּן דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים זָאל שׁוֹין אָנְקוּמֶען (דִי עֶלְטֶערְן פְלֶעגְן אַרוֹיס שִׁיקְן פַאר דִי בָּחוּרִים עֶסְן וְכוּ' מִיט דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג צוּ פָארְן), אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס גֵייט פָאר, אוֹיף וָואס וַוארְט מֶען אַזוֹי בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם? הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער צֵייטוּנְג אִיז שׁוֹין אַרוֹיס גֶעקוּמֶען, אוּן מִיר קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, מִיר דַארְפְן עֶס הָאבְּן... אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'מִן הַסְתָּם פֶעלְט מִיר עֶפֶּעס פוּן מַיין לֶעבְּן, אַז אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס אַ צֵייטוּנְג אִיז', אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ קוּקְן אִין דֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דָאס לֵיצָנוּת וָואס זֵיי מַאכְן פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיךְ מִישׁ אַהֶער אִיךְ מִישׁ אַהִין - עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ לֵיינֶען דָארְט; עֶס זִיצְן פּוּסְטֶע יוּנְגֶען אוּן דַארְפְן אָנְפִילְן אַ צֵייטוּנְג מִיט הוּנְדֶערְט בְּלֶעטֶער, שְׁטֵייעֶן זֵיי אוּן מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, לֵיצֵי לֵיצָנוּת, אוּן עוֹלָם גוֹלָם קוֹיפְט עֶס, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט פַארְוָואס. קֵיינֶער טְרַאכְט

שוין נישט אַליין, נאר וואס דער שרייבער שרייבט, דאס איז דער שכל הַיָּשָׁר...

**וואויל** איז פאר א מענטש וואס נעמט נישט אריין אין שטוב קיין שום מאגאזין, און ער געבט אכטונג אויף זיינע קינדער וואס זיי לייענען; ער קויפט פאר זיינע קינדער סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פון הייליגע צַדִּיקִים תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און ער פארברענגט שַׁבָּת בַּיי די סְעוּדוֹת מיט זיי, און ער נעמט שָׁלוֹם בַּיִת פון די תּוֹרָה און פון די הייליגע צַדִּיקִים.

**איך** האף אז דו וועסט מיר פאלגן, וועט דיר זיין גוט בָּזֶה וּבַבָּא.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מַצְלִיחַ זיין אין אַלע דיינע וועגן.

## פא

### מעג מען קושן א קינד? פארוואס רופט מען דעם רבי'ן אויפ'ן מאמע'ס נאמען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שָׁלוֹם וּבְרָכָה, צום ערשט וויל איך נאכאמאל באדאנקען דעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פאר אלע שִׁיעוּרִים (וואס איך באקום אין אימעיל), דאס האט געטוישט אסאך זאכן אין מיין לעבן צום גוטן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט אָנְמֶערְקְן אַז לֶעצְטְנְס זֶענֶען אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט גֶעוָוארְן עֶטְלִיכֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף מַעֲרֶכֶת "קוֹל הַלָּשׁוֹן" אוּן דָאס אִיז אַ מֶעכְטִיגֶע הַפָּצָה, וַוייל דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאבְּן זֵייעֶר אַסאךְ מֶענְטְשְׁן נִישְׁט קַיין אִימֶעיל וְכוּ', אוּן אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיךְ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה (עֶס זֶענֶען דָא עֶטְלִיכֶע קָאמְפְּיוּטֶער-סְטַאנְצְיֶעס אִין גֶעצֵיילְטֶע בָּתֵּי מִדְרָשִׁים לֶענְגְאוֹיס אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס מֶען קֶען דָארְט דַאוּנְלָאוּדְן אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּן קוֹל הַלָּשׁוֹן אוֹיף אַן עֶם-פִּי-3 פְּלֶעיעֶר) דֶערְפַאר וִויל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ מֶעגְלִיךְ, אַז מֶען זָאל כְּסֵדֶר אָפְּדֶעיטְן אוּן אַרוֹיפְלֵייגְן דִי פְּרִישֶׁע שִׁיעוּרִים, נִישְׁט נָאר אֵיינְמָאל יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט[*].

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי שְׁאֵלוֹת וָואס אִיךְ וִויל פְרֶעגְן:

א) בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי שִׁיעוּרִים הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה נָאכְגֶעזָאגְט בְּשֵׁם דֶעם רֶבִּי'ן אַז מֶען זָאל נִישְׁט קִישְׁן דִי קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען דֶער פְּשַׁט דֶערִין, וַוייל אַלֶע מְחַנְּכִים טַעֲנָה'ן פַארְקֶערְט, אַז אַלֶע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נֶעבֶעךְ אַרָאפּ פוּן וֶועג זֶענֶען קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקִישְׁט אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען הָאט זֵיי לִיבּ (דַאכְט זִיךְ מִיר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט דָאס אַמָאל דֶערְמַאנְט בַּיי אַ שִׁיעוּר).

ב) פַארְוָואס אִין בְּרֶסְלֶב וֶוען מֶען דֶערְמַאנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, זָאגְט מֶען: "רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא" אוּן נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען בַּיי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן צַדִּיקִים זֵיי צוּ דֶערְמַאנֶען נָאכְ'ן פְּטִירָה "רֶבִּי נַחְמָן בֶּן שִׂמְחָה" מִיטְן טַאטֶע'נְס נָאמֶען?

---

* תודה לקל יתברך, אז בשעת דער ספר גייט צום דרוק איז שוין א שטיק צייט צוריק געמאלדן געווארן מטעם קול הלשון פון ארץ ישראל א בשורה טובה, אז צוליב די פילע פארלאנגען וואס רופן אריין צו הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, האבן זיי צוגעשטעלט א דירעקטע ליין (קו) ווי מען קען אנקומען תיכף צו די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א.

דער נייער נומער איז 073-2951514 (פון אמעריקע 011-972-73-295-1514), ווי אויך קען מען רופן דעם לאקאל'ן נומער פון קול ברסלב 079-704-0066 וואו מען קען הערן די שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפילה; און נאך.

אִיךְ וָועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן טְרָאץ זַיין פַארְנוּמֶענֶעם סֵדֶר הַיּוֹם אוּן טִרְדוֹת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ז תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוער עֶס הֶערְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶען הֵייבְּט אָן בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ אַז מֶען פַאלְט אַרָאפּ וְכוּ׳ שְׁרֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דָארְט. מֶען קֶען דָאס נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶעם וָואס הָאט נָאךְ נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוערְט גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט בְּנוֹגֵעַ קוּשְׁן קִינְדֶער וְכוּ׳; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן נט): ״מְסֻגָּל יוֹתֵר לַבָּנִים לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם, לְשַׁעֲשֵׁעַ בָּהֶם בְּכָל פַּעַם, רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם כְּלָל״, עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ זֵיי צוּ שְׁטַארְק, נָאר מֶען

לָאזְט זֵיי אַלֵיינְס אוֹיפְוַואקְסְן, עַיֵין שָׁם. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אַ קִינְד קוּשְׁט מֶען נִישְׁט, אוּן אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען נִישְׁט", דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֶעבְּן אַ קוּשׁ פַאר אַ קִינְד, נָאר מֶען זָאל נִישְׁט זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ זֵיי. וַוייל וִוי מֶער מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם קִינְד אוּן מֶען צֶערְטְלְט אִים, מֶען קוּשְׁט אִים אוּן מֶען הַאלְדְזְט אִים, נָאכְדֶעם וֶוען דֶער קִינְד אִיז לֶעבֶּעדִיג אוּן שְׁפְּרִינְגֶעדִיג וְכוּ' וְכוּ', שְׁלָאגְט מֶען אִים.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס מֶען רוּפְט דֶעם רֶבִּי'ן רַבֵּינוּ "נַחְמָן בֶּן פֵיגָא" בַּיי זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען, אוּן נִישְׁט בֶּן שִׂמְחָה - מִיטְן טַאטֶענְ'ס נָאמֶען; דָאס אִיז וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל אִים רוּפְן בַּיי זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען, וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר מַכִּיר טוֹבָה גֶעוֶוען זַיין מַאמֶע אַז זִי הָאט אִים אוֹיפְגֶעצוֹיגְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם.

**דֶעם** רֶבִּינְ'ס טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאהַאלְטֶענֶער צַדִיק, עֶר אִיז גֶעוֶוען רוֹב צַייט בַּאהַאלְטְן אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּבּ, דֶעם רֶבִּינְ'ס מַאמֶע פֵיגָא הַצְדֶיקֶת, זִי הָאט מְגַדֵל גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אִין אִים אַרַיין גֶעלֵייגְט יִרְאַת שָׁמַיִם. וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבוֹירְן גֶעוָוארְן הָאט זִי אָנְגֶעטוּן אַ קַאפְּל פַאר'ן רֶבִּי'ן, אוֹיךְ הָאט זִי גְלַייךְ נָאכְן גֶעבוֹירְן אָפְּגֶעוָאסְן זַיינֶע הֶענְט. זִי פְלֶעגְט אִים נֶעמֶען כְּסֵדֶר צוּם קֶבֶר פוּן אִיר זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן דָארְט וֵויינֶען אַז דֶער קִינְד זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק,

דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט מֶען זָאל אִים רוּפְן רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

**עֶס** זֶענֶען דָא נָאךְ צַדִיקִים וָואס מֶען רוּפְט זֵיי בַּיי דִי נָאמֶען פוּן זֵייעֶר מַאמֶע; דֶעם זוּנְטָאג - כ״ה תִּשְׁרֵי, אִיז גֶעוֶוען דִי יָארְצַייט פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק מִבַּארְדִיטְשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס אִים אִיז מֶען אוֹיךְ מַזְכִּיר: ׳לֵוִי יִצְחָק בֶּן שָׂרָה סָאשֶׁע זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ׳.

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען וויסְן אַז אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן אוּן וָואס מִיר טוּעֶן אִיז נָאר בִּזְכוּת אַלֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי וֶועלְט.

**יֶעדֶעס** מָאל מֶען אִיז מַזְכִּיר אַ נָאמֶען פוּן אַ צַדִיק בְּרֶענְגְט מֶען אוֹיף זִיךְ יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת צַדִיק, חֵלֶק ב׳, סִימָן כ׳): ״עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שְׁמוֹת הַצַּדִיקִים, יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁינּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע״, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים בְּרֶענְגְט מֶען אוֹיף זִיךְ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, אֲפִילוּ זַאכְן וָואס טוֹישְׁט דִי טֶבַע פוּן דֶער וֶועלְט.

**דֶערְפַאר** אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה אַז מֶען זָאל בֶּעטְן בִּזְכוּת הַצַּדִיקִים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ אוּן בִּזְכוּת דִי צַדִיקִים פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים טז, ב): ״טוֹבָתִי בַּל עָלֶיךָ, לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל חֶפְצִי בָם״,

הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס לֶעבְּן, און בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען שׁוֹין נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## פב

### דָאס מְיַיחֵד זַיין יִחוּדִים, אִיז דָאס שַׁיָיךְ אוֹיךְ פַאר פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק כ"ב דַף ס"א, שְׁרַייבְּט דָארְט מוֹהֲרָא"שׁ זצ"ל אַזוֹי: "וְצָרִיךְ שֶׁתֵּדַע אֲהוּבִי, כִּי עֵסֶק הַיִחוּדִים הוּא עִנְיָן נוֹרָא וְנִשְׂגָּב מְאֹד מְאֹד, וְעַל פִּי דִבְרֵי הָאֲרִיזַ"ל בְּשַׁעַר הַיִחוּדִים, הוּא מַעְלָה יוֹתֵר מִלִּמּוּד הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, הַיְינוּ בְּשָׁעָה שֶׁאָדָם מְדַבֵּר עִמּוֹ יִתְבָּרַךְ, יְצַיֵּיר לִפְנֵי עֵינָיו שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא בד' מִלּוּיִין: ע"ב, ס"ג, מ"ה, ב"ן. וְכָל מַה שֶׁיִּזְכֶּה לְבַטֵּל אֶת עַצְמוֹ בְּיוֹתֵר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, וְיִזְכֶּה לְיַחֵד שְׁמוֹת אֵלּוּ, יוֹתֵר יָאִיר לוֹ עֲרֵבוּת, נְעִימוּת, זִיו, חִיּוּת אֱלוֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּהֶאָרָה וּבְזִיו נוֹרָא וְנִשְׂגָּב מְאֹד. אַשְׁרֵי מִי שֶׁחָזַק בְּזֶה תָּמִיד!"

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז שַׁיָיךְ אוֹיךְ פַאר פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן? און אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט מְיַיחֵד זַיין דִי אַלֶע יִחוּדִים, אוֹיבּ עֶס אִיז גֶענוּג אַז מֶען טְרַאכְט נָאר פוּן דִי שֵׁם הַוַיָ"ה?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרַט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (שַׁעַר רוּחַ הַקֹּדֶשׁ) אַז יֶעדֶעס מָאל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְיַיחֵד אַ יִחוּד, עֶר טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל; בִּפְרַט וֶוען מֶען אִיז מְיַיחֵד דֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא מִיט דִי מִלּוּי פוּן ע"ב, ס"ג, מ"ה אוּן ב"ן, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דָאס זִיסְקַייט אוּן גֶעשְׁמַאק פוּן חִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

**אָבֶער** וויסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ, עֶר נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; עֶר טְרֶעפְט זִיךְ אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן דָארְט שְׁמוּעֶסְט עֶר אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים - סֵיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, בְּמֶשֶׁךְ הַיָּמִים וְהַשָּׁנִים וֶוערְט אִים דֶער מֹחַ לוֹיטֶער אוּן רֵיין, אוּן עֶס הֵייבְּט אִים אָן צוּ שַׁיינֶען פַאר דִי אוֹיגְן דֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ פַּרְשַׁת נֹחַ, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים'): "וְזֶה סִימָן לְבַעַל תְּשׁוּבָה גָמוּר, כְּשֶׁהַשֵּׁם הַקָּדוֹשׁ שֵׁם הֲוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא עוֹמֵד לְנֶגֶד עֵינָיו הוּא סִימָן שֶׁתִּקֵּן בִּיְרִאָתוֹ כָּל חֲטָאָיו", דָאס אִיז דֶער סִימָן פוּן אַ רִיכְטִיגֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה, אַז עֶס שַׁיינְט אִים אוּן עֶס

לַייכְט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן דֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה בָּרוּךְ הוּא; אָבֶּער דָאס קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר גֵייט אִין מִקְוֶה יֶעדְן טָאג, עֶר גֵייט דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן. עֶר דַאוְונְט אִין אַ סִידוּר אָן קַיין כַּוָונוֹת, אָן קַיין שֵׁמוֹת וְיִחוּדִים נָאר פָּשׁוּט בִּתְמִימוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "נָאךְ אַלֶע מַיינֶע כַּוָונוֹת אוּן נָאךְ אַלֶע שֵׁמוֹת וְיִחוּדִים, לֵייג אִיךְ אַלֶעס אִין דֶער זַייט, אוּן אִיךְ דַאוְון וִוי אַ קִינְד דַאוְונְט אִין חֶדֶר".

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא וְכוּ' אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים דֶערְצֵיילְט עֶר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זוֹכֶה אַז עֶס הֵייבְּט אִים אָן לַייכְטְן דֶעם שֵׁם הַוַיָ"ה וְכוּ'.

**אַ** אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וָואס עֶר זָאל אִינְזִין הָאבְּן בַּיים דַאוֶוענֶען וֶוען עֶר דֶערְמַאנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס אִיז שְׁלֶעכְט אִינְזִין צוּ הָאבְּן פָּשׁוּט גָ-אָ-ט...? וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס נָאמֶען דַארְף שׁוֹין כַאפְּן אַ פַּחַד", עַיֵין שָׁם (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תיד).

**וזאויל** אִיז דֶעם וָואס אִיז מְקַיֵים אַלֶע מִצְוֹות וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן בְּשִׂמְחָה עֲצוּמָה, בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישעי' אלכסנדר** בן **חוה**,
ווזג' **מרים ראצל** בת **חי' פרידא**,
ובניהם **לאה, נחמן נתן, רייזל**
**איידלים**

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישראל יוסף** בן **סימא העניא**,
ווזג' **נחמה** בת **לאה מרים**,
ובניהם **טשארנא, פיגא**,
**שניצלער**

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אשר יעקב** בן **רחל**,
ווזג' **חיה חנה** בת **ברכה**,
ובניהם **לאה פיגא, עטל, נחמן נתן, העניא פרומא**
**בלום**

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מנשה הלוי** בן **מלכה**,
ווזגתו **חי' שבע** בת **אסתר מלכה**,
ובניהם **שמואל דוד, ישראל יוסף, רוזא בלימא, פיגא**
**איצקאוויטש**

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

קרן הדפסה
היכל הקודש

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגָא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעֱלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

מִכְתָּם לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

## לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהֹוָה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהֹוָה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהֹוָה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהֹוָה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

## מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהֹוָה: יְהֹוָה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהֹוָה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהֹוָה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

*) אחר 'אתה סתר לי' - צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהוָה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

# מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהוָה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

## נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ
אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי
תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה
אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהֹוָה:
בְּלִי־עָוֹן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהֹוָה־אֱלֹהִים
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי
אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן
בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהֹוָה תִּשְׂחַק־
לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי:
אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ
עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־
שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה,
כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ
סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן
לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר
חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ
אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

## עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי *) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה,
קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

*) באמרך 'אל אלהים' תכוון המילוי כזה: אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים: אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ.

תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה׃ יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה׃ מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ׃ לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה׃ שׁוּבָה יְהוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ׃ שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ׃ שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה׃ יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָּעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם׃ וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ׃

## קה.

הוֹדוּ לַיהוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו׃ שִׁירוּ לוֹ
זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו׃ הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ
יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהוָה׃ דִּרְשׁוּ יְהוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד׃
זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו׃ זֶרַע אַבְרָהָם
עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו׃ הוּא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ
מִשְׁפָּטָיו׃ זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר׃ אֲשֶׁר
כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק׃ וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק
לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם׃ לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל
נַחֲלַתְכֶם׃ בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ׃ וַיִּתְהַלְּכוּ
מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר׃ לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם
וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים׃ אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ׃
וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר׃ שָׁלַח לִפְנֵיהֶם
אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף׃ עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ׃
עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהוָה צְרָפָתְהוּ׃ שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ׃ שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ׃ לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם׃ וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם׃ וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו׃ הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו׃ שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ׃ שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם׃ שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ׃ הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם׃ שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם׃ אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם׃ נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם׃ וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם׃ אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר׃ וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם, וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם׃ וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם׃ וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל׃ שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם׃ פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה׃ שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָיו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם׃ פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר׃ כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ, אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ׃ וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו׃ וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ׃ בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ׃

## קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן׃ עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ׃ כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן׃ אֵיךְ נָשִׁיר אֶת־שִׁיר יְהוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר׃ אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהֹוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֵת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

# קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעֻזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל מנחם גרשון** בן חי' רבקה,

וזוג'

**מלכה מאטל מינדל** בת העניא,

ובתם

**שרה גיטל**

**שניצלער**

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות
וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות
ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך
ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת
דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי אהרן חיים** בן חנה,

וזוג'

**יוטא פערל** בת חנה לאה,

ובניהם

**נתנאל, יחזקאל שרגא**

# היילפרין

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות
וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות
ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך
ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת
דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**משה יחיאל** בן ברכה גיטל יוכבד,

וזוג'

**רחל קריינדל** בת שרה ברײנדל ליבא,

ובניהם

**יוסף מרדכי, אברהם**

# פעלדמאן

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות
וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות
ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך
ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת
דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יואל בן רבקה שיינדל,

וזוג'

חוה לאה בת רחל,

ובתם

פיגא

לאנדא

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות
וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות
ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך
ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת
דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## אליעזר בן רחל

# שמן

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליח ברוחניות וגשמיות ובכל מעשה ידיו, ויזכה לבריאות ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך ולהתקרב לרבינו הקדוש ויזכה לבנות בית נאמן בישראל בקרוב, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## אברהם אליהו בן חי' גיטל,

## ווזוג' פיגא בת רבקה חייענא,

## ובניהם מלכה, ישראל

# קנאלל

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**ישראל יוסף בן סימא העניא,**
וזוג' **נחמה בת לאה מרים,**
ובניהם **טשארנא, פיגא**

**שניצלער**

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אלעזר צבי בן סימא העניא,**
וזוג' **מלכה הינדא** בת **בילא שינדל,**
ובנם **נחמן נתן**

**שניצלער**

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם אליהו** בן **אסתר,**
וזוג' **הענטשא** בת **חנה לאה,**
ובניהם **ישראל, יוסף**

**פרידריך**

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**צבי בן אסתר רבקה,**
וזוג' **פיגא יוטא** בת **רעלא גיטל,**
ובניהם **יהודה, עטל צבי', חי'**

**כ"ץ**

הקדוש ברוך הוא יעזור שיצליחו ברוחניות וגשמיות ובכל מעשה ידיהם ויזכו לבריאות ואריכות ימים ושנים טובות לעבודתו יתברך ולהתקרב לרבינו הקדוש וירוו רוב נחת דקדושה מכל יוצא חלציהם, אמן.